STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01430

# DI ENGLISHE REVOLUTSYE

N. Dobrov

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג „די וועלט“.

נ. דאבּראוו.

# די ענגלישע רעוואלוציע.

ווילנא 1907.

Н. Добровъ. Англійская революція.

1150

Печатано въ типографіи «Вдова и бр. Роммъ», Вильна,
Уголъ Духов. и Глух. пер. соб. домъ № $1/2$.

Набрано въ тип. Баскинда. Вильна, Завальная ул. д. Троцкаго.

# ענגלאנד פאר דער רעוואלוציע.

די ענגלישע רעוואלוציע איז, אויסדריקענדיג זיך מיט מארקס'ס ווערטער: „די ערשטע רעוואלוציע אין „אייראפעאישען סטיל“; די ערשטע פראבע צו פערבייטען דורך נייע יסודות די אלטע, וועלכע האבען שוין אריבערגעלעבט זיך אליין — די יסודות פון „געטליכען רעכט“ — דעם רעכט, וואס די קירכע האט סאנקציאנירט — דעם רעכט פון געוואלטזאמע מאכט און געבורטס-פריווילעגיע“. דער „גייסט פון דער אלוועלטליכער געשיכטע“ האט, ווי עס ווייזט אויס, אויף ענגלאנד אויסגעפרובט זיינע כחות, האט צום ערשטען מאל אבגעשפיעלט יענע גרויסע דראמע, וועלכע ער האט שפעטער איבערגע'חזר'ט נאר מיט אונבעדייטענדע אומענדערונגען אין די איינצעלהייטען אויף אלע פאליטישע סצענעס פון דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט.

אבער ניט צופעליג איז ענגלאנד געווען די אויסערוועהלטע. שוין ביי איהר ערשיינונג אויף דער וועלט האט זי מיט זיך געבראכט דעם קערן פון די וויכטיגסטע עלעמענטען פאר דער צוקונפטיגער דראמע.

דאס ענגלישע קעניגרייך האט זיך געבילדעט אין אנפאנג IX-טען יאהרהונדערט אויס די פעראייניגטע מיליטערישע ערד-ארבייטער-קאלאניעס, וועלכע די דייטשע אויסוואנדערער האבען פערשפרייט איבער דעם גאנצען בריטאנישען אינזעל אין א משך פון די פריהערדיגע 4 הונדערט יאהר. פון אנפאנג זענען די דאזיגע קאלאניעס געווען אונאבהענגיגע און צווישען זיך ניט פערבונדענע גרופעס אויסוואנדערער. ס'איז זאגאר פארגעקומען צווישען זיי א קאמפף צוליעב בעסערע שטיקער ערד. נאר אין גיכען האבען זיי אנגעהויבען זיך צו פערבינדען צווישען זיך ערשטענס מיט דעם צוועק אין גאנצען צו דערשטיקען די איינגעבארענע בריטאנישע בעפעלקערונג און צווייטענס כדי זיך אבצואוועדרען פון די קריעגס-דורסטיגע גאטער-שבטים און פון די דענישע און נארוועגישע רויבער-שיפען, וועלכע האבען שוין לאנג גע-

האַרפֿען אַנאָויג אויף בריטאַניען, אַלס אַנאָרט פֿאַר זייערע אָנפֿאַלען.

די פֿערבאַנדען האָבען אָנפֿאַנגס געטראָגען אַ צייטווייליגען כאַראַקטער און פֿערפֿאָלגט ריין-מיליטערישע ציעלען. נאָר שוין אין 7-טען יאָהר-הונדערט פֿעראייניגען זיך די מעהר איינפֿלוסרייכע קאָלאָניעס אין אַ שטענדיגען פֿערבאַנד, וועלכער נעהמט אויף זיך אויסער די מיליטער-אויפֿגאַבען, אויך די אויפֿגאַבע צו רעגולירען די בעציהונגען צווישען די קאָלאָניעס. צו דעם דאָזיגען פֿערבאַנד שטעהען ביסלעכוויי צו, זאָגאַר ניט אַלע מאָל מיט'ן גוטען ווילען, אויך די איבעריגע קאָלאָניעס, און אין אָנפֿאַנג פֿון דעם 9-טען יאָהר-הונדערט ווערט דער דאָזיגער פֿערבאַנד אַ פֿעראייניגטעס קעניגרייך מיט אַ קעניג בראש.

אַלס מאָטיווען צו פֿעראייניגונג דיענען געוועהנליך אויסערליכע אורזאַכען — די נויטווענדיגקייט פֿון אַ שטענדיגער אָרגאַניזירטער זעלבסטשוץ געגען די אויסערליכע שונאים. נאָר ס'איז גאָר קיין ספֿק ניט, אַז די גרעסטע און אפֿשר אויך די וויכטיגסטע ראָלע שפּיעלען דערביי אינערליכע מאָטיווען: די געזעלשאַפֿטליכע דיפֿערענצירונג אין די קאָלאָניעס גופֿא.

די ערשטע צייטען איז, ווי ס'ווייזט אויס, די בענוצונג מיט די ערד געוועזען אָרגאַניזירט אויף דעם געמיינדע-גרונד מיט מעהר אָדער ווייניגער גלייכע רעכטען פֿאַר די מיטגלידער פֿון די געמיינדעס. נאָר צוליעב דעם מיליטערישען כאַראַקטער פֿון די קאָלאָניעס האָט זיך אין גיכען אויסגעאַרבייט ביי זיי אַ מיליטער-יעראַרכיע מיט העכערע בירושה'דיגע מלוכה-שטעלען און העכערע בירושה'דיגע הויפּט-פֿיהרער. אין איינינע קאָלאָניעס האָבען שוין אין 6-טען יאָהר-הונדערט די דאָזיגע בירושה'דיגע הויפּט-פֿיהרער געטראָגען דעם טיטעל „קינינג" (פֿירסט אָדער קעניג). איינער פֿון אַזעלכע קינינגען איז ביי דער גרינדונג פֿון דעם קעניגטהום ערקלערט געוואָרען אַלס קעניג פֿון גאַנץ ענגלאַנד.

ווי עס ווייזט אויס פֿלעגען די פֿערמעגענס-רעכטען פֿון דעם אָדער יענעם קאָלאָניסט בעשטימט ווערען מיט דעם אָרט, וואָס דיזער פֿלעגט פֿערנעהמען אויף דעם מיליטער-יעראַרכישען לייטער. די וואָס פֿלעגען פֿערנעהמען אַ העכערע שטופֿע, איבערהויפּט די, וואָס האָבען עס פֿערנומען על פּי ירושה, האָבען אָנגעהויבען אַרויסשטעלען פּרעטענזיעס אויף גרעסערע טהיילען פֿון דער געמיינדע-ערד, וועלכע זיי האָבען געקענט בעאַרבייטען מיט די הענד פֿון די איינגעבאָרענע, וואָס זיי האָבען פֿערוואַנדעלט אין זייערע שקלאַפֿען. צוליעב דער ניט גלייכער בענוצונג מיט דער ערד זענען ענטשטאַנען מחלוקות.

אויף וויפֿיעל עס האָט זיך געפֿיהלט די נויטווענדיגקייט צו רע-

גילירען די אגראר-בעציהונגען, קען מען זעהען דערפון, וואס דער ערשטער אקט פון דעם נאר וואס געגרינדעטען קעניגרייך איז געוועזען די צוטהיילונג פון די ערד צווישען די „פרייע וועלנער", ד. ה., צווישען דער גאנצער בעפעלקערונג פון דער דייטשער אבשטאמונג. די איינגעבארענע, וועלכע זענען שוין געווארען אין גאנצען לייב-אייגענע, האבען פערשטעהט זיך, גאר נישט בעקומען.

מיר שטעלען זיך באריכות אב אויף אזא וויטען מאמענט צוליעב דעם, ווייל דער דאזיגער מאמענט בעשטימט דעם גאנצען ווייטערדיגען גאנג פון דער ענגלישער געשיכטע. אט אין דער ערשטער פאנאנדערטיילונג פון דער ערד געפינען זיך אין קערן יענע עלעמענטען פון דער דראמע, וועגען וועלכער מיר האבען גערעדט פריהער.

* *
*

נאר א טייל פון דער ערד איז געווארען צוטיילט און איז איבערגעגאנגען אין פריוואט-אייגענטהום; דאס איז געוועזען דער שטח ערד, וואס איז שוין געוועזען בעארבייט. די איבריגע — די לאנקעס, וועלדער און די גאנצע נאך ניט בעארבייטע ערד, איז ערקלערט געווארען אלס „פאלקס-אייגענטהום" און איז איבערגעגעבען געווארען צו געמיינשאפטליכע בענוצונג פאר אלע „פרייע".

די ערד פון דער ערשטער קאטעגאריע איז געווארען צוטיילטן און איבערגעגעבען אלעמען אלס פאלקאמעס פריוואט-אייגענטהום מיט דעם רעכט צו צוטיילען אויף קלענערע שטיקער ערד און איבערצוגעבען לויט זייער ווילען. נאר אלס נארם ביי דער בעשטימונג פון דער גרויס פון די ערד-טיילען האט געדינט דער זעלבער יעראַרכישער לייטער. אויף דעם גורל פון די, וואס האבען געהאט א העכערען טיטעל, בעזאנדערס פון די בירושהדיגע, איז אויסגעקומען דער גרעסטער טייל. די פשוטע קאלאניסטען-וועלנער און די וואס האבען געהאט א נידריגען טיטעל, האבען בעקומען ניכטסווירדיגע טיילען ערד, וואס איז בעשטאנען פון א קליין שטיקעל אקער-ערד און א מינימאלען שטח ערד אויף אוועקצושטעלען א שטוב און אויף אנדערע ווירטשאפטליכע געביידעס. די זאגענאנטע „פאלקס-ערד" איז די ערשטע צייט ווירקליך געוועזען א געמיינשאפטליכער אייגענטהום, דאס האט געגעבען די מעגליכקייט די אייגענטהימער פון זעהר קליינע טיילען ערד צו בעשעפטיגען זיך כאטש אויף וויפיעל ניט איז מיט פיה-צוכט און איבערהויפט מיט שאפ-צוכט. נאר גאר אין גיכען האבען די קעניגען, די בעלי-דעות איבער

דעם גורל פֿון גאַנצען פֿאָלק, אָנגעהויבען צו קוקען אויף די פֿאָלקס־ערד ווי אויף זייער אייגענטהום. עס האָבען זיך אָנגעהויבען בעגרענצונגען אין דער בענוצונג מיט די לאָנקעס און וועלדער; די קעניגען האָבען אָנגעהויבען אונגעשטערטערהייט צו שענקען גרויסע טיילען פֿון פֿאָלקס־ערד זייערע ליעבלינגס.

די רעזולטאַטען פֿון דער צוטיילונג האָבען זיך נאָר אין גיכען געלאָזט פֿיהלען. עס איז נאָך ניט אַוועק קיין הונדערט יאָהר נאָך דער בילדונג פֿון דעם קעניגרייך (צום סוף פֿון **אַלבערעכט דעם גרויסען'ס** רעגירונג) און אין ענגלאַנד איז שוין געווען אַ קלאַס „ריטטער“, וואָס האָט אין זיינע הענד קאָנצענטרירט אַן־אונגעהויער גרויסען טייל פֿון אַקער־ערד און פֿלעגט אונגעשטערט אַריינכאַפּען אויך די „פֿאָלקס־ערד“. עס האָט זיך געבילדעט אַ קלאַס לענד־לאָרדען — ערד־אַריסטאָקראַטיע. פֿון דער אַנדער זייט זענען די קינדער און קינדס־קינדער פֿון די פּשוטע זעלנער געוואָרען אייגענטהימער פֿון אַזעלכע אונבעדייטענדע שטיקלעך ערד, וואָס האָט קיין זין ניט געהאַט צו בעאַרבייטען. זייער פֿערצווייפֿעלטע לאַגע האָט זיך נאָך פֿערערגערט צוליעב דעם, וואָס דאָס רעכט צו בענוצען זיך מיט די געמיינדע־לאָנקעס איז אַלץ מעהר בעגרענצט געוואָרען און זיי האָבען וואָס ווייטער אַלץ מעהר פֿערלאָרען די מעגליכקייט צו געפֿינען אַ ביי־שטיצע אין שאָף־צוכט. די קליינע שטיקלעך ערד פֿלעגען פֿערקויפֿט ווערען פֿאַר אומזיסט, אָדער פֿלעגען איבערגעגעבען ווערען אין אַנדערע צו די מעהר גליקליכע שכנים; די אייגענטהימער פֿון די דאָזיגע שטיקלעך ערד פֿלעגען ווערען אמת'ע פּראָלעטאַריער, וועלכע זענען געצוואונגען געווען אויף וועלכען ניט איז אופֿן צו פֿערקויפֿען זייער אַרבייטס־קראַפֿט. זיי פֿלעגען אָנקומען אין דיענסט צו די גרעסערע ערד־בעזיצער אַלס פֿערוואַלטער פֿון זייערע גיטער, אַלס אָנגעשטעלטע, אַלס לייב־בעשיצער, אַלס וועכטער, פֿלעגען פֿערנעהמען די שטעלעס פֿון זעלנער און אָפֿיציערען אין די מיליטער־אַבטהיילונגען, וועלכע פֿיעלע אַריסטאָקראַטען פֿלעגען אויסהאַלטען אויף זייער אייגענעם חשבון, אָדער אין דער קעניגליכער געדונגענער אַרמעע*). נאָר די צאָהל פֿון ערד־לאָזע וואַקסט שנעל; פֿיעלע פֿון זיי זענען געצוואונגען צו ווערען באַטראַקעס, פֿיעלע — פּשוטע בעטלער.

*) די פּערזענליכע' מיליטער־דיענסט, וועלכע איז די ערשטע צייטען געווען אַ חוב פֿאַר אַלע „פֿרייע“, איז אין גיכען פֿערביטען געוואָרען אויף געלד־פּפליכטען. מ'האָט דעם קעניג געמוזט איינצאָהלען גרויסע אַבצאָהלונגען, און אויף די געלד האָט דער קעניג אויסגעהאַלטען דיעם געדונגענעם חיל.

צוזאַמען מיט דער עקאָנאָמישער רואינירונג פֿון די פֿאָלקס־מאַסען איז געגאַנגען אויך די בעגרענצונג אין זייערע סאָציאַל־יורידישע רעכטען. די רעשטען פֿון דעם אוראַלטען דעמאָקראַטיזם, וועלכע זענען נאָך איבערגעבליבען צו דער צייט, ווען ס'האָט זיך געגרינדעט דאָס קעניגרייך, האָבען אָנגעהויבען בּיסלעכווייז צו פֿערשווינדען. אַזוי צום ביישפּיעל ווערט פֿון זיך אַליין פֿערשוואונדען דאָס רעכט פּאַסיוו און אַקטיוו אַנטייל צו נעהמען אין די וואַהלען אויף די געמיינדע־אַמטען אָדער אין דעם געריכט פֿון די געשוואָרענע. דיזעס רעכט האָט געהערט מעהר ניט ווי די „פֿרייע" בעלי־הבתים. אין אָנפֿאַנג האָט דיזע בעגרענצונג געקענט האָבען אַ שייכות נאָר צו די בריטען, ד. ה. צו די אונפֿרייע, ווייל אַלע פֿרייע זענען געווען בעלי־בתים־אייגענטהימער, לכל הפּחות פֿון קליינע שטיקלעך ערד. אָבער ביי דער צערשטערונג פֿון קליינע ווירטשאַפֿטען, האָבען אויך די דאָזיגע בעלי־הבתים פֿערלאָרען זייערע בירגערליכע רעכטען. ווי אין די דאָרף־ אַזוי אויך אין די שטאָדט־קהלות ווערט זייער גיך איינגעשטעלט אַ גענוג הויכער פֿערמעגענס־צענז פֿאַר די אַנטייל־נעהמער פֿון דעם געזעלשאַפֿטליכען לעבען.

* *

*

אויף אַזאַ אופֿן האָט זיך געבילדעט אין ענגלאַנד פֿריהער איידער אין דער גאַנצער איבריגער אייראָפּאַ אַ קלאַס „פֿרייע" מענשען, וואָס זענען געווען אין גאַנצען אָבגעריסען פֿון די פּראָדוקציאָנס־ווערקצייג און זענען דעריבער געצוואונגען געווען צו פֿערקויפֿען זייער אַרבייטס־קראַפֿט. די פֿערמעהרונג פֿון דיזען קלאַס מענשען האָט געבראַכט דערצו, אַז דאָס לייב־אייגענטהומס־רעכט וואָלט ניט נור געווען איבריג, נאָר וואָלט געבראַכט אַפֿילו היזק: די „פֿרייע" אַרבייטער האָבען געקאָסט בּיליגער. דאָס לייבאייגענטהומס־רעכט פֿערשווינדעט פּראַקטיש אין ענגלאַנד מיט אַ לאַנגער צייט פֿריהער, איידער עס ווערט אָבגעשאַפֿט פֿאָרמעל דורך אַ געזעץ. דער קלאַס פֿרייע לוין־אַרבייטער, וואָס האָט זיך געבילדעט אויף אַזאַ אופֿן, האָט געגעבען די מעגליכקייט אויך די מיטעלע קלאַסען פֿריה אַרויסצוטרעטען אַלס קאָנקורענטען געגען די גרויסע ערד־אייגענטהימער־אַריסטאָקראַטיע, וועלכע האָט לויט איהרע פּריווילעגיעס געהאַט דאָס רעכט צו בעזיצען לייבאייגענע.

לויט איהר הערקונפֿט געהערט די ענגלישע בורזשואַזיע פֿון דעם פֿאַר־רעוואָלוציאָנערען פּעריאָד טיילווייז צו די נאָכפֿאָלגער פֿון יענע, וואָס האָבען ביי דער ערשטער ערד־פֿאַנאַנדערטיילונג בעקומען

מיטעלע ערד-טיילען, טיילווייז צו די סוחרים און בעזאָנדערס צו די וואָל-סוחרים.

די דאָזיגע שיכטען זענען געווען די הויפּט-אויפקויפער און אַרענדאַטאָרען פון די קליינע ערד-טיילען און אין דער צייט, ווען די פריהערדיגע בעלי-בתים פון די קליינע ערד-טיילען פלעגען פעראָרעמט ווערען, פלעגען די דאָזיגע מיטעלע שיכטען רייך ווערען, אָנזאַמלענדיג פון די „בעטלערישע" ערד-טיילען גאַנץ גרויסע מאַיאָנטקעס. ביז דעם 13-טען יאָהרהונדערט איז די בעאַרבייטענדע אינדוסטריע געווען אין ענגלאַנד נאָך גאָר ווענינ ענטוויקעלט. אין אַנדערע לענדער פלעגט מען אַרויספיהרען נאָר רויהע מאַטעריאַלען און אי בערהויפּט וואָל. פאַר די גאַנצע צייט פון דיזען פעריאָד שפּיעלט די הויפּט-עקאָנאָמישע ראָלע אין דער מלוכה נאָר די אַגראַר-אַריסטאָקראַטיע: זי בעזיצט ניט נור די גרעסטע שאָפ-העררען, נאָר זי פיהרט אויך אַליין די ווירטשאַפט. אויף איהר עקאָנאָמישע ראָלע בעגרינדעט די העכערע אַריסטאָקראַטיע אין ענגלאַנד אויך איהר פּאָליטישע מאַכט.

די ערָאָבערונג פון ענגלאַנד דורך די נאָרמאַנען האָט אין דער הינזיכט כמעט גאָרנישט אומגעענדערט. די אַגראַר-אַריסטאָקראַטיע איז געבליבען אַ פעסט צוזאַמענגעבונדענער קלאַס, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ווילהעלם דער ערָאָבערער האָט אַרויפגעלעגט אויף איהר געוויסע פערפליכטונגען. מ'האָט געפּרובט אָבשוואַכען זייער איינפלוס אַריינפיהרענדיג אין זייערע רייהען די פרעמדע נאָרמאַנער עלעמענטען און אַריסטאָקראַטען לויט דער „גנאַדע" פון קעניג, אָבער דאָס האָט קיין ערפאָלג ניט געהאַט. עס איז גענוג געווען עס זאָל פערביינעהן איין דור, אַז די עקאָנאָמישע קלאַסען-פערבינדונג זאָל ווערען שטאַרקער אי פאַר די פאָרמעלע פערפליכטונגען, אי פאַר די נאַציאָנאַלע פיינדשאַפט, אי פאַר דעם געפיהל פון דאַנקבאַרקייט צו דער וואָהלטהעטיגער דינאַסטיע. נאָר איהר ראָלע אין עקאָנאָמישען לעבען פון לאַנד האָט די ענגלישע אַריסטאָקראַטיע צו דאַנקען איהר נצחון איבער דער קעניגליכער מאַכט, — די בילדונג פון אַריסטאָקראַטישען פּאַרלאַמענט (1215 יאָהר).

אָבער מיט דער „פּאָלער מאַכט" האָט זי זיך בענוצט מעהר ניט ווי אין אַ משך פון איין יאָהרהונדערט. צוזאַמען מיט דעם ווי אין ענגלאַנד הויבט זיך אָן צו ענטוויקלען דער מסחר און די בעאַרבייטענדע אינדוסטריע, צוזאַמען מיט דעם ווי די אָרגאַניזאַטאָרישע ראָלע פון נאַציאָנאַל-עקאָנאָמישען לעבען גערט איבער צו דער בורזשואַזיע, פערלירט די אַריסטאָקראַטיע אויך איהר פּאָליטישע מאַכט.

א קורצע צייט בלייבט זי נאך אלס א רעגירענדער קלאס, איבערהויפט צוליעב דעם, ווייל זי האט נאך אין איהרע הענד די געזעצגעבענדע מאכט, און נוצט זי אויס פאר איהרע עקאנאמישע און סאציאלע פריווילעגיעס. אבער אויך די געזעצגעבענדע מאכט הויבט אן איבערצוגעהן אין די הענד פון דער בורזשואזיע.

די קעניגליכע מאכט און דער אריסטאקראטישער פארלאמענט זענען געצוואונגען צו מאכען הנחות דער בורזשואזיע ביי איהר ערשטער ענטשיעדענער ארויסטרעטונג אויף די פאליטישע סצענע. אונטער איהר דרוק איז דער קעניג אראבגעזעצט געווארען פון טהראן און אויסער דעם אריסטאקראטישען פארלאמענט איז געגרינדעט געווארען א נ'אונטערסטע פאלאטע, צו וועלכער עס איז איבערגעגאנגען די געזעצגעבענדע איניציאטיווע און גאר אין גיכען אויך דאס רעכט צו בעשטעטיגען די שטייערן. אין דער ווירקליכקייט איז דאס דאזיגע רעכט צו בעשטעטיגען די שטייערן געווארען א רעכט צו בעשטימען און פאנאנדערצוטיילען זיי.

דאס איז געווען אין מיטען 14-טען יאהרהונדערט. די מלחמות, אין וועלכע די בורזשואזיע איז אויך געווען פעראינטערעסירט, ווייל זי האט געקוקט אויף זיי, ווי אויף א מיטעל צו פערברייטערן די מערק פאר איהר רויהען מאטעריאל, בעזאנדערס כדי צו פערהאנדלען איהרע וואל אין פראנקרייך, — די דאזיגע מלחמות האבען אויף א לאנגע צייט אבגעהאלטען דעם עקאנאמישען לעבען פון לאנד. און ביי דעם עקאנאמישען שטילשטאנד האט די בורזשואזיע, פערשטעהט זיך, ניט געקענט אויך איינהאלטען איהר פאליטישע מאכט.

מיט דער אבשוואכונג פון אלע געזעלשאפטליכע קלאסען נאך די מלחמות האבען זיך בענוצט די קעניגען, כדי צו פערשטארקען זייער הערשאפט. קיין ווידערשטאנד אין דער הינזיכט האבען די קעניגען ניט געקענט בעגעגענען פון קיין צד. דער פארלאמענט איז אמת ניט בעזייטיגט געווארען, נאר ער איז בעשטאנען פון אזוינע עלעמענטען, וואס זענען אדער ניט געווען פערבונדען מיט דער מעהרהייט פון דער בעפעלקערונג, אדער וואס האבען בעקומען זייערע שטעלעס א דאנק דעם קעניג. די לעצטע שטיצע פון דער אפאזיציע — די קאטולישע קירכע — איז אויך פערשוואונדען צוליעב דער אריינפיהרונג פון דער נייער מלוכה-קירכע, דער בישאפליכער, וועלכע האט אנערקענט פאר איהר אויבערהאר, אנשטאט דעם פאפסט, דעם קעניג. דער קאמפף פון די ענגלישע קעניגען מיט דער קאטולישער קירכע האט זיך אנגעפאנגען נאך אין 12-טען יאהרהונדערט, נאר געענדיגט האט ער זיך נור אין אנפאנג פון 16-טען יאהר-

הונדערט, ווען דער פּאַרלאַמענט איז געוואָרען אַ געהאָרכזאַמע געוועהר אין די הענד פֿון די קעניגען. דאָס אַריינפֿיהרען פֿון דער נייער קירכע האָט מיטגעבראַכט געוואַלד-טהאַטען און אַכזריות, געגען וועלכע עס זענען גאָרנישט אַלע פֿריהערדיגע אַכזריות פֿון דער קאַטוילישער קירכע . . . און באַלד האָט דאָס פֿאָלק אָנגעהויבען צו זעהען אין דער נייער קירכע די פֿערקערפּערונג פֿון יעדע אונגעזעצליכקייט, אונטערדריקונג און געוואַלט. שפּעטער האָט דער גאַנצער בעפֿרייאונגס-קאַמפּף זיך געפֿיהרט אונטער דעם לאָזונג „רעליגיעזע פֿרייהייט“. נאָר אין דעם דאָזיגען לאָזונג האָבען פֿערשידענע שיכטען פֿון דער בעפֿעלקערונג אַריינגעלעגט פֿערשידענע וואונשען און האָפֿנונגען. אַלס לאָזונג אָבער איז ער געווען אויך אַזוי פּאָפּולער, ווי דער לאָזונג: „ניעדער מיט דעם ווילקיר פֿון די בעאַמטע און די קעניגליכע ליעבלינגען“.

איהר פֿאָלקאָמע ענטוויקלונג האָט די קעניגליכע מאַכט דערגרייכט אין דער צייט פֿון דער טיודאָרען-דינאַסטיע, וועלכע האָט פֿערנומען דעם ענגלישען טהראָן ביז ענדע פֿון 16-טען יאָהרהונדערט, איבערהויפּט ביי דער רעגירונג פֿון עליזאַבעטע (1558—1603), דער בעריהמטער בעשיצערין פֿון דער ליטעראַטור. זי האָט געפֿונען, אַז עס איז גאָר איבריג צוזאַמענצורופֿען אַפֿילו אַ געהאָרכזאַמען פּאַרלאַמענט. פֿאָרמעל איז די קאָנסטיטוציע ניט אָבגעשאַפֿט געוואָרען אויך אין די טיודאָרס צייטען. נאָר זי האָט עקזיסטירט מעהר ניט ווי אויפֿ'ן פּאַפּיער; ווען-ניט-ווען פֿלעגען אָן איהר עקזיסטענץ דערמאָנען די פּאַראַדען ביי דער ערעפֿנונג פֿון פּאַרלאַמענט. נאָר עליזאַבעטע האָט זעהר זעלטען געגעבען די מעגליכקייט די ענגלענדער צו קלייבען נחמה אויך פֿון די דאָזיגע פּאַראַדען.

.II

די דינאַסטיע פֿון די סטיואַרטס, וועלכע האָבען פֿערנומען דעם אָרט פֿון די טיודאָרס איז געגאַנגען נאָך פֿיעל ווייטער אין איהרע שטרעבונגען צו אַ אונבעגרענצטער העררשאַפֿט. די קירכען-רעפֿאָרם, וואָס איז דורכגעפֿיהרט געוואָרען מיט ערפֿאָלג, האָט געדיענט אַלס אַ באָדען, אויף וועלכען זיי האָבען געבויט די אויטאָקראַטישע (זעלבסטהערשענדע) טעאָריעס. ווען עס ווערט אַנערקענט, אַז דער אויבערהער פֿון דער קירכע איז ניט דער פּאַפּסט, נור דער קעניג, געהט צו איהם, פֿערשטעהט זיך, איבער אויך די פֿאָרשטעהערשאַפֿט פֿון גאָט אויף דער ערד. און אויב אַזוי, אויב די

קוועלע פון דער קעניגליכער מאכט איז גאט, קען דאך ניט אין מאר דאך ניט קיינער אין וואס ניט איז בעגרענצען די דאזיגע מאכט: דער קעניג איז אין זיין טהעטיגקייט ניט מחויב וועמען עס איז אפצוגעבען דין וחשבון. דער קעניג קען, ווען ער וועט דאס געפינען פאר נויטיג, צוזאמענרופען א פארלאמענט, נאר ער קען אויך רעגירען אהן א פארלאמענט; קיינע רעכטען, אויסער די, וואס דער קעניג גיט, עקזיסטירען ניט. די דאזיגע טעאריעס האט געפרעדיגט אין זיינע שריפטען דער ערשטער קעניג פון די סטיוארטס יאקאב דער 1-טער, א מאן מיט א גרויסער טהעאלאגישער בילדונג און ליטערארישע פעהיגקייטען. א העפטיגע שטיצע פאר זיינע פרעטענזיעס האט דער קעניג געפונען אין דער אנגליקאניש-בישאפליכער קירכע, וועלכע האט געשעפט איהר מאכט פון קעניג. ס'פערשטעהט זיך, אז די פארשטעהער פון דער אנגליקאנער קירכע האבען געמוזט וועהען מיט אלע קרעפטען צו פערטהיידיגען די געטליכקייט און אונבעגרענצטקייט פון דער קעניגליכער מאכט. נאר ביי אזעלכע אנזיכטען אויף די קעניגליכע מאכט האט געקענט גילטען דער אויטאריטעט פון דער קירכע, וועלכע האט געלויכטען מיט דעם שיין פון דעם קעניג. לויט דער לעהרע פון קעניג און די בישאפען, איז די קאנסטיטוציע נפא געוועזען מעהר ניט ווי א גנאדע, וואס דער קעניג האט געשאנקען דעם פאלק, אדער איינציגע שטאנדען פון פאלק; און אויב אזוי, איז ביים קעניג אין די הענד צו בעגרענצען אדער אין גאנצען אפצונעהמען די דאזיגע גנאדע.

נאר די סטיוארטס זענען צו שפעט ארויסגעטראטען אויפ'ן סצענע. שוין צו ענדע פון דעם 16-טען יאהרהונדערט איז אין ענגלאנד פערשוואונדען דער באדען ניט נור פאר די ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון אליינהערשאפט, נאר אויך פאר די פערוואלטונג פון די נצחונות, וועלכע די קעניגליכע מאכט האט נאך פריהער אפגעהאלטען. דאס לאנד, וואס איז געוועזען רואינירט דורך די מלחמות און די בירגערליכע אונרוהען, איז געקומען אביסעל צו זיך, דאס ווירטשאפטליכע לעבען האט ביסלעכווייז אנגענומען איהר נארמאלען גאנג; די ענטוויקלונג פון דער וואל-פראדוקציאן און פון דעם עקספארטהאנדעל האט ווידער ארויסגערוקט די בורזשואזיע אויפ'ן ערשטען פלאן פון עקאנאמישען לעבען אין לאנד. די בורזשואזיע, דערפיהלענדיג איהר פעסטען באדען אין עקאנאמישען געביעט, האט גענומען גלייך שטרעבען צו דער הערשטעלונג פון איהר פאליטישען איינפלוס. צום אנפאנג פון 17-טען יאהרהונדערט איז די ענגלישע בורזשואזיע געוועזען נאך ניט גענוג שטארק אום ארויסצווארפען די

קעניגליכע מאכט און די מאכט פון דער קירכע, וועלכע די קעניגען האבען בעשאפען; נאר זי האט שוין געפיהלט אין זיך גענוג קראפט אום אריינצוטרעטען אין קאמפף מיט זיי. געקעמפפט האט דערהויפט די בורזשואזיע, נאר אייניגע שטיצע האט זי געפונען אויך אין דער אריסטאקראטיע, וועלכע האט אויך ניט געקענט איינוויליגען אויף די ראָליע פון א פשוט'ע דורכפיהרערין פון די קעניגליכע פעראָרדנונגען. צו פיהרען א זעלבסטשטענדיגען קאמפף איז די אריסטאקראטיע געווען צו שוואך, און זי האט געזעהען נאר צו שטיצען די בורזשואזיע, וועלכע איז ווידער ארויסגעטראטען אלס פארשטעהערין פאר די אינטערעסען פון גאנצען פאלק, און די פאפולאריטעט פון דער בורזשואזיע צווישען די פאלקס-מאסען איז געוואקסען פון טאג צו טאג צוליעב די מוטהיגקייט, מיט וועלכער זי האט געפיהרט דעם קאמפף.

פאר דער בורזשואזיע איז געווען דאס גאנצע פאלק און א בעדייטענדער טייל פון העכערען אדעל; פאר דעם קעניג — נאר א קליינער טייל פון דער העכסטער לאנדווירטשאפטליכער און הויפ-אריסטאקראטיע און דער קלערוס (די גייסטליכע). נאר דער קעניג האט אויך געהאט די ארמעע און די געהארכזאמע ביוראקראטיע, וועלכע האבען זיך ניט אבגעהאלטען פאר קיינע געוואלד-טהאטען, כדי דורכצופיהרען די קעניגליכע בעפעהלען.

אבער ווי יאקאב דער 1-טער האט ניט פיינט געהאט דעם פארלאמענט, איז ער דאך געצוואונגען געווען איהם צוזאמענצורופען שוין אין צוויי יאהר ארום נאך זיין ארויפטרעטען אויפ'ן ענגלישען טהראן: דער קעניג האט זיך גענויטיגט אין געלד, כדי צו פערווירקליכען זיינע ברייטע קריעגס-פלענער, מיט וועלכע ער האט זיך ארומגעטראגען. ער האט זיך גענויטיגט אין נייע שטייערן, אבער זאמלען שטייערן, וועלכע דער פארלאמענט האט ניט בעשטעטיגט, איז אויך אין דער דאמאלדיגער ענגלאנד געווען פערבונדען מיט גרויסע שוויריגקייטען און פלעגט אפט ארויסרופען אנאפענעם ווידערשטאנד, אפילו מאסען-בונטען.

און שוין אין דעם ערשטען פארלאמענט, וואס יאקאב דער 1-טער האט צוזאמענגערופען (1605 יאהר) האט איהם בעגעגענט א גרויזאמע אפאזיציע אין דער אונטערסטער פאלאטע. אנשטאט צו בעשטעטיגען די שטייערן, וואס דער קעניג האט געפאדערט, האבען די פארשטעהער פון די געמיינדעס געפאדערט די פייערליכע אנערקענונג פון די קאנסטיטוציאנעלע פאלקס-רעכטען, די אבשאפונג פון די אויסערגעוועהנליכע געריכטען איבער פאליטישע און רעליגיעזע

ענינים, די בעפרייאונג פון אלע, וואס זענען פערמשפט געוועזען דורך די דאזיגע געריכטען, די צוריקקעהרונג פון די פערמעגענס, וואס זענען אונגערעכט קאנפיסקירט געוועזען און ענדליך, עס זאלען איבערגעגעבען ווערען צום געריכט די אלע בעאמטע, וועלכע האבען גענומען אנטהייל אין די דאזיגע משפטים, ווי אויך די אלע זאמלער פון די שטייערן, וואס דער פארלאמענט האט ניט בעשטעטיגט און וואס זענען אויף אזא אופן געהען אונגעזעצליכע שטייערן. דעם פארלאמענט האט מען פאנאנדערגעטריבען. די דעפוטאטען, וועלכע האבען אין דער אונטערסטער פאלאטע העפטיגער פון אלעמען פראטעסטירט געגען די אונגעזעצליכע מעשים פון דער רעגירונג, האט מען ארעסטירט און איבערגעגעבען אין די הענד פון די זעלבע אויסערגעוועהנליכע געריכטען, געגען וועלכע זיי זענען אזוי שארף ארויסגעטראטען און וועלכע זיי האבען אזוי ענטשיעדען געפאדערט, אז זיי זאלען אבגעשאפט ווערען. די נויטווענדיגקייט אבער האט, ווי מיר האבען שוין געזאגט, געצוואונגען דעם קעניג ווידער און ווידער צוזאמענצורופען דעם פארלאמענט. די פארלאמענטען פון 1610 און 1614 יאהרען האבען געבראכט צו די זעלבע רעזולטאטען, ווי דער פארלאמענט פון 1605 יאהר; קיינע פון די קעניגליכע פאדערונגען זענען ניט דורכגעפיהרט געווארען, הגם דער קעניג איז געוועזען גרייט נאכצוגעבען אין אייניגע וועניגער וויכטיגע פראגען. די פארלאמענטען פלעגען צוטריבען ווערען, די מעהר ענערגישע דעפוטאטען פלעגען ארעסטירט ווערען. 3-2 יאהר האט דער קעניג רעגירט זעלבסטשטענדיג און אין לאנד האט געהערשט דער שרעקליכסטער, אונבעגרענצסטער ווילקיר. סוף כל סוף אבער האט מען געמוזט ווידער צוזאמענרופען דעם פארלאמענט. בעת דער זיצונג פון די פארלאמענטען אין 1614 יאהר איז פארגעקומען א צושפאלטונג צווישען דער איבערשטער און אונטערשטער פאלאטע איבער די פראגע וועגען זייער קאמפעטענץ, נאר דער דאזיגער קאמפף האט זיך ניט געקאנט פאנאנדערפלאקערען, ווייל דער קעניג האט צוטריבען דעם פארלאמענט אין 2 חדשים ארום, נאכדעם ווי ער איז צוזאמענגערופען געווען; דערביי האט דער קעניג בעפאהלען צו ארעסטירען די אלע אנגעזעהענע אנפיהרער פון דער אפאזיציע.

דיזעס מאל איז דעם קעניג געלונגען גאנצע 7 יאהר אויסצוקומען אהן א פארלאמענט. ווען דער קעניג איז ווידער געצוואונגען געווען צוזאמענצורופען דעם פארלאמענט אין 1621 יאהר, האט ער אין זיין מאניפעסט צו דער ערעפנונג פון פארלאמענט פערוועהרט די דעפוטאטען פון דער אונטערסטער פאלאטע צו בעריהרען אזעלכע

פראגען, וועלכע זענען העכער פאר זייער פערשטאנד, און פערוועהרט אויך אריינצומישען זיך אין אלע פראגען, וואס זענען שייך דער רעגירונג און איהרע מלוכה-געהיימניסען*). די אונטערסטע פאלאטע האט געגעבען א שארפען ענטפער דערויף; דעם ענטפער האט מען אריינגעטראגען אין די פראטאקאלען פון פארלאמענט. „דער קעניג — ווערט געזאגט אין דעם ענטפער — איז זעהר ווייניג בעקאנט מיט דער ווירקליכער לאגע, אויב ער מיינט, אז אין ענגלאנד בעזיצט א מאנארך די אבסאלוטע מאכט אויף וועלכען ניט איז געביעט, אויפ'ן גייסטליכען אדער וועלטליכען". מיט די דאזיגע ווערטער האט די פאלאטע פון די געמיינדעס געוואלט ארויפווארפען די גאנצע פעראנטווארטליכקייט אויף די נאהענטע משרתים פון קעניג, איבערהויפט אויף די גייסטליכע און דעם לארד בעקינגעם, וועלכער איז אין אמת'ן געוועזען דער בייזער גייסט פון יאקאב דעם 1-טען. ווייטער פערטהיידיגט דער דאזיגער ענטפער ענערגיש די רעכטען פון די פאלקס-פערטרעטער, אויף וועלכע דאס פאלק האט דאס זעלביגע ירושה-רעכט ווי דער קעניג אויפ'ן טהראן. אין דעם דאזיגען ענטפער ווערט געפאדערט די אונבעגרענצטע פרייהייט פון ווארט, די אומגעזאמטע בעפרייאונג פון די איינינע דעפוטאטען, וואס זענען ארעסטירט געווארען לויט דעם קעניג'ס בעפעהל פאר די רעדעס, וואס זיי האבען געהאלטען אין פארלאמענט. דער דאזיגער ענטפער, וואס איז בעוואוסט אין דער געשיכטע אונטער דעם נאמען „פראטעסט", האט אויפגעבראכט דעם קעניג יאקאב דעם 1-טען אויפ'ן העכסטען גראד; פייערליך אין דער אנוועזענהייט פון זיין ראטה אין די הויכע ריכטער האט דער קעניג אייגענהענדיג ארויסגעריסען פון די פראטאקאלען די זייטען, אויף וועלכע ס'איז געוועזען פערשריבען דער פראטעסט און האט פאנאנדערגעלאזען דעם פארלאמענט.

אבער אין 3 יאהר ארום איז דער פארלאמענט ווידער צוזאמענגערופען געווארען.

די פעסטקייט פון דער אונטערסטער פאלאטע האט איהר בעשאפען אין לאנד אזא פאפולאריטעט, וועלכע זי האט טאקי פערדיענט. יעדע פאנאנדערטרייבונג פון דעם פארלאמענט פלעגט דיענען אלס סיגנאל צו פראטעסטירען, זיך אבצוזאגען צו צאהלען שטייערן, צו געהן צום מיליטער-דיענסט א. ז. וו. יעדען נצחון פון דער אונטערסטער פאלאטע פלעגט מען בעגריסען מיט בעגייסטערונג. אזא

---

*) געמיינט האט מען דעמיט דערהויפט די פראגען וועגען אויסערליכער פאליטיק אין מלחמות.

נצחון איז געווען דאָס איבערגעבען צום געריכט און דאָס פֿעראורטיילען פֿון לאָרד-קאַנצלער בעקאָן (דעם בעוואוסטען פֿילאָזאָף און פֿערפֿאַסער פֿון דער בורזשואַזער „אוטאָפּיע“), וועלכער האָט ניט פֿיינט געהאַט קיין כּבֿוד. לויט דער פֿאָדערונג פֿון דער אונטערסטער פּאַלאַטע האָט דאָס געריכט פֿון די לאָרדען פֿעראורטיילט דעם לאָרד בעקאָן, אַלס אַ בעאַמטען, וואָס האָט גענומען כּבֿוד, צו פֿערטרייבען פֿון זיין אַמט, צו אַ גרויסען געלד-שטראָף און געפֿענגניס. נאָר דער דאָזיגער צופֿאַל האָט געדיענט אַלס אַ פּרעצעדענט. די אונטערסטע פּאַלאַטע האָט אָנגעהויבען סיסטעמאַטיש צו פֿאָדערן ס'זאָלען איבערגעגעבען ווערען צום געריכט די העכסטע מלוכה-בעאַמטע און אַדמיניסטראַטאָרען. אַזאַ פֿאָדערונג איז געווען אַרויסגעשטעלט אויך אין פּאַרלאַמענט פֿון 1624 יאָהר. בעגרינדענדיג זיך אויף דעם פֿאַל מיט בעקאָן, האָט די אונטערסטע פּאַלאַטע געפֿאָדערט, אַז ס'זאָל איבערגעגעבען ווערען צום געריכט דער נייַער פֿינאַנץ-מיניסטער — לאָרד מידדלעסעקס, וועלכען זי האָט בעשולדיגט, אַז ער האָט גענומען כּבֿוד און אַריינגעכאַפּט מלוכה-געלד.

מ'דאַרף דאָ בעמערקען, אַז צווישען מידדלעסעקס און בעקינגעם האָט שוין פֿון לאַנג אָן עקזיסטירט אַ פֿיינדשאַפֿט און בעקינגעם האָט געקוקט אויף דעם פֿינאַנץ-מיניסטער ווי אויף אַ געפֿעהרליכען קאָנקורענט. אויסער דעם איז מידדלעסעקס געווען אַנ'ענטשיעדענער געגנער פֿון דער שפּאַנישער מלחמה און איבערהויפּט פֿון אַלערליי קריעגס-אַוואַנטיורען און אין דער הינזיכט איז ער אויך געווען אונאַנגענעהם און אונבעקוועם פֿאַר דעם אַלמעכטיגען הערשער. דעריבער ווען די אונטערסטע פּאַלאַטע האָט זיך דערשלאָגען דערצו, אַז מ'האָט איבערגעגעבען מידדלעסעקס'ן צום געריכט, איז בעקינגעם געווען זעהר צופֿריעדען דערמיט. דער קעניג אָבער האָט פֿערשטאַנען, וואָס פֿאַר אַ געפֿאַהר עס ליגט אין דעם רעכט, וואָס די אונטערסטע פּאַלאַטע האָט זיך גענומען צוצוציהען די הויכע מלוכה-בעאַמטע צום געריכט. אַז בעקינגעם האָט פֿאַר דעם קעניג אין די אויגען אויסגעדריקט זיין צופֿריעדענהייט מיט דעם משפּט איבער מידדלעסעקס, האָט דער קעניג איהם געזאָגט: „דו ביזט אַ נאַר, דו בינדסט אַליין צוזאַמען די ריטער, מיט וועלכע מ'וועט ווען ס'איז דיר אַליין אָבשמייסען“. דעם קעניג'ס ווערטער האָבען זיך, ווי מיר וועלען דאָס שפּעטער זעהען, פֿערווירקליכט.

מידדלעסעקס'ן האָט מען פֿער'משפּט איינצוצאָהלען

שטראף פון 50 טויזענד פונט סטערלינג*), אבצוזאגען פון זיין שטעלע, אבנעהמען זיינע טיטולען און ווען ס'איז צו פערנעהמען א מלוכה-אמט, אדער אנ'ארט אין פארלאמענט. דעם קעניג האט מען איבערגעלאזען צו בעשליסען די פראגע ארייצוזעצען מ'דדלעסעקס'ן אין געפענגניס און אבצונעהמען ביי איהם דאס רעכט צו בעזוכען דעם קעניגליכען הויף, אדער ניט. נאך דעם נצחון האט די אונטערסטע פאלאטע זיך געווענדט צום קעניג מיט א גאנצע מאסע אנקלאגען אים נאמען פון לאנד; א ווילכטיגען ארט האבען אין די דאזיגע אנקלאגען ווי געוועהנליך פערנומען די רעליגיעזע פערפאלגונגען, די אונגעזעצליכע מעשים פון די בעאמטע א. ז. וו. דער קעניג האט געפיהלט ווי געפעהרליך עס איז ווייטער נאכצוגעבען דער אונטערסטער פאלאטע, נאר פשוט פאנאנדערטרייבען דעם פארלאמענט האט ער זיך שוין ניט געקענט בעשליסען. אויף איינע פון די פארלאמענט-זיצונגען האט זיך בעקומען פון קעניג אזא שנייד'ענדע שריפט, דאס די ערצארנטע דעפוטאטען פון דער אונטערסטער פאלאטע האבען זיך ענטזאגט איהם אריינצוטראגען אין די פארלאמענטס-פראטאקאלען. ווען דער קעניג האט זיך וועגען דעם דערוואוסט, האט ער, ניט פאנאנדערלאזענדיג דעם פארלאמענט, ערקלערט, אז די פארלאמענטס-בעשעפטיגונגען ווערען אויף איינינע צייט אבגעשטעלט און ווען די קאניקולען האבען זיך געענדיגט, האט ער אבגעלעגט די ערעפנונג פון די פארלאמענטס-זיצונגען אויף אנ'אונבעשטימטען טערמין.

אנ'ערך א יאהר צייט האט דער פארלאמענט זיך ניט צוזאמענגעקליבען. פאר די צייט האט איבער ענגלאנד געוועלטיגט אהן א שום קאנטראל בעקינגעם, וועלכער האט פאר דער צייט וויעדער איינגעפיהרט אין לאנד דעם ווילקיר פון דער אדמיניסטראציע, און וועלכער איז אריינגעטראטען אהן דעם אנטייל פון פארלאמענט אין אונטערהאנדלונגען מיט שוועדען און דאניען וועגען א קריעגס-פערבאנד און האט התונה געמאכט דעם טהראן-פאלגער מיט דער שוועסטער פון פראנצויזישען קייזער. און אלץ וואס די רעגירונג האט אויפגעטהאן האט ארויסגערופען די אויסערסטע אונצופריעדענהייט פון דער בעפעלקערונג, — אפילו די הייראטה פון דעם אועלער פרינץ. ביי דער הייראטהס-פעראייניגונג מיט דער פראנצויזין פון קאטוילישען גלויבען איז דער קאטוילישער קירכע און איבערהויפט אלעמען פון קאטוילישען גלויבען צוגעזאגט געווארען פיעל

---

*) א פונט סטערלינג איז אנ'ערך 10 רובל.

פריהייטען און פריווילעגיעס אויפ'ן חשבון פון די איבריגע גלויבענס. צו דער זעלבער צייט האט מען געמאכט פארבערייטונגען צו דער מלחמה מיט שפאניען; מ'האט ארויפגעלעגט נייע שטייערן, וועלכע האבען שרעקליך אויפגערעגט דאס פאלק.

אט אזוי איז געוועזען די לאגע אין לאנד צו דער צייט ווען יאקאב דער 1=טער איז געשטארבען (דעם 27=טען מערץ 1625 יאהר).

## .III

קארל דער 1=טער איז ארויף אויפ'ן טהראן מיט נאך גרעסערע שטרעבונגען צו אבסאלוטיזם ווי זיין פאטער. ביי איהם האבען די עהרגייציגע פלענער פון בעקינגעם ניט געטראפען קיינע שטערונגען און בעגרענצונגען. מ'האט ווידער אנגעהויבען די מלחמה מיט שפאניען; מ'האט אנגעהויבען אדאנק בעקינגעם'ס קאפריז, א מלחמה מיט פראנקרייך. אי איינע, אי די צווייטע מלחמה האבען זיך געפיהרט אהן שום ערפאלג; די ענגלישע ארמעע און דער ענגלישער פלאט האבען ביי יעדער צוזאמענשטויסונג מיט דעם שונא געהאט א מפלה. דאס האט אבער אויף א האר ניט אבגעקיהלט דעם קריעגס=לוסטיגען קעניג און זיין ליעבלינג. די פאדערונגען אויף אלץ גרעסערע און גרעסערע סומעס צו פיהרען די מלחמות זענען געוואקסען, און ווען דער פארלאמענט פלעגט אבזאגען, פלעגט מען מיט געוואלט קלייבען ביים פאלק געלד אויף מלחמה=הוצאות אים נאמען פון קעניג.

די שטרעבונגען איינצופיהרען א זעלבסטהערשאפט זענען אויך ניט קלענער געווארען. בעזאנדערס בריטע פלענער אין דער הינזיכט האט געהאט בעקינגעם, כאטש פון דעם ערשטען טאג אן ווי אויפ'ן טהראן איז ארויף דער נייער קעניג, האט ער שוין געקענט פיהלען, אז געגען איהם פערזענליך רוקען זיך אלץ נעהנטער און נעהנטער שטורם=וואלקענס. שוין אין דעם ערשטען פארלאמענט, וועלכען קארל דער 1=טער האט צוזאמענגערופען אין מאי 1625 יאהר האט די אונטערסטע פאלאטע געפאדערט פון בעקינגעם ער זאל אבגעבען רעכנונג וועגען זיין פערוואלטונג איבער'ן לאנד און וועגען דעם, ווי אזוי ס'איז פערוועגדט געווארען דאס מלוכה=געלד. דעם פארלאמענט האט מען פאנאנדערגעלאזען, נאר דעם קומענדיגען יאהר האט דער נייער פארלאמענט געפאדערט, בעקינגעם זאל איבערגעגעבען ווערען צום געריכט און צו די פריהערדיגע בעשולדיגונגען געגען איהם איז נאך צוגעגעבען געווארען די בעשולדיגונג

אין די אונטציגע מלחמות, וועלכע האָבען שרעקליך רואינירט דאָס לאַנד. דיזעס מאָל האָבען די לאָרדען אונטערשטיצט די פאָדערונג פון דער אונטערסטער פּאַלאַטע, וואו דער הויפּט-אָנפיהרער פון דער אָפּאָזיציע איז געוועזען דער זעלבסטאָפּפערנדער און טאַלאַנטפאָלער דזשאָן עליאָט. אין זיין בעשולדיגונגס-רעדע האָט דזשאָן עליאָט געפאָדערט אַ משפט איבער די אַלע שולדיגע פון די אונגליקליכע מלחמות און האָט פאָרגעלעגט ניט צו בעשטעטיגען קיינע נייע געלד-שטיצע דער מלוכה, ביז דיזע פאָדערונג וועט ניט ערפילט ווערען. „אונזער עהרע — האָט געזאָגט עליאָט — האָט מען מקריב געווען, אונזערע שיפען זיינען דערטרונקען, אונזערע מענשען געטוידט און שולדיג אין אַלע אונגליקען איז ניט דער שונא, ניט אַן אונגליקליכער צופאַל, נור די, וואָס האָבען די העזה צו פאָדערן פון אונז אַ צוטרוי צו זייער ווייטערדיגער רעגירונג איבער׳ן לאַנד“.

נאָר אויף וויפיעל עליאָט איז געווען אַ הייסער בעשולדיגער געגען בעקינגעם, אויף אַזוי פיעל איז דער קעניג געווען זיין הייסער פערטהיידיגער. אַגב פערטהיידיגענדיג בעקינגעם, האָט דער קעניג געוואָלט בעשיצען די אונבעריהרליכקייט, די „הייליגקייט“ פון זיין זעלבסטהערשענדער מאַכט. אין זיין רעדע צו דער אונטערסטער פּאַלאַטע וועגען די בעשולדיגונגען געגען בעקינגעם, זאָגט דער קעניג: „אייניגע — איך וויל ניט זאָגען דאָס אַלע — קריטיקירען דאָ די האַנדלונגען ניט פון אַ געוועהנליכען דיענער פון קעניג, נאָר פון אַ מענשען, וועלכער איז מיר פערזענליך זעהר נאָהענט. אייניגע זאָגען: וואָס זאָלען מיר טהאָן מיט אַ מענשען, וועלכען דער קעניג וויל בעעהרען מיט זיין צוטרוי? אָבער אַנדערע זאָגען: וואָס קענען מיר טהאָן מיט אַ מענשען, וועלכען דער קעניג האַלט פאַר אַ מאַן, וואָס פערדיענט צוטרוי און עהרע?.. אַלץ, וואָס דיזער מענש האָט געטהאָן, האָט ער געטהאָן לויט מיין בעפעהל. איך וועל ניט דערלאָזען, אַז די פּאַלאַטע זאָל פאָדערן רעכנונג פון וועמען ניט איז פון מיינע דיענער און נאָך וועניגער — פון אַ מענשען, וועלכער איז מיר אַזוי נאָהענט. איך האָף, דאָס איהר וועט מיר לכל הפחות מיט דעם בעפריעדיגען, וואָס איהר וועט בעשטראָפען יענע, וואָס האָבען געוואַגט אַרויסצוטרעטען מיט אַזעלכע פאָדערונגען“. קיינע בעפריעדיגונג האָט די פּאַלאַטע דעם קעניג ניט געגעבען; זי האָט ניט נאָר ניט בעשטראָפט די, וואָס האָבען געפאָדערט אַ משפט איבער בעקינגעם, נאָר זי האָט ניט אויפגעהערט אונטערצוהאַלטען די פאָדערונג, ער זאָל איבערגעגעבען ווערען צום געריכט, און האָט בעשלאָסען ניט צו

בעשטעטיגען קיינע געלד־סומען דער רעגירונג. אויסער דעם האָט מען אין דער אויבערסטער פּאַלאַטע געשיקט אַ דעפּוטאַציע מיט עליאָט בראש. עליאָט האָט דאָרט געהאַלטען אַ לאַנגע בעשולדיגונגס־רעדע געגען דעם הויפּט־מיניסטער. אין דער דאָזיגער רעדע האָט עליאָט אַגב געזאָגט, אַז בעקינגעם איז אַ מענש, וואָס ווייסט זיך נים אָבשטעלען פֿאַר קיין פֿערברעכען און האָט איהם צוגעגליכען צו סעיאַן. דער קעניג איז געווען אויסער זיך פֿון צאָרן: „אויב מען פֿערגלייכט דעם הערצאָג צו סעיאַן, האָט ער אויסגערופֿען, דאַן פֿערגלייכט מען דערמיט גופא מיר צו טיבעריען“. אַלע דעפּוטאַטען, וואָס האָבען בעשולדיגט בעקינגעם, זענען, לויט דעם קעניג'ס בעפֿעהל, גלייך אַרעסטירט געוואָרען און אַריינגעוואָרפֿען געוואָרען אין די אונטעראירדישע העהלען פֿון דעם טאַוער־טהורם. אַלס ענטפֿער דערויף האָט די אונטערסטע פּאַלאַטע איינשטימיג בעשלאָסען נים צוצוטרעטען צו קיין פּאַרלאַמענטאַרישער אַרבייט, ביז עס וועלען נים בעפֿרייט און צוריקגעקעהרט ווערען אין פּאַרלאַמענט די אַרעסטירטע דעפּוטאַטען. מיט עטליכע טעג שפּעטער האָט די אונטערסטע פּאַלאַטע ערקלערט פֿאַר אונגעזעצליך דאָס שטייער־צאָהלען אָהן דער ערלויבניס פֿון פּאַרלאַמענט, אַפילו די שטייערן, וואָס געהען ספּעציעל אויף געהאַלט פֿאַר'ן קעניג. בעקינגעם איז געצוואונגען געווען צו קומען אין די אויבערסטע פּאַלאַטע זיך צו פֿערטהיידיגען. אַזוי ווי דער געריכטס־פּראָצעס האָט געקענט זיך פֿערציהען לאַנג, האָט די אונטערסטע פּאַלאַטע זיך געווענדט צום קעניג מיט אַ פֿאָדערונג, ער זאָל אָבזאָגען בעקינגעם פֿון זיין פּאָסט גלייך, נאָך פֿאַר'ן משפּט, „ווייל ס'איז אַ מורא, דאָס ביז וואַנען דער הערצאָג איז נאָך ביי דער מאַכט, וועלען אַלע געלדען, וואָס דער פּאַרלאַמענט וואָלט געקענט און געוואָלט אַסיגנירען, אויסגעגעבען ווערען נים מיט נוצען, נאָר מיט שאָדען פֿאַר דער מלוכה“. דער קעניג האָט געענטפֿערט, אַז זיין רעגירונג קען נאָך ליידען, אַז מען זאָל איהר געבען עצות, נאָר אַ קאָנטראָל איבער זיך וועט זי נים דערלאָזען. דעם פּאַרלאַמענט האָט מען פֿאַנאַנדערגעלאָזען. אויף די ביטע פֿון דער אויבערסטער פּאַלאַטע, דער קעניג זאָל אָבהאַלטען מיט דעם צומאַכען דעם פּאַרלאַמענט נאָך איניגע טעג, האָט דער קעניג געענטפֿערט: „נים אויף איין מינוט!“

די וועלטשאַטען דערפֿין האָבען זיך אָבער באַלד אַרויסגעוויזען. דאָס פֿאָלק האָט לויט דעם בעשלוס פֿון דער אונטערסטער פּאַלאַטע זיך אָבגעזאָגט צו צאָהלען שטייערן. עס האָבען נים געהאָלפֿען דאָס אַריינכאַפּען פֿון די פֿערמעגענס מיט געוואַלט, נים די אַרעסט־

טען פון די „בונטאווששיקעס". דאס האב און גוטס פון די, וואס פלעגען זיך אבזאגען צו צאהלען שטייערן, פלעגט מען אבשרייבען און פערחתמ'ענען, אבער ביי יעדער פראבע עס צו פערקויפען, פלעגט זיך ארויסווייזען, אז ס'איז ניטא קיין קויפער, ווייל דאס גאנצע פאלק האט געהאלטען דאס שטייער־זאמלען פאר אונגעזעצליך. קארל דער 1־טער און זיין ליעבלינג האבען זיך גענומען פאר דעם לעצטען מיטעל: די, וואס פלעגען זיך אבזאגען צו צאהלען שטייערן, פלעגט מען מיט געוואלט נעהמען אין מיליטער־ און פלאט־דיענסט. די סאלדאטען האבען דערויף געענטפערט מיט אנטלויפען און בונטען.

אהן געלד, מיט אנ'ארמעע, צווישען וועלכע ס'זענען געווען פיעל בונטאווששיקעס און וואו די איבריגע מאסע האט אויך גע־דיענט געגען איהר ווילען, איז אויסגעקומען צו פיהרען ווייטער די מלחמה מיט פראנקרייך. אלס הויפט־מארשאל איז געווען בעשטימט בעקינגעם, און נאך א גאנצע רייהע פון שרעקליכע און שענד־ליכע מפלות, איז ער געצוואונגען געווען זיך אומצוקעהרען צוריק אין ענגלאנד.

פון דער ארמעע, וועלכע איז געווען געשיקט קיין פראנקרייך, האט זיך אומגעקעהרט ווייניגער ווי א העלפט. דעם גוטען שם, וואס בעקינגעם האט זיך ערווארבען אלס מלוכה־פיהרער האט ער נאך פערבעסערט אלס קריעגס־פיהרער. איצט, ווען די ארמעע איז געקומען צוריק, האט זיך אומגעטראגען איבער'ן גאנצען לאנד א פלוך אויף בעקינגעם. די ארעסטען, טויט־שטראפען, קאנפיס־קאציעס פון די פערמעגענס האבען נאר געדיענט אלס אייל צום פייער. מ'דארף דא בעמערקען, אז צווישען די ריכטער זענען שוין געווען אזעלכע, וואס פלעגען זיך אבזאגען צו ערפילען די בעפעה־לען פון קעניג, ארויסצוטראגען אונגערעכטע אורטיילען וועגען פא־ליטישע און רעליגיעזע ענינים, אדער צו בעשטימען צום פערקויף די פערמעגענס פון די, וואס פלעגען זיך אבזאגען צו צאהלען די אונגעזעצליכע שטייערן.

ס'האבען זיך אנגעהויבען מאסען־פראטעסטען און בונטען מיט דער פאדערונג ס'זאל צוזאמענגערופען ווערען א פארלאמענט און עס זאלען בעפרייט ווערען די אונשולדיגע ארעסטירטע. קארל דער 1־טער איז געצוואונגען געווען נאכצוגעבען: אין פריהלינג (דעם 17 מערץ) 1628 יאהר האט זיך געעפענט דער פארלאמענט. אין דער אונטערסטער פאלאטע זענען געווען פיעל דעפוטאטען, וועלכע האבען אליין געליטען פערפאלגונגען, געזעסען אין געפענגניס, אויסגעהאל־

טען די גרעסטע געוואלד-טהאטען איבער זיך און וועלכע האָבען דאָך ניט אָבגעטראָטען אויף איין שריט פֿון דעם קאמפף געגען דער רעגירונג.

מ׳קען פֿערשטעהן, מיט וואָס פֿאר א ליעבע, מיט וואָס פֿאר א צוטרוי דאָס לאנד האָט זיך בעצויגען צו זיי.

דעם ערשטען אָרט אין דער הינזיכט האָט פֿערנומען ד ז ש אָ ן ע ל י אָ ט.

ביי זיער ערעפֿנונג פֿון פארלאמענט האָט דער קעניג זיך געהאלטען נאָך זעהר שטאָלץ. אין זיין טהראָן-רעדע האָט ער גערופֿען די דעפּוטאטען, זיי זאָלען ערפֿילען זייער פפליכט און האָט דערביי מיט גאוה צוגעגעבען: „אין געגענפֿאל וועל איך געצוואונגען זיין צו געברויכען אנדערע מיטלען, וועלכע גאָט האָט מיר געגעבען אין מיין רשות. נעהמט ניט אָן מיינע ווערטער אלס א דראָהונג; איך האלט דאָס פֿאר א שאנדע פֿאר זיך צו דראָהען די, וועלכע שטעהען ניעדריגער פֿון מיר“. אָבער די איינמוטהיגקייט, וועלכע ביידע פאלאטעס האָבען ארויסגעוויזען אויך איצט, האָט באלד געצוואונגען קארל דעם 1-טען צו בייטען זיין טאקטיק. דער פארלאמענט האָט צוגעזאָגט דעם קעניג צו אסיגנירען גרויסע סומעס, נאָר ניט פֿריהער ביז מ׳וועט דורכזעהען אלע אָנקלאגען, וואָס זענען אריינגעטראָגען געוואָרען אין דער אונטערסטער פאלאטע וועגען די רעגירונגס-האנדלונגען און ביז מ׳וועט ניט אָבשאפֿען אויפֿ׳ן געזעצליכען אופֿן אלע אורזאכען, וואָס ברענגען צו די אָנקלאגען. די אָנקלאגען פֿלעגען איבערהויפּט ארויסגערופֿען ווערען צוליעב די אונגעזעצליכע שטייערן, וואָס מען פֿלעגט ארויפֿלעגען אָהן דער בעשטעטיגונג פֿון פארלאמענט, און צוליעב די געוואלד-אקטען, וואָס מ׳פֿלעגט אָנווענדען ביי דער זאמלונג פֿון די אונגעזעצליכע שטייערן. א וויכטיגען אָרט צווישען די אָנקלאגען האָבען פֿערנומען די ווילקירליכע ארעסטען. אייניגע פֿון די, וואָס מ׳האָט ארעסטירט אויף אזא אופֿן, האָט מען געהאלטען חדשים-לאנג אין געפֿענגנים, ניט ארויסשטעלענדיג געגען זיי קיינע בעשטימטע בעשולדיגונגען.

אין דעם דאָזיגען פארלאמענט האָט דער דעפּוטאט ט אָ מ א ס װ ע נ ד װ אָ ר ט פֿערנומען אנאָנגעזעהענעם אָרט אן דער שפּיצע פֿון דער אָפּאָזיציע. ער פֿלעגט אויך ווי ע ל י אָ ט האלטען ברענענדיגע און טאלאנטפֿאָלע רעדעס וועגען די ליידען פֿון פֿאָלק, ארויסטרעטען געגען די שלעכטע מעשים פֿון די בעאמטע, נאָר ער האָט געפֿאָדערט, אז „די פערזאָן פֿון מאָנארך“ זאָל מען ביי די דעבאטען ניט אָנריהרען, אז די פֿאָרם, אין וועלכער מ׳וועט אויסדריקען די אָנקלא

גען און פֿאָדערן בעפֿרײַדיגונג, זאָל ניט זײַן „בעלײדיגענד פֿאַר די קרוין". בעזאָנדערס הײַס האָט ווענדוואָרט פֿערטהײדיגט די אונבעריהרבאַרקײַט פֿון די „קרוין־פּרעראָגאַטיווען" בײַ די דעבאַטען וועגען די ווילקירליכע אַרעסטען, וועלכע פֿלעגען געמאַכט ווערען אים נאָמען פֿון קעניג. די מעהרהײַט מיט עליאָט בראָש האָט געפֿאָדערט ס'זאָלען אין גאַנצען אָבגעשאַפֿט ווערען די אויסנאַהמס־משפּטים איבער פּאָליטישע און רעליגיעזע ענינים און פֿערבאָטען ווערען די אַרעסטען אָהן בעשטימטע בעשולדיגונגען. די מינדערהײַט מיט ווענדוואָרט בראָש האָט געפֿונען, אַז אין אײניגע פֿאַלען מוזען אָנגעווענדט ווערען אויסנאַהמס־משפּטים און אַז דאָס רעכט צו בעשטימען די אויסנאַהמס־משפּטים געהערט דער פּרעראָגאַטיוו פֿון קעניג און קײנער קען זי ניט אָבנעהמען. אַזוי געהערט דעם קעניג דאָס רעכט צו ערקלערען מלחמות און, הײסט דאָס, אויך קריעגס־צושטאַנדען אין לאַנד גופֿא אין דער צײַט פֿון פֿריעדען. די אַלע פֿאָדערונגען זענען געוועזען אַרויסגעשטעלט אין דער „פּעטיציע וועגען די רעכטען"

## .IV

ווי בעלײדיגענד און אונבעקוועם ס'זענען ניט געוועזען פֿאַר דעם קעניג די פֿאָדערונגען, וועלכע די אונטערסטע פּאַלאַטע האָט אַרויסגעשטעלט, איז ער דאָך געצוואונגען געוועזען צוצוזאָגען דאָס, וואָס מ'האָט פֿון איהם געפֿאָדערט: פֿון קריעגס־פֿעלד זענען אָנגעקומען וואָס פֿון טאָג אַלץ טרויעריגערע נאַכריכטען; ס'האָט זיך געפֿאָדערט געלד, כדי צוזאַמענצושטעלען אַ נײַע אַרמעע אָנשטאָט דער אַרמעע, וועלכע איז אין גאַנצען צושלאָגען געוואָרען בײַ ראַשעל. אָבער קאַרל דער 1־טער האָט אויך דאָ געלאָזען פֿאַר זיך אַנ'אויסוועג: זײַנע פֿערשפּרעכונגען האָט ער געגעבען ניט אין יענער אָפֿיציעלער פֿאָרם, אין וועלכער ס'איז אָנגענומען געוואָרען אין ענגלאַנד צו בעשטעטיגען די גרונד־געזעצען; ער האָט זיך נור בעגרענצט מיט אַלגעמײנע צווײדײַטיגע פֿראַזען. די צווײדײַטיגע אויפֿפֿיהרונג פֿון קעניג האָט אַרויסגערופֿען די אויסערסטע אונצופֿריעדענהײַט אין לאַנד. די אונטערסטע פּאַלאַטע האָט בעשלאָסען גלײַך אויסצונוצען פּאַקטיש די אַלע הנחות, צו וועלכע זי האָט זיך דערשלאָגען.

מיט דעם, וואָס דער קעניג האָט כאָטש אין אַלגעמײנע פֿראַזען אָנערקענט די געזעצליכקײַט פֿון דער פּעטיציע, האָט ער אויך אָנערקענט, אַז די אָנקלאַגען געגען דעם ווילקיר פֿון דער אַדמיניסטראַציע, וועלכע געפֿינען זיך אין דער דאָזיגער פּעטיציע, זענען

געריכטע. אויף דיזען גרונד האָט די אונטערסטע פּאַלאַטע געפֿאָדערט, מ'זאָל גלייך איבערגעבען צום געריכט בעקינגעם'ן, וועלכער האָט אַלס פּרעמיער־מיניסטער אָנגעפֿיהרט מיט דער גאַנצער טהעטיגקייט פֿון דער אַדמיניסטראַציע. אומזיסט האָט דער קעניג געפּרובט איינשרעקען די אונטערסטע פּאַלאַטע דורך זיינע דראָהענדע בריעף: עליאָט און זיינע אַנהענגער האָבען זיך ניט געלאָזען בויגען. ס'האָט אויך ניט געהאָלפֿען און ניט געמאַכט דעם איינדרוק, וועלכען דער קעניג האָט געוואָלט, די ערקלערונג פֿון דעם פּאַלאַטע־פּרעזידענט וועגען דעם, אַז איהם איז געגעבען געוואָרען אַ בעפֿעהל אָבצוגעהמען דאָס וואָרט־רעכט ביי יעדערען, ווער ס'וועט זיך ערלויבען די קלענסטע בעליידיגונג געגען דעם „קעניגס־דיענער". די דאָזיגע ערקלערונג האָט אַרויסגערופֿען נאָך אַ גרעסערע צורייצטקייט. די פּאַלאַטע האָט בעשלאָסען צו פֿאָדערן פֿון קעניג, ער זאָל פֿון דאָס ניי בעשטעטיגען „די פּעטיציע וועגען די רעכטען" — נאָר די בעשטעטיגונג זאָל שוין געגעבען ווערען אין דער געוועהנליכער פֿייערליכער פֿאָרם. איינער פֿון די דעפּוטאַטען האָט אַלס אַנטפֿער אויף די קליינמוטהיגע בעמערקונגען פֿון דעם פֿאָרזיצענדען דושאָן פֿינטש געזאָגט: „מיר האָפֿען, אַז גאָט וועט אונז געבען אין די הענד אַ גענוג שטאַרקען געוועהר, כדי אין גאַנצען צו פֿערניכטען די שונאים פֿון קעניג און פֿון דער מלוכה". מאַכען נייע אַרעסטען צווישען די דעפּוטאַטען האָט דער קעניג ניט געוואַגט, ווייל מ'האָט נאָך ניט אין גאַנצען אַסיגנירט די געלד־סומע, וואָס ער האָט בעדאַרפֿט. אַז דער קעניג האָט זיך דערוואוסט, דאָס די לאָרדען האָבען בעשלאָסען אויף דיזעס מאָל אונטערצוהאַלטען די אונטערסטע פּאַלאַטע, האָט ער נאָכגעגעבען. זיצענדיג פֿייערליך אויף דעם טהראָן ביי דער אַנוועזענהייט פֿון דער דעפּוטאַציע פֿון ביידע פּאַלאַטעס, פֿון די העכערע ריכטער און קויפֿלייט, האָט דער קעניג דעם 2־טען יוני 1628 יאָהר בעשטעטיגט די „פּעטיציע וועגען די רעכטען" אין דער אָפֿיציעלער פֿאָרם, אין וועלכער עס ווערען בעשטעטיגט די געזעצליכע אַקטען: „זאָל זיין אַ רעכט דאָס, וואָס ווערט פֿערלאַנגט". מיט זיין פֿאָרמעלער הגהה האָט קאַרל דער 1־טער געוואָלט נאָר בערוהיגען די מחות, האָפֿענדיג אַז פּאַקטיש וועט אַלץ בלייבען, ווי ס'איז פֿריהער געוועזען.

גלייך נאָך דעם, ווי די „פּעטיציע" איז בעשטעטיגט געוואָרען, האָט קאַרל דער 1־טער געפּרובט זיך בענוצען דערמיט, וואָס אין דעם דאָזיגען אַקט זענען ניט אויסגערעכענט געוועזען אַלע פֿאָרמען פֿון שטייערן, וועלכע מוזען האָבען די בעשטעטיגונג פֿון פּאַרלאַמענט.

אָנווייזענדיג אויף די ביישפּיעלען פון די פריהערדיגע קעניגען, האָט
קאַרל דער 1=טער ערקלערט, אַז איינציגע שטייערן פלעגען פריהער
בעשטימט און געזאַמעלט ווערען נאָר דורך די קעניגען אַליין, און,
הייסט דאָס, אַז אויך אין דער צוקונפט נויטיגען זיי זיך ניט אין
דער בעשטעטיגונג פון פּאַרלאַמענט, צו וועלכען עס געהערט נאָר
די קאָמפּעטענץ אין דער פראַגע וועגען נייע שטייערן און וועגען
יענע אַלטע שטייערן, אויף וועלכע ס'האָט זיך אויך פריהער גע=
פאָדערט דער הסכם פון די פּאַלאַטעס. דער פּאַרלאַמענט האָט
דערויף געענטפערט מיט אַ שאַרפען פּראָטעסט און מיט אַנ'ערקלע=
רונג, דאָס אַפילו אויך די שטייערן, וועלכע געהען אויף אויסצו=
האַלטען דעם קעניג, קענען בעשטימט און געזאַמעלט ווערען נאָר
לויט דעם הסכם פון די ביידע פּאַלאַטעס. ניט גליקליכער איז אויך
געווען דער קעניג אין זיין פּראָבע צו ראַטעווען ב ע ק י נ ג ע ם'ן.
לויט דער פאָדערונג פון דער אונטערסטער פּאַלאַטע, האָבען די
לאָרדען ערקלערט דעם פּרעמיער=מיניסטער, אַלס אַנ'אָנגעקלאָגטען
פאַר'ן משפּט. דער קעניג האָט אָנגעווענדט דעם לעצטען מיטעל,
וואָס איז געבליבען אין זיין רשות: ניט פאַנאַנדערלאָזענדיג דעם
פּאַרלאַמענט, האָט ער אָבגעלעגט די זיצונגען אויף עטליכע חדשים.

אויף די האָזיגע אונטערברעכונג האָט דער קעניג און זיין ליעב=
לינג זעהר פיעל געהאָפט. מ'האָט געטראַכט מיט נייע קרעפטען זיך
צו נעהמען פאַר די מיליטער=אַקטען, און אַזוי ווי ב ע ק י נ ג ע ם האָט
זיך אַרויסגערופען ווידער אָנצופיהרען מיט דער אַרמעע, איז געווען
אַ האָפנונג, אַז ער וועט זיך ווי עס איז אַרויסדרעהען. מ'האָט גע=
האָפט אַגב אויף דעם, אַז אויב ער וועט מנצח זיין, וועט דער פּאַר=
לאַמענט ניט וואַגען איהם צו משפּט'ן. נאָר דער האַס צו ב ע ק י נ=
ג ע ם איז געווען צו גרויס, דער געפיהל פון אַלגעמיינעם צאָרן
האָט געפאָדערט די אומגעזאַמטע בעפריעדיגונג און האָט איהר גע=
פונען אויסער דעם משפּט, וועלכען דער קעניג האָט געזעהען אָב=
צוציהען: דעם 23=טען אויגוסט איז דער פּרעמיער=מיניסטער געטויט
געוואָרען דורך דעם רעליגיעזען און פּאָליטישען פאַנאַטיקער פ ע ל=
ט אָ ן. ב ע ק י נ ג ע ם איז גע'הרג'עט געוואָרען אין מיטען העלען
טאָג אויף דעם באַלקאָן פון זיין אייגענעם הויז אין פּ אָ ר ט ס מ ו ט,
וואו ער האָט געמאַכט זיינע לעצטע פאָרבערייטונגען צו דער מלחמה.
„אַלס אונגליקס=צייכען פון דער צייט — זאָגט דער בעוואוסטער היס=
טאָריקער ש ט ע ר ן — האָט געהאַרפט דיענען די פריידע, מיט וועל=
כע דאָס פאָלק האָט בעגעגענט די נאַכריכט וועגען דער דאָזיגער
הריגה: אַלע אין לאָנדאָן האָבען געטרונקען פאַר די געזונדהייט פון

פעלטאָן; גרויסע פֿאָלקס־מאַסען פֿלעגען גאַנצע טעג זיך שפּאַצירען אַרום דער וואַנד פֿון טאָאוער טהורם, וואו פעלטאָן איז געזעסען, און האָבען אָפֿען אויסגעדריקט איהם זייער מיטגעפֿיהל און בעדויערען וועגען דעם טויט־אורטייל, וואָס שטעהט איהם פֿאָר.

## .V

אין אָנפֿאַנג יאַנואַר 1629־טען יאָהר האָבען זיך פֿון דאָס נייע אָנגעהויבען די זיצונגען פֿון פּאַרלאַמענט.

פֿאַר דער צייט פֿון די פּאַרלאַמענטס־קאַניקולען האָט די ענגלישע אַרמעע געהאַט נאָך עטליכע שרעקליכע מפּלות. אויב בעקינגעמ'ס טויט האָט בעזייטיגט איינע פֿון די אורזאַכען פֿון דער אונצופֿרידענהייט, האָט אָבער דער קעניג מיט זיין נייער אונגעזעצליכער שטייערן־זאַמלונג און מיט דעם אַרעסטירען די, וואָס האָבען זיך אָבגעזאָגט צו צאָהלען די שטייערן, ווידער אַרויסגערופֿען געגען זיך די אַלגעמיינע פֿיינדשאַפֿט. דער צאָרן פֿון דער אונטערסטער פּאַלאַטע האָט זיך נאָך מעהר פֿערשטאַרקט צוליעב דעם, וואָס צווישען די אַרעסטירטע האָט זיך אויך געפֿונען איינער פֿון איהרע מיטגליעדער און דערמיט איז אַריבערגעטראָטען געוואָרען די פּערזענליכע אונבערירבאַרקייט פֿון די דעפּוטאַטען. נאָר צוליעב דעם פֿייערליכען צוזאָג, דאָס אַלע שטרייט־פֿראַגען וועלען געלעזט ווערען אויפֿען באָדען פֿון „קאָנסטיטוציאָנעלען רעכט“, האָט דעם קעניג געלונגען דיזעס מאָל אָבצוהאַלטען דעם קאָנפֿליקט און דערשלאָגען זיך ענדליך די בעשטעטיגונג פֿון אַלע פֿערשפּראָכענע געלד־סומען.

דערפֿאַר אָבער האָט זיך מיט נאָך אַ גרעסערער קראַפֿט פֿאַנאַנדערגעפֿלאַקערט דער קאַמפּף אויפֿ'ן רעליגיעזען באָדען. אויף דעם רעליגיעזען געביעט האָט דער פּאַרלאַמענט, אַזוי אויך ווי אויף דעם פּאָליטישען געביעט, ניט אַנערקענט דאָס רעכט פֿון קעניג צו האַנדלען אָהן דעם הסכם פֿון די פֿאָלקס־פֿאָרשטעהער. אין פֿאָלק פֿלעגען די רעליגיעזע פֿערפֿאָלגונגען אַרויסרופֿען נאָך אַ גרעסערען צאָרן, ווי די פּאָליטישע פֿערפֿאָלגונגען. און דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דער פֿאַנאַטיש־ליידענשאַפֿטליכער אָפּאָזיציע, וואָס די אונטערסטע פּאַלאַטע האָט אַרויסגעוויזען דעם קעניג און דער בישאָפֿליכער קירכע, וועלכע האָט געשטרעבט צו פֿערנעהמען אין ענגלאַנד אַזאַ אָרט, וועלכען די קירכע פֿערנעהמט אין די קאַטוילישע לענדער. אין די דאָזיגע דעבאַטען איז אַרויסגעטרעטען אַלס איינער פֿון די ליידענשאַפֿט־

ליבסטע און שטאַרקסטע רעדנער צום ערשטען מאָל אָליווער קראָמוועל, וועלכער איז יעמאָלט אַלט געוועזן מעהר ניט 29 יאָהר. דער אָנפיהרער פון דער אָפּאָזיציע איז נאָך אַלץ געוועזן דזשאָן עליאָט.

ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס די לאַגע איז געוועזן אַזאַ אָנגעשטרענגטע, האָט דאָך די רעגירונג ניט אומגעביטען איהר פּראָוואָצירענדע טאַקטיק. אין דער „שטערן־פּאַלאַטע" האָט זיך אָנגעהויבען דער פּראָצעס פון די פּערזאָנען, וועלכע האָבען זיך אָבגעזאָגט צו צאָהלען שטייערן. צווישען די אָנגעקלאָגטע איז געוועזן אויך דער אויבענגדערמאָנטער דעפּוטאַט — ראָללע. די אונטערסטע פּאַלאַטע האָט אַרויסגערופען די צאָלל־בעאַמטע, וועלכע האָבען אויפגעהויבען דעם פּראָצעס און האָט געפאָדערט, מ'זאָל זיי איבערגעבען צום געריכט דערפאַר, וואָס זיי האָבען אַריבערגעטראָטען די דעפּוטאַטען־פּריווילעגיעס. דער קעניג האָט ערקלערט, דאָס אַלץ וואָס די צאָלל־בעאַמטע האָבען געטהאָן, האָבען זיי געטהאָן לויט זיין פּערזענליכען בעפעהל. נאָר די דעפּוטאַטען האָבען ניט אויפגעהערט צו פאָדערען דאָס זייעריגע, און צוזאַמען מיט דעם האָבען זיי אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וועלכע פערורטיילט שאַרף די קירכען־פּאָליטיק פון דער רעגירונג.

די מעסיגע עלעמענטען פון דער אונטערסטער פּאַלאַטע, מיט דעם פאָרזיצענדען פינטש בראש האָבען געזעהען צו בעזייטיגען דעם אויסערסטען קאָנפליקט צווישען דער קרוין און דעם פּאַרלאַמענט און צו בעשאַפען אַ באָדען פאַר פּשרות. נאָר די מעהרהייט פון דער פּאַלאַטע האָט געפאָדערט, אַז אַלע צוזאָגען, וואָס דער קעניג האָט געגעבען זאָלען דורכאויס ערפילט ווערען, און ס'זאָלען גלייך אָבגעשאַפט ווערען די אויסערגעוועהנליכע געריכטען וועגען פּאָליטישע און רעליגיעזע ענינים. דעם 2־טען מערץ האָט דער פאָרזיצענדער פון דער אונטערסטער פּאַלאַטע מודיע געווען, אַז דער קעניג האָט ערקלערט, דאָס די זיצונגען פון דער פּאַלאַטע ווערען אָבגעלעגט אויף אַ וואָך צייט. אַלע האָבען פערשטאַנען, אַז דאָס איז נאָר אַ פאָרעדע צו דעם פאַנאַנדערלאָזען דעם פּאַרלאַמענט און האָבען בעשלאָסען ניט פאַנאַנדערצוגעהן זיך, איידער זיי וועלען ניט אויסדריקען אַ שאַרפען פּראָטעסט נעגען דעם רעגירונגס־ווילקיר. דאָ איז פאָרגעקומען אַ בעדייטונגספאָלע סצענע, וועלכע מיר שילדערען דאָ ווייטער.

## VI.

לויט דעם מנהג, וועלכער עקזיסטירט נאך ביז איצט אין ענג־לאנד, רעכענט זיך די פארלאמענטארישע פערזאמלונג געשלאסען גאר דאן, ווען דער פארזיצענדער פערלאזט זיין ארט. בעת מען האט מודיע געווען וועגען דעם קעניגס וואונש אבצולעגען די זיצונגען אויף א וואך צייט, האט עליאט גלייך געפאדערט דאס ווארט. נאר דער פארזיצענדער פינטש האט איהם ניט געגעבען דאס ווארט, ערקלערענדיג מיט טרעהרען אין די אויגען, אז ער האט בעקומען א בעפעהל פון קעניג אומגעזאמט צו פערלאזען זיין ארט (ד. ה. שליסען די זיצונג). דאן האבען די דעפוטאטען זיך א ווארף געטהאן אויף דעם פארזיצענדען, וועלכער איז שוין אויפגעשטאנען פון זיין ארט, האבען איהם מיט געוואלט צוריק אוועקגעזעצט און האבען איהם געהאלטען אויף זיין ארט די גאנצע צייט, ביז וואנען ס'האבען גערעדט עליאט און די אנדערע רעדנער פון דער עקסטער אפאזיציע. די אריינגאנגס־טיהר איז געווען פערמאכט און ביים אריינגאנג האבען זיך אויסגעשטעלט אין רייהען די דעפוטאטען, גרייט ארויסצואווייזען אנ'ענערגישען ווידערשטאנד די קעניגליכע בעאמטע, וועלכע זענען געקומען מיט דער קעניגליכער שליחות און האבען אומזיסט געפאדערט מ'זאל זיי אריינלאזען. אויף דעם וועג צום פאר־לאמענט האט זיך שוין געלאזען די קעניגליכע גווארדיע, וועלכע האט בעקומען א בעפעהל אויסצוברעכען די טיהר און פאנאנדערצוטרייבען די דעפוטאטען. נאר די דעפוטאטען זענען זיך ניט פאנאנדערגעגאנגען ביז ס'זענען ניט אנגענומען געווארען די דריי רעזאלוציעס, וואס עליאט האט פארגעלעגט. ס'ווערט ערקלערט, אלס שונא פון דער מלוכה, אלס פערעטער און אלס אוזורפאטאר פון דער ענגלישער פרייהייט יעדערער, ווער: 1) ס'וועט ווילקירליך איינפיהרען וועלכע ניט איז קירכען־רע־פארמען, 2) ווער ס'וועט ווילקירליך זאמלען אבצאה־לונגען און שטייערן, אדער ווער ס'וועט מיטווירקען צו אזעלכע ווילקירליכע זאמלונגען, 3) אלס שונא פון דער מלוכה ווערט ערקלערט אויך יעדערער, ווער ס'וועט מיט'ן גוטען ווילען איינצאהלען אזעלכע אונ־געזעצליך־אריינגעפיהרטע אבצאהלונגען.

פינטש האט זיך אבגעזאגט צו מאכען די אבשטימונג פון די דאזיגע רעזאלוציעס, נאר אזוי ווי ס'איז ניט אבליגאטאריש, אז צו־

זאמענצעהלען די שטימען זאל ניט אנדערש דער פארזיצענדער און ניט קיין אנדערער, האט די דאזיגע ארבייט אויף זיך גענומען דער דעפוטאט גאללעס.

פון גאס האט זיך געהערט א קלינגעריי פון געוועהר פון דער קעניגליכער גווארדיע, וועלכע האט ארומגערינגעלט דעם פארלאמענט. אין די טירהען האבען זיך געריסען די קעניגליכע בעאמטע מיט דער קעניגליכער שליחות אין די הענד, און דאך האט גאללעס רוהיג און פינקטליך געצעהלט די שטימען: עליאטס רעזאלוציעס זענען אנגענומען געווארען דורך זעהר א גרויסער מערהייט. די רעזולטאטען פון דער אבשטימונג זענען בעגעגענט געווארען מיט א שטורמישער בעגייסטערונג. נאך דער אבשטימונג האט די פאלאטע אליין ערקלערט אנ'אונטערברעכונג אין איהרע בעשעפטיגונגען, און די דעפוטאטען זענען זיך רוהיג פאנאנדערגעגאנגען.

דער קעניגליכער דעקרעט וועגען פאנאנדערלאזען דעם פארלאמענט איז ערקלערט געווארען נאר דעם 10-טען מערץ. קארל דער I-טער האט פעסט בעשלאסען מעהר דעם פארלאמענט ניט צוזאמענצורופען. „איך שעם זיך — האט ער געזאגט — דאס מיר קומט איצט אויס אנצוהויבען די זאך, מיט וועלכע מיינע קוזינען פון פראנקרייך און שפאניען האבען שוין לאנג פערענדיגט“.

קארל דער I-טער האט נאך אליין ניט פערשטאנען, אז זיין לאגע איז צו פיעלע הינזיכטען גאר אנאנדערע ווי די לאגע פון זיינע „קוזינען“ פון פראנקרייך און שפאניען. און דאך האט ער געמוזט גלייך נאך דעם, ווי ער האט פארנאנדערגעלאזען דעם פארלאמענט, ארויסגעבען א דעקלאראציע, כדי צו בערוהיגען דאס פאלק, אזא ארט דעקלאראציע, וועלכע זענען אין שפאניען און פראנקרייך פון יענער צייט ניט ארויסגעגעבען געווארען. אין דער דאזיגער דעקלאראציע זוכט דער קעניג צו פערענטפערען זיינע מעשים, ארויסטרעטענדיג פון דאס ניי מיט דער פערזיכערונג, אז ער „טראגט די פעראנטווארטליכקייט נאר פאר גאט“, און ניט פאר דעם פארלאמענט. בערוהיגען דאס פאלק, ארויסרופען זיין מיטגעפיהל צו דעם קעניג, האט אזא דעקלאראציע נאך אלעם דעם, וואס ס'איז פארגעקומען, פערשטעהט זיך, ניט געקענט. פראטעסטען, ווידערשטאנדען געגען די רעגירונגס-בעאמטע, אפילו בונטען צוליעב די ווילקירליכע שטייער-זאמלונגען האבען ניט אויפגעהערט. נאר די אונצופריעדענהייט האט נאך ניט דערגרייכט צו יענער אנגעשטרענגטקייט, וועלכע קען זיך אויסגיסען אין א רעוואלוציע פון גאנצען פאלק.

ס'איז ווידער אויפגעשטעלט געווארען די זעלבסטהערשענדע

רעגירונגס-אָרדנונג. די קאָנסטיטוציע איז אויך דעם מאָל ניט אָבגעשאַפֿט געוואָרען פֿאָרמעל, אָבער קיינער האָט זיך מיט איהר שוין ניט גערעכענט. און נאָך ווייניגער האָבען זיך גערעכענט דער קעניג און זיינע בעאַמטע מיט די פֿערשפּרעכונגען, וועלכע זענען געגעבען געוואָרען ביי דער בעשטעטיגונג פֿון דער „פּעטיציע וועגען די רעכטען". די דאָזיגע פֿערשפּרעכונגען זענען טאַקי געגעבען געוואָרען מיט דעם מיין, זיי אַריבערצוטרעטען ביי דער ערשטער מעגליכקייט.

גלייך נאָך דעם פֿאַנאַנדערלאָזען דעם פּאַרלאַמענט האָט מען אַרעסטירט אַלע אָנגעזעהענע רעדנער פֿון דער אונטערסטער פּאַלאַטע און פֿריהער פֿון אַלעמען, פֿערשטעהט זיך, עליאָט. די קעניגליכע ריכטער האָבען זיך אָבגעזאָגט אַרויסצולאָזען זיי אויף ערבות, פֿאָדערענדיג, אַז זיי זאָלען בעטען פֿערצייהונג ביים קעניג און זיי זאָלען געבען אַ פֿייערליכען צוזאָג, אַז אויף ווייטער וועלען זיי זיך אויפֿפֿיהרען גוט. אַזאַ פֿערשפּרעכען פֿלעגט מען אַמאָל פֿאָדערען ווען מ'פֿלעגט בעפֿרייען פֿון געפֿענגניס פּערזאָנען פֿון „אויסגעלאַסענער און פֿערברעכערישער אויפֿפֿיהרונג". ניט קיקענדיג אויף די ערניעדרונג, וואָס איז געלעגען אין דעם צוגלייכען די דעפּוטאַטען צו אַזעלכע קאַטעגאָריעס פֿערברעכער, האָבען זיך דאָך צווישען די אַרעסטירטע געפֿונען איינינע מענשען, וואָס האָבען ניט געקענט אויסהאַלטען די בעדינגונגען פֿון דער איינזאַמער געפֿענגניס און זיי האָבען געגעבען די געפֿאָדערטע פֿערשפּרעכונגען. אַנדערע האָבען זיך ערקויפֿט זייער פֿרייהייט דורך ערניעדריגענדע בקשות וועגען בעגנאַדיגונג. דזשאָן עליאָט איז געבליבען אין געפֿענגניס דערזעלבער, ווי ער איז געווען אין פּאַרלאַמענט. נאָך אַ פֿיער-יאָהריגען שמאַכטען אין איינע פֿון די פֿינסטערסטע אונטעראירדישע הוילען פֿון דעם טאַוער-טהורם איז ער אַוועק פֿון דער וועלט אויך אַזאַ פֿעסטער, ריינער, אונבייגזאַמער, אונפֿעהיגער אויף וועלכע ניט איז קאָמפּראָמיסען מיט דעם געוויסען, ווי ער איז געווען, ווען ער האָט אָנגעהויבען זיין פּאָליטישע טהעטיגקייט. דער האַס, וועלכען דער קעניג האָט צו איהם געפֿיהלט, איז ניט אָבגעשוואַכט געוואָרען אַפֿילו נאָך דעם שונא'ס טויט. ווען עליאָט'ס זון האָט געבעטען, אַז מען זאָל איהם אַרויסגעבען דעם טויטען קערפּער פֿון זיין פֿאָטער, כדי איהם צו בעערדיגען אין פֿאַמיליען-געוועלב, האָט קאַרל דער I-טער „ניט געפֿונען פֿאַר מעגליך צו ווייזען אַזאַ גנאַדע דעם נישטווירדיגען, גאָטס-לעסטערדיגען בונטאָוושטשיק".

11 יאָהר האָט קאַרל דער I-טער רעגירט אין ענגלאַנד, ניט צוזאַמענרופֿענדיג קיין פּאַרלאַמענט, נאָר דאָס איז געווען דער לעצטער קאָן פֿון דעם אַבסאָלוטיזם. אויף עלף יאָהר צייט האָט זיך דעם קעניג

אײנגעגעבען אָבצוהיטען דעם אונטערגאַנג פֿון זײן טהראָן און פֿון דעם אַלטען רעזשים בכלל; עלף יאָהר צײט האָט ער מיט אַ װילדער אַכזריות געשטיקט יעדען קלענסטען פּראָטעסט אויפֿ'ן פּאָליטישען און רעליגיעזען באָדען. נאָר די מאַכט פֿון די געדונגענע זעלנער, פֿון די פֿערקויפֿליכע ריכטער, דער פֿערווילדעװעטער ביוראָקראַטיע און גײסטליכע האָט געקענט סטײען נאָר אויף אײן צעהנליג יאָהר. די רעװאָלוציאָנערע שטימונג פֿון די מאַסען איז געװאַקסען װאָס פֿון יאָהר; אויפֿשטאַנדען, װאָס מ'פֿלעגט מיט בלוט-פֿערגיסונג דערשטי- קען אין אײן אָרט, פֿלעגען אויפֿפֿלאַקערען אין צעהנדליגע אַנדערע ערטער. דער צאָרן געגען דער רעגירונג האָט זיך אָנגעהויבען אויס- צודריקען אין הרגענען די פֿערטרעטער פֿון דער פֿערהאַסטער ביו- ראָקראַטיע און גײסטליכע, װעלכע זענען בעשטימט געװעזען פֿון אויבען — פֿון דער רעגירונג. אין 1640-טען יאָהר האָט דער קעניג געמוזט, כדי אויסצומײדען אַנ'אַלגעמײנע רעװאָלוציע, ערפֿילען די פֿאָדערונג, װאָס פֿלעגט אַלײן עפּטער און עפּטער אַרויסגעשטעלט װערען — די פֿאָדערונג צוזאַמענצורופֿען דעם פּאַרלאַמענט.

### VII.

די נאָהענטסטע העלפֿער און בעגײסטערער פֿון קאַרל דעם 1-טען זענען די גאַנצע צײט געװען טאָמאַס װענדװאָרט און דער אויבער-בישאָף לאָאוד. װענדװאָרט, װעלכער האָט אין די פּאַרלאַמענטען פֿון די 24 און 26-טע יאָהרען אויך אַזױ װי עליאָט אַרויסגעטראָטען מיט היציגע אָפּאָזיציאָנעלע רעדען, האָט באַלד נאָך דעם פֿאַנאַנדערלאָזען פֿון דעם לעצטען פּאַרלאַמענט גענומען דינען דעם קעניג מיט דעם פֿלײס פֿון אַנ'אמת'ן רענעגאַט. פֿאַר די ענער- גישע אונטערדריקונג פֿון די אויפֿשטאַנדען אין אירלאַנד, פֿאַר די קלוגע פֿערװאַלטונג אין דיזען לאַנד אַלס קעניגליכער פֿערטרעטער האָט װענדװאָרט בעקומען דעם גראַף-טיטול. אונטער דעם נאָמען פֿון גראַף סטראַפֿפֿאָרד האָט ער אין זײנע הענד קאָנצענ- טרירט די גאַנצע בירגערליכע און מיליטערישע פֿערװאַלטונג פֿון ענג- לאַנד און צוזאַמען מיט דעם האָט ער אויך אויף זײן פּערזאָן קאָנ- צענטרירט דעם גאַנצען האַס פֿון ענגלישען פֿאָלק. אָבער װי די מאַכט אַזױ אויך דעם פֿאָלקס-האַס האָט געטראָגען אויף זיך אויך דער אויבער-בישאָף לאָאוד, אַ טיפּישער הארצלאָזער גײסטליכער, אין װעלכען ס'האָבען גליקליך צוזאַמענגעלעבט די צביעות'סטװע פֿון אַ קעניגליכען דינער, די ליסטיגקײט פֿון אַ יעזואיט און די גרוי-

זאַמקייט פֿון אַ אינקוויזיטאָר. אַט דער לאָאוד איז בעשטימט געוואָרען אַלס פֿערוואַלטער איבער די קירכען־ענינים. איינער פֿון די ווייניגער וויכטיגע מאָטיווען ביים צוזאַמענרופֿען דעם פּאַרלאַמענט איז געווען אויך דער נויט אין געלד אויף די פֿערגרעסערונג פֿון דער אַרמעע. סטראַפֿפֿאָרד האָט געהאַט בדעה אין גאַנצען אויסצוראָטען די רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג אין שאָטלאַנד און אירלאַנד. ער האָט אויסגעצייכענט פֿערשטאַנען די געפֿעהרליכקייט פֿון דער לאַגע, נאָר ער האָט געהאָפֿט אויף זיין געניטקייט און זיין קענטשאַפֿט זיך אויסצודרעהען ביי אַלערליי אומשטאַנדען: „אויב פֿון אונזער זאַך וועט גאָרנישט אַרויסקומען — האָט ער געזאָגט — פֿאַר דעם צוזאַמענרופֿען פֿון פּאַרלאַמענט, וועגען מיר אַלע פֿערפֿאַלען. אָבער — צום טייוועל די אַלע, וועלכע האָבען ווייניג דרייסטקייט! איך האָב דרייסטקייט איבער גענוג".

דעם 13־טען אַפּריל 1640 האָט זיך געעפֿענט דער פּאַרלאַמענט.

קאַרל דער 1־טער האָט פֿערזענליך ערשיינט אין דער בעגלייטונג פֿון דעם שטעמפּעל־שומר, דזשאָן פֿינטש, דער זעלביגען, וועלכער איז געווען דער פֿאָרזיצענדער אין דער אונטערסטער פּאַלאַטע אין פּאַרלאַמענט פֿון 1628־29 יאָהר. נאָך דעם פֿאַנאַנדערלאָזען פֿון פּאַרלאַמענט האָט ער אויך ווי וועגדוואָרט אָנגענומען אַ שטעלע ביים קעניג און האָט זיך דערדינט אַ טרויעריגען שם אין דער ראָלע פֿון אַן'אויבער־ריכטער.

דאָס איינציגע, מיט וואָס דער קעניג האָט געהאָפֿט צוצוציהען אויף זיין זייט די דעפּוטאַטען — איז געווען די אָפֿיציעלע אַנערקענונג פֿון די רעכטען פֿון פּאַרלאַמענט; ער האָט געבעטען צו בעשטעטיגען מיט אַ פֿריהערדיגען דאַטום יענע שטייערן, „וועלכע זענען געזאַמעלט געוואָרען אָהן דער בעשטעטיגונג צו דער רעכטער צייט". נאָך דעם ווי קאַרל דער 1־טער האָט געגעבען די דאָזיגע כלומר'שטדיגע הנחה, האָט ער געפֿאָדערט, אַז ס'זאָלען אומגעזאַמט אַסיגנירט ווערען נייע סובסידיעס. „געלד איז נויטווענדיג גלייך, כדי צו אונטערדריקען די בעוועגונג אין שאָטלאַנד, וועלכע שטעלט פֿאָר אַ גרויסע געפֿאַהר פֿאַר דער מלוכה". דער קעניג האָט געפֿונען, אַז נאָר נאָך דעם, ווי עס וועלען בעשטעטיגט ווערען די געלד־אַסיגנירונגען, וועט מען קענען זיך נעהמען בעטראַכטען די פּעטיציעס און אָנקלאַגען, און ער האָט פֿערשפּראָכען, אַז זיי וועלען בעטראַכט ווערען „מיט דער גרעסטער זאָרגזאַמקייט און מיט דער פֿאָלקאָמער אונפּאַרטייליכקייט און, אַלס ערבות דערצו, זאָל דינען דאָס וואָרט פֿון דעם גאָטספֿאָרכ־

טיגען, געךעכטען און גנאדיגען קעניג". נאר די דעפוטאטען האבען
אויך אזוי וועניג געגלויבט אין די „גאטספארכטיגקייט", ווי אין די
„גערעכטיגקייט" און „גנאדע" פון קעניג. אלס ענטפער אויף די פא=
דערונג פון קעניג, האט דער דעפוטאט גרימסטאן ערקלערט,
אז די „געפאהר, וועלכע שטעהט פאר דעם לאנד צוליעב די אי=
נערליכע אונארדנונגען איז אהן א שיעור און אהן א מאס גרעסער,
איידער די געפאהר, וואס שטעהט פאר, ווי די רעגירונג זאגט, אין
שאטלאנד. „אלע גרונדלאגען פון דעם געזעלשאפטליכען לעבען זע=
נען אויפ'ן שענדליכסטען אופן אונטערגעגראבען געווארען" — האט
אויסגערופען דער רעדנער ביי א דונער=בייפאל פון דער גאנצער אונ=
טערסטער פאלאטע. „ס'עקזיסטירט ניט קיין אייגענטהום, קיין פריי=
הייט. די רעליגיאן איז פערניכטעט, די יעוואנגעליע און איהרע היי=
ליגע אנהענגער ווערען געפייניגט דורך אונערהערטע פערפאלגונגען,
איבער דעם גאנצען לאנד האט זיך פערשפרייט א נעץ פון אונ=
צעהלבארע מהנות הייזשעריקען און ווערים".

גרימסטאן איז געווען נאר דער ערשטער אנהויבער. אלס
אמת'ער אנפיהרער פון דער אפאזיציע איז ארויסגעטראטען דזשאן
פים — איינע פון די וויכטיגסטע פערזאנען פון דער ענגלישער רע=
וואלוציע און א ווירדיגער נאכפאלגער פון עליאט. אין א צווי=
שעהדיגער רעדע האט פים אויסגערעכענט אלע פערברעכען פון
דער רעגירונג, וועלכע ער האט צוטיילט אויף דריי קאטעגאריעס:
די פערברעכען געגען דער קאנסטיטוציע און די פריווילעגיעס פון
פארלאמענט, די פערברעכען געגען דער רעליגיאן, די פערברעכען
געגען די פרייהייט און אייגענטהום פון די בירגער.

מיט דער איין רעדע זיינער האט פים צוגעצויגען אויף זיין
צד די גאנצע אונטערסטע פאלאטע. נאך איינינע טעג פון אונפרוכט=
בארען קאמפף געגען פים, האט דער קעניג זיך געווענדט נאך
שטיצע צו דער אויבערסטער פאלאטע. צווישען די לארדען האבען
זיך געפונען ניט וועניג מענשען, וואס זענען געווען אפאזיציאנעל
געשטימט, נאר די מעהרהייט האט איינגעווילינט מיט דעם קעניג,
אז די פראגע וועגען סובסידיעס דארף בעטראכט ווערען פריהער,
איידער די פעטיציעס און אנקלאגען. אויף די איינלאדונג פון די
לארדען אויסצוועהלען א קאמיסיע אויף צו בעטראכטען די פראגע
וועגען סובסידיעס, האט די אונטערסטע פאלאטע געענטפערט מיט
א שארפען פראטעסט, אין וועלכען זי בעשולדיגט די לארדען אין
דער איבערטרעטונג פון דעם „נאטירליכען רעכט" פון דער אונ=
טערסטער פאלאטע זעלבסטשטענדיג צו בעשטימען די ארדנונג פון

דער ארבייט. דער קעניג האט פארגעלעגט א קאמפראמיס: ער האט איינגעווילליגט אבצוזאגען זיך פון צו זאמלען איינעם פון די וויכטיגסטע שטייערן („דעם שיפ־שטייער"), ער האט איינגעווילליגט אויך אויף אנדערע הנחות. נאר די אונטערסטע פאלאטע האט אויף אלץ געענטפערט מיט דער פאדערונג גלייך אומגעזאמט צו בעטראכטען די אנקלאגעס און איבערגעבען צום משפט די שולדיגע בעאמטע. אויסער דעם האט די אונטערסטע פאלאטע פארגעלעגט דעם קעניג שלום מאכען מיט שאטלאנד. אין דעם דאזיגען פארשלאג האט דער קעניג איינגעזעהען א פערזענליכע בעליידיגונג, און דעם 5־טען מאי האט ער פאנאנדערגעלאזען דעם פארלאמענט, וועלכער איז בעוואוסט אין דער היסטאריע אונטער דעם צונאמען „קורצער".

די מעהרהייט פון דער אפאזיציע האט פאראויסגעזעהען אזא סוף, האט דאס געוואלט און האט צוליעב דעם געזעהען צו פערשארפען דעם „קאנפליקט" דורך דעם פארשלאג צו שליסען פריעדען מיט דער אויפגעשטאנענער שאטלאנד. אין א שעה ארום נאך דעם פאנאנדערלאזען דעם פארלאמענט האבען זיך אויפ׳ן גאס בעגעגענט צוויי מיטגליעדער פון דער אונטערסטער פאלאטע: איינער פון זיי א ליוו ער סענט־דזשאן האט זיך שטענדיג אויסגעצייכענט מיט זיין כמארען אויסזעהן. דעם מאל האט די געזיכט פון סענט־דזשאן געלויכטען פון פערגניגען. אויף די פראגע וועגען די אורזאכע פון זיין פריידע, האט ער געענטפערט: „דערווייל געהט עס גוט; נאר כדי ס׳זאל ווערען נאך בעסער, דארף פריהער ווערען אביסעלע ערגער".

נאך דעם, ווי ער האט פאנאנדערגעלאזען דעם פארלאמענט, האט דער קעניג אוועקגעשיקט קיין שאטלאנד דעם היל, וועלכען ער האט געהאט אין זיין רשות.

די שאטלאנדער האבען נאך איינינע צוזאמענשטויסונגען אבגעטריבען די ענגלענדער צוריק און האבען אליין אנגעהויבען אנצופאלען. אהן גרויס מיה האט זיך זיי איינגעגעבען צו פערנעהמען איינינע ענגלישע שטעדט, און דערביי האט די בעפעלקערונג ניט ארויסגעוויזען געגען זיי דעם קלענסטען ווידערשטאנד. אין איינינע ערטער האט מען די שאטלענדער בעגעגענט אפילו מיט פרייד, אלס ערלעזער פון דער רעגירונגס־טיראניי.

די לאגע פון דער רעגירונג איז געווען נאך ערגער צוליעב דעם, וואס אין דער ענגלישער ארמעע גופא האט זיך אנגעהויבען א געהרונג, וועלכע פלעגט ניט זעלטען זיך אויסגיסען אין אפענע בונטען. אין היל האבען זיך שוין צו דער צייט געפונען א סך

פֿוריטאַנער, װעלכע זענען געװען אױפֿגערײצט צוליעב די פֿערפֿאָלגונגען פֿון דער „קאַזיאָנער בישאָפּס-קירכע“. ס'זענען אױך געװען װי צװישען די סאָלדאַטען, אַזױ אױך צװישען די אָפֿיציערען, בעװאוסטזיניגע געגנער פֿון דעם פּאָליטישען יאָך.

די רעגירונג האָט געפּרובט אונטערדריקען די דאָזיגע בעװעגונג צװישען חיל דאָ מיט אַכזריות, דאָ מיט שעהנע פֿערשפּרעכונגען צו פֿערבעסערען די מאַטעריעלע לאַגע פֿון די סאָלדאַטען און אָפֿיציערען. דאָס האָט װעניג װאָס געװירקט, — און האָט ניט געקענט װירקען צוליעב דעם, װײַל כדי צו ערפֿילען די פֿערשפּרעכונגען, האָט דער רעגירונג אױסגעפֿעהלט געלד. די פּראָבע צו מאַכען אַנ'אױסערליכע הלואה האָט זיך אױסגעלאָזען מיט גאָרניט; ניט קײן גרעסערען ערפֿאָלג האָט געהאַט די פּראָבע פֿון קעניג צו לײַהען געלד בײַ די ענגלישע סוחרים, בײַ דער פֿערװאַלטונג פֿון דער אָסט-ענדער קאָמפּאַניע און ענדליך בײַ דער לאָנדאָנער שטאָדט-דומע: אומעטום האָט מען איהם ענטזאַגט.

## .VIII

קאַרל דער I-טער האָט פֿערלאָרען דעם באָדען אונטער זײַנע פֿיס; צוזאַמענרופֿען דעם פּאַרלאַמענט האָט ער מורא געהאַט, פֿיהלענדיג אַז דיזעס מאָל װעט דער בעל-נצחון זײַן ניט ער. ער האָט זיך בעשלאָסען אױף די לעצטע פֿערצװײפֿעלטע פּראָבע אױסצומײַדען אַ צוזאַמענשטױסונג מיט דער שרעקליכער אונטערסטער פּאַלאַטע. לױט דער כאַרטיע פֿון דעם 13-טען יאָהר-הונדערט, האָט ער צוזאַמענגערופֿען אין יאָרק נאָר די פּאַלאַטע פֿון די לאָרדען אַלײן. דאָס גאַנצע לאַנד האָט געענטפֿערט דערױף מיט אַ לױטען פּראָטעסט. פּים, סענט-דזשאָן און זײַערע חברים האָבען אױפֿגעהױבען אַן ענערגישע אַגיטאַציע, פֿלעגען זיך צוזאַמענקלײַבען אױף געהײמע בעראַטונגען און פֿלעגען, ניט קוקענדיג אױף דאָס פֿערװעהרען, אָרגאַניזירען גרױסע מיטינגען. אַ הײסען אַנטהײל אין דער אַגיטאַציע האָט גענומען דער בעריהמטער פּאָעט און פּאָליטישער קעמפּפֿער מילטאָן.

ס'זענען אומגעגאַנגען קלאַנגען, דאָס די ענגלישע רעװאָלוציאָנערען פֿיהרען אונטערהאַנדלונגען מיט דער שאָטלענדער אַרמעע.

פּראָטעסטען און פֿאָדערונגען, ס'זאָל צוזאַמענגערופֿען װערען דער פּאַרלאַמענט האָבען זיך געשאָטען פֿון אַלע זײַטען: פֿון שטאָדטישע מוניציפּאַליטעטען, פֿון פּריװאַטע חברות. אַפֿילו פֿיעלע פֿון די אָנגעזעהענע פֿאָרשטעהער פֿון דער העכסטער אַריסטאָקראַטיע האָבען

איבערגעגעבען דעם קעניג א קאלעקטיווע פעטיציע מיט דער בקשה צוזאמענצורופען דעם פארלאמענט, „וועלכער איז דער איינציגער, וואס קען בעזייטיגען די גרונדען פון די אנקלאגען פון פאליטישען און רעליגיעזען כאראקטער". „דער פ א ר ל א מ ע נ ט, — ווערט געזאגט אין דער דאזיגער פעטיציע, וואס איז געווען געחתמ'עט פון פיעלע לארדען, — מוז איבערגעבען צום משפט און ווירדיג בעשטראפען די שלעכטע בעלי-עצות פון קעניג, די שולדיגע פון אלע אונגעזעצליכע און פערברעכערישע מעשים". ווי דער קעניג האט ניט מורא געהאט, אז צוזאמען מיט די שלעכטע בעלי-עצות פון קעניג קען אויך ליידען דער געזאלבטער טרעגער פון דער קרוין גופא, האט ער דאך קיין אנדער אויסוועג ניט געזעהן. דעם 3-טען נאוועמבער איז דער פארלאמענט ווידער צוזאמענגערופען געווארען.

די לארדען, וועלכע זענען צוזאמענגערופען געווארען אין יארק, האט זיך איינגעגעבען צו דערשלאגען זיך א שלום מיט שאטלאנד און צו לייהען א קליינע סומע געלד אויף אויסצוהאלטען די ענגלישע ארמעע. דאס געלד (200,000 פונט סטערלינג) האט געגעבען דער לאנדאנער מוניציפאליטעט, נאר מיט דער בעדינגונג, אז דער פארלאמענט זאל דאס איינצאהלען און דערפאר האבען געמוזט ערוב זיין די לארדען. דעם קעניג האט מען אזא סומע שוין ניט געוואגט צו טרויען.

בעשיידען, אהן דער געוועהנליכער גלענצענדער סוויטע, איז דורכגעפאהרען דער קעניג דעם 3-טען נאוועמבער אויף זיין יאכטע קיין וועסטמינסטער און האט צום פינפטען מאל אויפגעעפענט דעם פון איהם פערהאסטען פארלאמענט. דאס איז אויך געווען צום לעצטען מאל: „דער לאנגער פארלאמענט האט אריבערגעלעבט ק א ר ל דעם I-טען און איז געווארען דאס, וואס ער האט געזאלט זיין, לויט די נביאות פון מ י ל ט א ן: „א שרעקליכע געוועהר אויף טויט-קלעפ". פון ערשטען טאג אן האט זיך געלאזט הערען די איינשטימיגע פאדערונג — איבערגעבען צום געריכט דעם גאנצען שטאט בעאמטע מיט ס ט ר א פ פ א ר ד ע ן בראש. „די געזעצען, — האט געזאגט איינער פון די רעדנער, — העלפען ניט. מ'קען זיך ניט פארשטעלען קיין בעסערע געזעצען, ווי די וואס מיר האבען ארויסגעגעבען געגען די מאנאפאליסטען און דורכגעפיהרט אין דער „פעטיציע וועגען די רעכטען". און וואס-ושע! צו דען זענען פאר די לעצטע עטליכע יאהר ניט אויסגעוואקסען מעהר מאנאפאלען? צו דען איז די פרייהייט ניט אויסגעקומען צו ליידען נאך מעהר פון די פערפאלגונגען פאר די גאנצע צייט פון דער נארמאלער ערהאבערונג אן? אויב די וואס האבען צו-

שטערט דעם פֿריעדען אין אונזער ארץ ישראל, אויב די, וואָס זענען שולדיג אין דעם אַלעם, וועלען בלײַבען אונבעשטראָפֿט, וועט קײנמאָל פֿאַר אונז ניט קומען קײן בעסערע צײַטען, ווײַל אין דער צײַט ווען ס'קומען פֿאָר די זיצונגען פֿון פּאַרלאַמענט, ווערט בײַ די דאָזיגע רעפּטיליען, ווי בײַ די פֿאַרפֿראָרענע שלאַנגען, פֿערטריקענט דער גיפֿט, נאָר ווי דער פּאַרלאַמענט געהט זיך פֿאַנאַנדער, לעבט בײַ זײ אָב דער גיפֿט; ער גיסט זיך פֿאַנאַנדער און ברענגט נאָך מעהר שאָדען, ווי ער האָט פֿריהער געבראַכט."

וואָס־זשע זאָלען מיר פֿאָרנעהמען? מיר מוזען זאָגען, ווי די דאָקטױרים זאָגען: „*דאָרטען וואו מ'קען ניט הײלען מיט אַ פּלאַסטער, הײלט מען מיט דעם כירורגישען מעסער*".

זעהר אַ קלאָהרע שפּראַך. נאָר אויך ווי אַמאָל בײַ דעם פּראָצעס פֿון *בעקינגעם*, האָט דער קעניג געהאָפֿט צו ברעכען דעם ווילען פֿון דער גאַנצער אונטערסטער פּאַלאַטע. אין דעם מאָמענט, ווען דער פּאַרלאַמענט האָט אָנגעהויבען זײַנע זיצונגען, איז *סטראַפֿפֿאָרד* אין לאָנדאָן ניט געווען.

דער קעניג, וועלכען ס'איז שווער געווען אויסצוקומען אָהן איהם אין אַזאַ שווערע צײַט, האָט אַרויסגערופֿען צו זיך זײַן ליבלינג, פֿערזיכערענדיג איהם מיט זײַן „קעניגליכען וואָרט", דאָס ער וועט ניט דערלאָזען, „אַז דער פּאַרלאַמענט זאָל אָנריהרען כאָטש אײן האָר אויף דעם קאָפּ פֿון דעם ערשטען מיניסטער".

דעם 10־טען נאָוועמבער איז *סטראַפֿפֿאָרד* געקומען קײן לאָנדאָן, איז גלײַך אָנגענומען געוואָרען בײַם קעניג, אין דעם פֿאָלגענדען פֿריהמאָרגען האָט ער זיך גאַנץ רוהיג פֿערנומען זײַן אָרט אין דער אויבערסטער פּאַלאַטע. ס'איז אומגעגאַנגען אַ קלאַנג, דאָס דער ערשטער מיניסטער האָט געהאָפֿט צו בעזײַטיגען דעם פּראָצעס געגען זיך אויף אַן אָריגינעלען אופֿן, וועלכען דער קעניג האָט אויך בעווילינגט: ער האָט געוואָלט איבערגעבען צום געריכט *פּים'ען* און די אַלע איבעריגע הויפּט־פֿיהרער פֿון דער אָפּאָזיציע, בעשולדיגענדיג זײ אין מלוכה־פֿערראַטה — אין אויפֿטראַגען מיט דער שאָטלאַנדער רעוואָלוציאָנערער אַרמעע. נאָר מען האָט איהם פֿערלאַפֿט דעם וועג. דעם 11־טען נאָוועמבער אין דער פֿריה איז די אונטערסטע פּאַלאַטע, אָבלעגענדיג אַלע איבעריגע ענינים, צוגעטראָטען צו דער בעטראַכטונג פֿון פּים'ס פֿאָרשלאַג וועגען בעשטימען אַ משפּט איבער *סטראַפֿפֿאָרדן*. פֿריהער האָט מען אַרויסגעשיקט אַלע זײַטיגע פּערזאָנען, פֿערשלאָסען די טיהרען, ווײַל מ'האָט מורא געהאַט פֿאַר גוואַלד־טהאַטען פֿון דער רעגירונגס־מאַכט, בעזאָנדערס האָט מען מורא

בעהאַט, דאָס די רעגירונג זאָל אויף דיזעס מאָל ניט אַרעסטירען די מעהר פאַר איהר געפעהרליכע דעפּוטאַטען. דעם גאַנצען טאָג האָט מען זיך פערנומען מיט דעם צוזאַמענשטעלען דעם בעשולדיגונגס=אַקט. אַרייַנטראָגען איהם אינ'ם נאָמען פון דער אונטערסטער פּאַלאַטע אין די פּאַלאַטע פון די לאָרדען — האָט מען איבערגעגעבען פּים'ען. נאָר אויף יעדען פאַל האָט די מעהרהייט פון די דעפּוטאַטען בעשלאָסען צו בעגלייטען זייער אויסגעוועהלטען אין די אויבערסטע פּאַלאַטע. ס'איז שוין געווען פינסטערליך ווען אין דעם זאַל פון די לאָרדען איז ערשינען די פּראָצעסיע פון 300 דעפּוטאַטען מיט פּים'ען בראש.

„ער לעצטער האָט זיך בעגוגענט מיט אַ קורצער רעדע: „מיינע העררן לאָרדען! אים נאָמען פון די געמיינדען פון גאַנץ ענגלאַנד בעשולדיג איך אין מלוכה=פערראַט טאָמאַס גראַף **סטראַפפאָרד** דעם לאָרד=לייטענאַנט*) פון אירלאַנד. די געמיינדען האָבען מיר בעפאָלמעכטיגט צו בעטען אייך, לאָרדען, איהר זאָלט בעפעהלען מען זאָל בעזייטיגען דעם בעשולדיגטען פון פּאַלאַטע און איהם אַרעסטירען".

**סטראַפפאָרד** איז געווען אין קעניגליכען פּאַלאַץ, ווען ער האָט זיך דערוואוסט וועגען דעם בעשלוס פון דער אונטערסטער פּאַלאַטע. ער איז גלייך אַוועק אין פּאַלאַטע פון די לאָרדען, „אום צו קוקען גלייך אין די אויגען זיינע בעשולדיגער". נאָר ער האָט דאָ אויך פערשפּעטיגט: ער איז געקומען שוין נאָך פּים'ס רעדע. מיט אַ שטאָלצען הויכפעהרדיגען אויסזעהן האָט ער אַריבערגעטראָטען דעם שוועל מיט דער אַבזיכט צו געהן אויף זיין אָרט, נאָר איהם האָט אָבגעשטעלט דער פּאָרזיצענדער מיט דעם בעפעהל אָבצוואַרטען אין פּאָרהויז.

די אורזאַכע דערפון ליגט אין דעם, וואָס לויט די אַלטע מנהגים האָט אַ מיטגליעד פון פּאַרלאַמענט, געגען וועלכען ס'איז אַרייַנגעטראָגען געוואָרען אַ פּאָרשלאַג וועגען איבערגעבען איהם צום משפט, קיין רעכט ניט בייַ צו זיין אויף דער זיצונג. אויב די פּאַלאַטע בעשליסט איבערצוגעבען צום משפט איהרען אַ מיטגליעד, מוז דער בעשולדיגטער אויסהערען דעם בעשלוס, **שטעהענדיג אויף די קניע** **ביים שוועל פון דער פּאַלאַטע**. אָט דיזע ערניעדריגענדע פּראָצעדור האָט מען געצוואונגען דורכצומאַכען דעם שטאָלצען און מיט איינינע שעה פריהער נאָך אַלמעכטיגען הערשער. מען האָט איהם געהאַלטען אין פּאָרהויז די גאַנצע צייט, ביז וואַנען די לאָרדען

*) דער פערטרעטער און הויפט=אָנזאגער פון דעם היל.

האבען בעטראכט דעם פארשלאג פון דער אונטערסטער פאלאטע, דער נאך האט מען איהם אריינגעפיהרט אין זאל, געצוואונגען זיך צו שטעלען אויף די קניע ביים שוועל און איהם ערקלעהרט דעם בע־שלוס פון די לארדען, איהם איבערצוגעבען צום משפט און גלייך ארעסטירען. די פארלאמענטס־פריסטאווען האבען אבגענומען ביי איהם די שפאגע און איהם אבגעפיהרט אין זיין וואהנונג, וואו ער האט זיך געפונען אונטער א וואך איניגע טעג, און איהם נאכהער אריינגעזעצט אין טאאוער טהורם, וואו עס האבען געשמאכט און זענען אומגעקומען אזוי פיעל פריידהייטס־קעמפפער—זיינע, סטראפפארדס, קרבנות. אין איניגע טעג ארום האט מען אין זעלבען טהורם אויך געבראכט דעם אבער־בישאף לאאוד, וועלכער איז אויך בעשולדיגט געווארען אין מלוכה־פעררראט, און צוזאמען מיט איהם—איניגע מיטגליעדער פון די אויסנאהמס־געריכטען אין דער שטערן־פאלאטע. דער שומר פון מלוכה־שטעמפעל פינטש און דער מלוכה־סעקרעטאר ווינדע־באנק זענען אנטלאפען קיין פראנקרייך.

אלע קלענערע, ווענינער וויכטיגע דינער פון דער רעאקציע אין לאנדאן נופא און אין דער פראווינץ האט מען אויך ארעסטירט און איבערגעגעבען צום משפט.

.IX

ווי נאר מען האט ארעסטירט די אנפיהרער און די מעהר איבערגעגעבענע דינער פון דער רעאקציע, האט זיך אזוי ווי דורכ־געריסען דער צוים, וועלכער האט אזוי לאנג דורך געוואלד איינגע־האלטען דאס פאלקס־לעבען. עס זענען אראבגעפאלען די קייטען, וואס האבען צוזאמענגעדריקט דאס גאנצע פאלק. אויף אלע פלעצער האבען זיך אנגעהויבען צו זאמלען זעהר גרויסע מיטינגען און קיינער האט זיך ניט געקימערט וועגען ערלויבנים פון די בעאמטע. איבער די גאסען האבען זיך געצויגען אונענדליכע פראצעסיעס; מאסענווייז האט זיך דער המון געשפארט ביים פארלאמענט און געפאדערט פרייהייטען. פון דארטען פלעגען זיי זיך לאזען צו דעם טאאוער טהורם מיט דער פאדערונג: טוידט די אונטערדריקער. טויזענדער רעוואלוציאנערע בלעטלעך, בראשירען, פעריזען, אבגעדרוקטע רעדעס און דרשות, פלע־גען זיך פאנאנדערגעהן טאג טעגליך. וועגען דער צענזור האבען אלע פערגעסען. איבריגענס האט דער פארלאמענט שוין אין גיכען אפיציעל אבגעשאפט די צענזור.

דער קעניג איז מבולבל געווארען. ער האט איינגעלאדען אין

מיניסטאָרען-ראַטה איינינע לאָרדען, בעוואוסטע מיטגליעדער פֿון דער אָפּאָזיציע אין דער אויבערסטער פּאַלאַטע. ער האָט אַפֿילו אויך געפּרובט איינלאַדען איינינע אַנפֿיהרער פֿון דער אונטערסטער פּאַלאַטע, נאָר עס האָבען זיך ניט געפֿונען קיין בעלנים אויף די ראָליע פֿון די סטראַפֿפֿאָרדס און פֿינטשס.

אין די ערשטע וואָכען פֿון זיין טהעטיגקייט האָט דער פּאַרלאַמענט אָבגעגעבען זיך מיט דער „אָבריינינגענדער“ אַרבייט און מיט'ן צוזאַמענשטעלען פֿעסטע גרונד-געזעצען פֿאַר'ן קאָנסטיטוציאָנעלען לעבען. אַלע אויסנאַהמס-געריכטען, דער „אַלערהעכסטער ראַטה, די „שטערן-פּאַלאַטע“ זענען אָבגעשאַפֿט געוואָרען. אַלע אורטהיילען פֿון די אויסנאַהמס-געריכטען וועגען רעוואָלוציאָנערע, פּאָליטישע ענינים, וועגען דעם ניט צאָהלען די שטייערן זענען ערקלערט געוואָרען פֿאַר ניט ווירקזאַמע. די ריכטער וואָס האָבען אַרויסגעטראָגען אונגעזעצליכע אורטהיילען און די איינמאָהנער פֿון די אונגעזעצליכע שטייערן, זענען ערקלערט געוואָרען אַלס אָנגעקלאָגטע פֿאַר'ן משפּט (דעם גרעסטען טייל פֿון זיי האָט מען גלייך אַרעסטירט). די קירכען-רעפֿאָרם האָט זיך פֿערצויגען צוליעב דעם ווידערשטאַנד פֿון דער אויבערסטער פּאַלאַטע, און וועגען איהר וועלען מיר רעדען שפּעטער.

אין אַלע איבריגע פֿראַגען האָבען די לאָרדען אונבעדינגט געפֿאָלגט די וואונשען פֿון דער אונטערסטער פּאַלאַטע. די וויכטיגסטע פֿון די דורכגעפֿיהרטע רעפֿאָרמען (אויסער די נייע בעשטימונג פֿון ריכטער, וואָס האָט געבראַכט דערצו, דאָס דער געריכט איז געוואָרען אינגאַנצען אונאָבהענגיג פֿון קעניג) זענען די נייע געזעצען וועגען דעם צוזאַמענרופֿען און פֿאַנאַנדערלאָזען דעם פּאַרלאַמענט. לויט די דאָזיגע געזעצען פֿערפּפֿליכטעט זיך דער קעניג צוזאַמענרופֿען דעם פּאַרלאַמענט ניט זעלטענער, ווי יעדע דריי יאָהר. אויב דער קעניג טרעט אַריבער דעם געזעץ, אויב די לאָרדען, אויב די ראַטהען פֿון די גראַפֿסטועס און שטעדט זאָגען זיך אָב צו בעשטימען די וואָהלען, דאַן האָבען די בירגער דאָס רעכט אַליין צו בעשטימען די וואָהלען און צוזאַמענרופֿען דעם פּאַרלאַמענט.

ווייטער נעהמט דער געזעץ אָב ביים קעניג דאָס רעכט מיט זיין אייגענעם ווילען פֿאַנאַנדערצולאָזען דעם פּאַרלאַמענט, אָדער אונטערברעכען זיינע זיצונגען.

אָנפֿאַנג האָט די אונטערסטע פּאַלאַטע געוואָלט נאָר טיילווייז בעגרענצען דאָס רעכט פֿון קעניג און פֿאָדערן נאָר, אַז ער זאָל ניט אינטערברעכען די בעשעפֿטיגונגען פֿון פּאַרלאַמענט, וואו עס וועט ניט אַריבערגעהן קיין 50 טעג פֿון דער צייט אָן, ווי עס

האָט זיך אָנגעהויבען די סעסיע. דער קעניג אָבער האָט זיך אָבגעזאָגט צו בעשטעטיגען דעם דאָזיגען געזעץ און דאָס האָט געצוואונגען דעם פּאַרלאַמענט צו געהן נאָך ווייטער: אַם פרילינג פון 1641 יאָהר איז קאַרל דער 1-טער געצוואונגען געוועזען אונטער דעם דרוק פון ביידע פּאַלאַטעס אונטערצוחתמ׳ענען דעם געזעץ, לויט וועלכען דער פּאַרלאַמענט, וואָס האָט שוין אויפגעעפענט זיינע זיצונגען, קען פאַנאַנדערגעלאָזען ווערען נאָר לויט זיין אייגענעם הסכם דעריוף; אָהן דעם הסכם פון פּאַרלאַמענט גופא קען ניט פאָרקומען ניט קיין אונטערברעכונג, ניט די אָבלעגונג פון זיינע זיצונגען.

X.

אויף אַזאַ אופן האָט מען אָבגענומען ביים קעניג דאָס רעכט, וועלכען די טיודאָרס און סטיואַרטס האָבען אַזוי פיעל אויסגענוצט צום שלעכטס, — דאָס רעכט, וועלכער האָט זיי געגעבען די מעגליכקייט גאַנצע יאָהרען צו רעגירען אָהן אַ פּאַרלאַמענט. איצט האָט דער פּאַרלאַמענט געקענט זיך צונויפזאַמלען לויט דעם ווילען פון די בירגער אָהן דעם הסכם פון קעניג, און דער פּאַרלאַמענט, וואָס האָט זיך שוין יע פערזאַמעלט, האָט ניט געקענט פאַנאַנדערגעלאָזען ווערען אָהן זיין אייגענעם הסכם. קאַרל דער 1-טער האָט זעהר גוט פערשטאַנען די בעדייטונג פון די דאָזיגע געזעצען און האָט געקעמפפט געגען זיי, ווי ווייט ער האָט געקענט. צו דיזער צייט אָבער האָט זיך די שטימונג פון פאָלק אַזוי דייטליך אַרויסגעוויזען, דאָס דער קעניג איז גרייט געווען צו אָפּפערן מיט וואָס נאָר ס׳איז מעגליך, נאָר צו ראַטעווען זיין קרוין און אפשר אויך זיין קאָפּ, אויף וועלכען זי האָט זיך געהאַלטען. ער האָט ניט נאָר אונטערגעחתמ׳עט די געפאָדערטע געזעצען, נאָר ער האָט אויך געאָפּפערט מיט די קעפּ פון זיינע ליעבלינגס, וועלכע ער האָט מיט אַ קורצע צייט פריהער פערזיכערט „מיט זיין קעניגליכען וואָרט“, אַז ניט נאָר זייערע קעפּ, נאָר אַפילו „איין האָר פון זייערע קעפּ וועט מען ניט אָנריהרען“. בעזאָנדערס קלאָר האָט זיך אַרויסגעוויזען די צביעות פון קעניג ביי דעם פּראָצעס פון סטראַפפאָרד.

אָנפאַנג מערץ איז דער פּאַרלאַמענט צוגעטראָטען צום פּראָצעס פון דעם געוועזענעם ערשטען מיניסטער. דער בעשולדיגונגס-אַקט, וואָס די אונטערסטע פּאַלאַטע האָט צוזאַמענגעשטעלט, איז

בעשטאנען פון 28 פינקטען, וועלכע האבען בעוויזען, דאס סטראפפארד האט אריבערגעטראטען די גרונד-געזעצען. סטראפפארד אליין איז פינדעסטוועגען ניט אריינגעפאלען אין פערצווייפלונג: „איך קען דאנקען גאט, — האט ער געשריבען פון געפענגניס זיין פרוי: אין דעם בעשולדיגונגס-אקט איז ניטא קיין איין איינציגער פונקט, וועלכער זאל קענען פיהרען צו טויט-שטראף. אויסער דעם קען איך אויף דעם ערגסטען פאל, רעכנען אויף דעם קעניגס גנאדע".

סטראפפארד האט איבערהויפט געהאפט דערויף, וואס אלע זיינע פעראָרדנונגען זענען געגעבען געווארען אים נאמען פון קעניג, און די טרייע דיענסט דעם קעניג קען דאך ניט אנגענומען ווערען פאר א מלוכה-פערברעכען. אין די ענגלישע סטאטוטען זענען געוועזען פינקטליך אויסגערעכענט אלע ארטען מלוכה-פערברעכען: אנ-אטענטאט אויף דאס לעבען פון קעניג, פון דער קעניגין און די קעניגליכע פרינצען; אנטיילנעהמען אין א מלחמה געגען דעם הערר פון דער מלוכה; פאבריצירען פאלשע געלד; פעלשונג פון מלוכה-שטעמפלען א. ז. וו. די בעשולדיגונגען, וועלכע זענען ארויסגעשטעלט געווארען געגען סטראפפארד'ן, זענען ניט ארונטערגעגאנגען אונטער קיין קאטעגאריע פון די מלוכה-פערברעכען, אויף וועלכע דער געזעץ ווייזט אן. אויף דעם האבען זיך טאקי בעגרינדעט די גלענצענדע פערטהיידיגונגס-רעדען פון דעם בעשולדיגטען. אבער ניט וועניגער איבערצייגענד זענען געוועזען די רעדען פון זיינע בעשולדיגער און בעזאנדערס פון פים.

פיעל דראמאטיזם איז געלעגען אין דער בעגעגנונג פון די צוויי מענשען, וועלכע האבען אמאל געקעמפפט פאר איין זאך און זענען זאגאר געזעסען איינער נעבען דעם צווייטען אין די פארלאמענטען פון די צוואנציגער יאהרען. סטראפפארד האט געקוקט גלייך אין די אויגען פון זיין געגנער מיט א בליק פול האס און עזות. פים האט אייניגע מינוט אויפגערעגטערהייט פאנאנדערגעקליבען די פאפירען אין האנד. אין זאל האט געהערשט א טויטע שטילקייט, ווען פים האט, נאכדעם ווי ער האט בעהערשט זיין אויפרעגונג, אנגעהויבען צו רעדען. ער האט אויפגעוויקעלט פאר די צוהערער א קלארעם בילד פון סטראפפארד'ס אונגעזעצליכקייטען און געוואלד-טהאטען און איז איבערגעגאנגען צו דער פראגע וועגען דעם, ווי אזוי מ'דארף פערשטעהן די בעדייטונג פון דעם אויסדרוק „מלוכה-פערברעכען". „אויב פעלשען מטבעות — האט ער געזאגט — איז א מלוכה-פערברעכען, איז דען ניט נאך א גרעסערער מלוכה-פערברעכען פעלשען די געזעצען? אויב ארויסלאזען א פאלשען מלוכה-

שטעמפעל אויפ'ן פאפיער איז א מלוכה־פערברעכען, איז דען ניט נאך א גרעסערער פערברעכען ארויפלעגען דעם שטעמפעל פון פערשקלאפונג אויף א גאנצען פאלק?.. דאס אריבערטרעטען די גרונדגעזעצען רעכענט זיך אומעטום פאר א מלוכה־פערברעכען, נאר דיזער מאן האט געוואלט אפטהאן אזא פערברעכען, וואס זאל זיך אפרופען ניט נאר אויף איין עפאכע און ניט נאר אויף איין דור. אויב דעם בעשולדיגטען וואלט זיך איינגעגעבען צו בעפעסטיגען דעם רעזשים, וועלכען ער האט אריינגעפיהרט, וואלטען אונזערע נאכפאלגער אויף דור־דורות פערמשפט געווען אויף שקלאפעריי און ליידען".

אין דער אונטערסטער פאלאטע איז סטראפפארד'ס שיקזאל אייגענטליך געווען בעשטימט שוין פון די ערשטע טעג פון פראצעס. נאר ס'איז פארגעקומען א שפאלטונג ביי דער פראגע צו קען מען אנווענדען אין דיזען פאל דעם געזעץ וועגען מלוכה־פערברעכען און מלוכה־פערראט. די פארשטעהער פון דער עקסטער אפאזיציע זענען בעשטאנען אויף דעם, אז מען זאל משפט'ן לויט דעם געזעץ פון מלוכה־פערברעכען. אנדערע דעפוטאטען האבען געפונען, אז סטראפפארד'ס מעשים קען מען ניט אונטערפיהרען אונטער דעם געזעץ וועגען מלוכה־פערברעכען, און האבען געפאדערט מען זאל וועגען סטראפפארד'ן אננעהמען א ספעציעלען בעשלוס. דער ענגלישער פארלאמענט האט געהאט דאס רעכט צו פעראורטיילען צו טויט־שטראף פאר פערברעכען, וועלכע דער געזעץ האט ניט פאראויסגעזעהען. אזא בעשלוס טראגט ניט דעם כאראקטער פון א געריכטס־אורטייל און בעגרענצט זיך יעדעס מאל מיט א בעשטימטען פאל. דערפאר אבער מוז ער בעטראכט ווערען אין ביידע פאלאטעס, ווי א געזעץ־פראעקט, און דאס פלעגט זיך אנרופען א „ביל אף אטטאינדער"*).

אין יענע צייטען, ווען די פארלאמענטען זענען געווען א געהארכזאמער ווערקצייג אין די הענד פון דער רעגירונג, פלעגען די קעניגען און זייערע ליעבלינגע זיך ברייט בענוצען מיט דעם דאזיגען מיטעל אויף צו פערניכטען זייערע פערזענליכע שונאים און אויף צו קאנפיסקירען זייערע פערמעגענס. איצט איז דאס זעלבע געווער אנגעווענדט געווארען געגען דעם נאהענטסטען פריינד פון קעניג. די מיינונגען פון די אנהענגער פון דעם דאזיגען ביל האבען געזיעגט. דער ביל געגען סטראפפארד איז אנגענומען געווארען אין דער אונטערסטער פאלאטע מיט א מעהרהייט פון 204

*) א בעשלוס וועגען מעשים שענדליכע אין שעדליכע פאר די מלוכה.

געגען 39 שטימען און איז איבערגעגעבען געוואָרען אין די פּאַלאַטע פֿון די לאָרדען.

צווישען די לאָרדען האָבען זיך אָנגעהויבען מיינונגס-פֿערשידענהייטען, וועלכע דער קעניג און די הויף-פּאַרטיי האָבען געזעהען קינסטליך פֿאַנאַנדערצובלאָזען. צווישען די לאָרדען האָבען זיך געפֿונען אויך אַזעלכע, וועלכע האָבען געפֿאָדערט די פֿאָלקאָמע רעכט-פֿערטיידיגונג פֿון סטראַפֿפֿאָרד.

## .XI

דער קעניג האָט געזעהען צו פֿערציהען דעם פּראָצעס. ער האָט געדאַכט, דאָס די צאָהל פֿון די לאָרדען, וואָס האַלטען פֿאַר סטראַפֿפֿאָרד וועט וואַקסען און פֿון דער אַנדערער זייט האָט די הויף-פּאַרטיי צוגעגרייט אַ גאַנצע מלוכה-איבערקעהרעניש. פֿון אָנפֿאַנג האָבען זיי געמיינט אַריבערציציהען אויף זייער זייט די אָנפֿיהרער פֿון דער אונטערסטער פּאַלאַטע: פּים'ען האָט מען געדענקט פֿאָרצולעגען די שטעלע פֿון מלוכה-קאַנצלער און די איבריגע — וויכטיגע שטעלעס אין דעם מיניסטאָרען-ראַטה. נאָר פֿון דעם דאָזיגען פּלאַן האָט מען זיך אין גיכען אָבגעזאָגט, ווייל די אויספֿיהרונג פֿון פּים און זיינע חברים האָט געגעבען וועניג האָפֿנונג אויף די מעגליכקייט אונטערצוקויפֿען זיי מיט הויכע שטעלעס.

מ'האָט אויסגעאַרבייט אַ נייע פֿערשווערונג, און בראש פֿון איהר איז געשטאַנען די קעניגין, די העכערע הויף-לייט און אָפֿיצירען. דער ציעל פֿון דער דאָזיגער פֿערשווערונג איז געווען מיט געוואַלד פֿאַנאַנדערצוטרייבען דעם פּאַרלאַמענט, אַרעסטירען אַלע אָנגעזעהענע דעפּוטאַטען און ערקלערען פֿאַר ניט ווירקזאַם די אַלע געזעצען, וואָס דער דאָזיגער פּאַרלאַמענט האָט דורכגעפֿיהרט. אַלס סיגנאַל פֿאַר דער איבערקעהרעניש האָט געזאָלט דיענען די געוואַלטזאַמע בעפֿרייאונג פֿון סטראַפֿפֿאָרד אויס דעם געפֿענגניס, און דאָס האָבען גענומען אויף זיך די אָפֿיצירען — די פֿערשווערער מיט דער הילף פֿון דעם טייל סאָלדאַטען, וועלכע זענען נאָך געבליבען טריי דעם קעניג. דער קעניג האָט זיך בעגייסטערט מיט דעם פּלאַן און, זיכער אין דעם ערפֿאָלג, האָט ער נאָך אַמאָל געהייסען איבערגעבען אין געפֿענגניס סטראַפֿפֿאָרדען, דאָס „מיט זיין קעניגליכען וואָרט" איז ער איהם ערוב דערפֿאַר, אַז עס שטעהט ניט פֿאַר די קלענסטע געפֿאַהר „ניט דעם לעבען, ניט דער עהרע, ניט דעם פֿערמעגען פֿון דעם ערשטען מיניסטער".

נאָר איידער דער פּלאַן איז אין גאַנצען אויסגעאַרבייט געוואָרען, האָט איינער פֿון די, וואָס מ'האָט צוגעצויגען צו דער פֿערשווערונג אַלעס דערצעהלט פּיסען, און פּים האָט אויף אַ געהיימער זיצונג איבערגעגעבען דער אונטערסטער פּאַלאַטע אַלע איינצעלהייטען פֿון דער איבערקערעניש, וועלכע מען וויל מאַכען. די פּאַלאַטע האָט גלייך איינשטימיג אָנגענומען אַ שאַרפֿען פּראָטעסט געגען די אַלע פֿערדעטערישע פּלענער פֿון דער הויף־פּאַרטיי מיט דער פֿאָדערונג ס'זאָלען „בעשיצט ווערען די פֿרייהייט פֿון דער רעליגיאָן, די פּאַרלאַמענטאַרישע פּריווילעגיעס, די רעכטען און פֿרייהייטען פֿון פֿאָלק". שנעל ווי אַ בליץ האָט זיך פֿאַנאַנדערגעטראָגען איבער גאַנץ לאָנדאָן די ידיעה וועגען דער פֿערשווערונג, און גלייך האָט זיך אויף די גאַסען בעוויזען אַ המון טיילווייז אַ בעוואַפֿענטער, וועלכער האָט געפֿאָדערט אַ משפט איבער די פֿערדעטער. ס'האָט זיך פֿאַנאַנדערגעטראָגען אַ קלאַנג, אַז די פֿערשווערער קלייבען זיך אונטערצולעגען אַ מינע אונטער דעם בנין פֿון דער אונטערסטער פּאַלאַטע און אויפֿרייסען דעם דאָזיגען בנין, אויב עס וועט זיך ניט איינגעבען פֿאַנאַנדערצוטרייבען די דעפּוטאַטען מיט דער הילף פֿון סאָלדאַטען. ס'האָבען זיך גלייך אָרגאַניזירט בעוואַפֿענטע קאַמפּפֿגרופּען. איינע איז געבליבען בעשיצען די אונטערסטע פּאַלאַטע, די צווייטע האָט זיך געלאָזען צו דעם טאָואָער טהורם מיט דעם צוועק ניט צו דערלאָזען בעפֿרייען סטראַפּפֿאָרדען. די צאָהל פֿון די בעוואַפֿענטע איז געוואַקסען פֿון טאָג צו טאָג. צו הילף די לאָנדאָנער זענען געקומען פּויערים פֿון דער אומגעגענד.

דער המון האָט ניט פֿאָרגענומען קיינע געוואַלד־טהאַטען, נאָר דער פּחד, וואָס די דאָזיגע בעוועגונג האָט אַרויסגערופֿען אין די העכערע ספֿערען, איז געוועזען אַזוי גרויס, דאָס די לאָרדען, וועלכע זענען געוועזען נעגען סטראַפּפֿאָרד'ס פֿערורטיילען, האָבען ניט געוואַגט צו קומען אין פּאַרלאַמענט, זיי האָבען ניט געוואַגט אַפילו צו בעווייזען זיך אויף די גאַסען. דער „פּראָטעסט", וועלכען די אונטערסטע פּאַלאַטע האָט אָנגענומען, איז געוועזען פֿאָרגעלעגט די לאָרדען און מ'האָט איהם פֿערשפּרייט איבער'ן גאַנצען לאַנד, כדי צוזאַמענצוקלייבען פֿאַר איהם התימות.

ביי אַזעלכע אומשטענדען האָט דער קעניג אונטערגעשריבען דעם געזעץ, לויט וועלכען דער פּאַרלאַמענט קען ניט ווערען פֿאַנאַנדערגעלאָזען אָהן זיין איינענעם הסכם דערויף. ביי אַזעלכע אומשטענדען איז דורכגעגאַנגען אין דער אויבערסטער פּאַלאַטע דער ביל, וועלכער פֿערורטיילט צום טויט סטראַפּפֿאָרדען. ווי

אַלע געזעצען האָט דער דאָזיגער ביל, נאָכדעם, ווי ביידע פּאַלאַטען האָבען איהם אָנגענומען, געדאַרפט ווערען אונטערגעשריבען פון קעניג, און דער קעניג..... האָט איינגעהענדיג אונטערגעשריבען דעם טויט-אורטהייל פאַר זיין ליעבלינג, וועלכען ער האָט אַזויפיעל מאָל מיט זיין „קעניגליכען וואָרט" גאַראַנטירט די זיכערהייט פון זיין פערזאָן און אַפילו פערמעגען.

נאָר קאַרל דער 1-טער איז זיך אויך אין דעם פאַל ניט בעגאַנגען אָהן אַ קאָמעדיע. ווען דער ביל האָט געדאַרפט בעטראַכט ווערען אין דער אויבערסטער פּאַלאַטע, האָט דער קעניג געשיקט דורך זיין זוהן אַ בריעף צו די לאָרדען, אין וועלכען ער בעט די לאָרדען, אַז זיי זאָלען אָנווענדען אַלע מיטלען, כדי צו פערבייטען דעם טויט-שטראָף מיט לעבענסלאַנגע געפענגניס פאַר סטראַפּפאָרדען. „נאָר — איז ער מוסיף — אויב פאַר די בערוהיגונג פון מיין פאָלק פאָדערט זיך דאָס לעבען פון גראַף סטראַפּפאָרד, קען איך זאָגען נאָר איינס: זאָל די געזעצליכקייט ערפילט ווערען. דער בריעף ענדיגט זיך מיט דער פאָלגענדער פראַזע, וועלכע איז כאַראַקטעריסטיש פאַר קאַרל דעם 1-טען: „אויב ער (סטראַפּפאָרד) מוז שטאַרבען, וואָלט דאָס געווען אַ גנאָדע-טהאַט אָבצולעגען דעם טויט-שטראָף ביז שבת". קאַרל דער 1-טער האָט געוואָלט, אַז סטראַפּפאָרד זאָל ניט שטאַרבען אָהן ווידוי. כדי צו פערשטעהן די גאַנצע צביעות פון קאַרל דעם 1-טען דאַרפען מיר בעמערקען, דאָס ער גופא איז געווען ניט זעהר רעליגיעז.

ווי מ'דערצעהלט האָט סטראַפּפאָרד, בעת מ'האָט איהם מודיע געווען, דאָס דער קעניג האָט איינגעהענדיג אונטערגע'חתמ'עט זיין טויט-אורטהייל, אויסגעשריען די ווערטער פון תהילים: „פערלאָז זיך ניט אויף די אירדישע פירסטען, וויל ניט אין זיי ליגט די ישועה!"

דעם 12-טען מאַי איז סטראַפּפאָרד געטויט געוואָרען, באַלד נאָך איהם איז אַרויף אויפ'ן עשאַפאָט אויך דער אָבער-בישאָף לאָאוד. אָט דאָס איז געווען דער סוף פון די צוויי מענשען, וועלכע האָבען אָנדערהאַלבען צעהנדליג יאָהר פערפלייצט דאָס לאַנד מיט בלוט אים נאָמען פון דער זעלבסטהערשאַפט, וועלכע איז געווען צו שוואַך, אום צו ראַטעווען זיי פון טויט, אים נאָמען פון דעם קעניגס מאַכט, וואָס זיי האָבען געוואָלט פערשטאַרקען, אים נאָמען פון דעם זעלבען קעניג, וואָס האָט זיך צוליעב עגאָאיסטישע ציעלען ניט אָבגעשטעלט אויף איין מינוט איינגעהענדיג אונטערצושרייבען זייער טויט-אורטהייל.

.XII

כדי בעסער צו פערשטעהן דעם ווייטערדיגען גאנג פון דער ענגלישער רעוואלוציע, מוזען מיר זיך אבשטעלען א ביסעל אויף די רעליגיעזע מחלוקות, וועלכע האבען געשפיעלט אזא וויכטיגע ראלע אין דער געשיכטע פון ענגלאנד. אונטער דעם לאזונג פון רעליגיעזער בעפרייאונג האט זיך געפיהרט דער גאנצער בעפרייאונגס-קאמפף. נאר די רעליגיאן איז מעהר ניט געוועזען ווי א פאהן, מיט וועלכער ס'פלעגט זיך פערדעקען דער אנטאגאניזם (געגענזאץ) דא דער נאציאנאלער, דא דער קלאסען-געגענזאץ.

כמעט אין גאנץ מיטעל-אייראפא האט זיך דאס כריסטענטהום פערשפרייט דאן, ווען דער קאטאליציזם איז שוין געשטאנען פעסט מיט זיין מעכטיגער קירכען-ארגאניזאציע און דיסציפלין. דארטען איז דעריבער נאך דעם איבערגאנג פון געצענדיענעריי צום כריסטענטהום ניט געבליבען קיין באדען פאר וועלכע ניט איז רייבונגען. יעדעס פאלק בעזונדער האט פארגעשטעלט עטוואס גאנצעס, צוזאמענגעבונדען דורך דעם בעוואוסטזיין פון נאציאנאלער איינהייט און די וועלכע רעליגיע איז געוועזען מעהר ניט, ווי א נייע צוזאמענלייטונג, א נייער צעמענט, וועלכער פערשטארקט דאס געפיהל פון נאציאנאלער סאלידאריטעט, וואס בינדט נאך שטארקער צוזאמען יעדעם פאלק אין איין פעסטגעשלאסענע מלוכה. נאר די אינערליכע צושפאלטונג, פעראונגליקליכונג און פערשקלאפונג פון די ארבייטענדע מאסען האבען זיך געדארפט ציהען הונדערטע יאהרען, כדי צו ברענגען דערצו, אז דער דאזיגער נאציאנאל-רעליגיעזער צוזאמענבונד זאל זיך פאנאנדערפאלען, אז די פערשקלאפטע קלאסען, וואס האבען זיך אויפגעהויבען געגען זייער פאליטישער און עקאנאמישער פעריאכונג, זאלען אויפשטעהן אויך געגען דער קירכע, וועלכע איז געבליבען די קירכע פון זייערע אונטערדריקער און וועלכע האט, אלס קירכע פון די הערשענדע קלאסען, געדיענט אלס הויפט-געוועהר צו דער פערשקלאפונג גופא. דאס איז טאקי געשעהען אין דער צייט פון דער רעפארמאציאנס-בעוועגונג (די ערשטע העלפט פון 16-טען יאהרהונדערט), מיט וועלכער ס'איז געוועזען פערבונדען אויך די פויערים-בעוועגונג. דער פויערים-קריעג אין דייטשלאנד און שווייץ האט זיך אויך געפיהרט אונטער דער פאהן פון רעליגיעזער בעפרייאונג און אויך דא איז געוועזען דער קאמפפס-לאזונג „די יעוואנגעלישע גלייכהייט". נאר אונטער דער יעוואנגעלישער גלייכהייט האט דאס

פויערטהום פערשטאנען ניט נאר די רעליגיעזע גלייכהייט, נאר אויך די עקאנאמישע. דאס פויערטהום האט געגלויבט, דאס אויך זייערע אנפיהרער, די ריטטער, און אויך די פראטעסטאנטישע גייסטליכע פערשטעהען די יעוואנגעלישע גלייכהייט ווי זיי. די פויערים האבען טייער בעצאהלט פאר זייער נאאיווען גלויבען. ווי נאר ס'איז מיט דער הילף פון די פויערים איינגעבראכען געווארען די מאכט פון דער קאטולישער קירכע און פון קייזער, האבען גלייך די זעלבע ריטטער, וואס האבען נאר וואס געקעמפפט געגען דער מאכט פון דער קירכע און פון קייזער, אנגעווענדט זייער געוועהר געגען זייערע „בונדעס-גענאסען פון לינקס". ליוטער אליין האט אין זיינע שריפטען געפאדערט, אז די ריטטער זאלען אהן רחמנות אויסוואָרצלען, ווי „ווילדע חיות", אלעמען, ווער ס'האט צוזאמענגעבונדען מיט דער רעליגיעזער בעפרייאונג אויך די שטרעבונג צו סאציאל-עקאנאמישער בעפרייאונג. מ'האט אויסגעהרג'עט טויזענדער פויערים*). די נייע קירכע — די פראטעסטאנטישע — האט, אויך אזוי ווי די קאטולישע, סאנקציאנירט די אונטעריאכונג פון די ניעדריגערע קלאסען און דאס לייבאייגענטהומס-רעכט; די פראטעסטאנטישע קעניגען און ריטטער האבען אנגעהויבען, אויך אזוי ווי די קאטולישע, ארויסצופרעסען די לעצטע כחות פון פאלק.

אין ענגלאנד איז דער קירכע קיינמאל ניט געלונגען צו פעראייניגען די גאנצע בעפעלקערונג און ווערען אין די הענד פון די קעניגען און דעם אדעל אויך אזא שטארקער אונטעריאכונגס-געוועהר ווי זי איז געווען אין מיטעל-אייראפא.

אין ענגלאנד האט דאס קריסטענטהום אנגעהויבען זיך צו פערשפרייטען נאך פאר דער צושפאלטונג אין דער קירכע, נאר איידער די קאטולישע קירכע איז געווארען אנארגאניזירטע מאכט. אין די ערשטע צייטען, ווען אין ענגלאנד האבען געהערשט די רוימער (ביז ענדע 5-טען יאהרהונדערט), איז דאס גאנצע כריסטענטהום פערפאלגט געווארען, און די פערפאלגטע פלעגען, קעמפפענדיג פאר זייער רעליגיאן, צוזאמען מיט דעם אויך קעמפפען פאר זייער נאציאנאלער אונאבהענגיגקייט. אנשטאט די הערשאפט פון די רוימער האט זיך אנגעהויבען די הערשאפט פון א נייער, אויך א געקומענער נאציאנאליטעט, די הערשאפט פון די דייטשען (אנגלא-זאקסען). די אנגעקומענע האבען געבראכט מיט זיך אויך זייער אייגענע רעליגיאן

*) אונטער סטראסבורג האט מען אין איין נאכט אויסגעקוילעט 7000 פויערים.

טיילוויז דעם קאטאליציזם, טיילוויז דעם אריאנישען גלויבען. נאר די איינגעבארענע, קעמפפענדיג געגען דעם געוואלד-טהעטיגען אריינדרינגען פון די געקומענע, האבען געקעמפפט אויך געגען זייער רעליגיאן. ס'זענען ענטשטאנען רעליגיעזע סעקטען ספעציעל בריטישע, אין וועלכע ס'האט זיך אויסגעדריקט איבערהויפט דער פראטעסט-געפיהל געגען דער נאציאנאלער און סאציאלער פערשקלאפונג. די אינטערדריקער זענען געווארען דער הערשענדער קלאס, די אונטערדריקטע זענען געווארען טיילוויז לייבאייגענע, טיילוויז אינאבהענגיגע, נאר פערפאלגטע וואנדערנדע פעלקער. נאר זעהר גיך איז פארגעקומען א שארפע קלאסען-דיפערענצירונג אויך צווישען די זיעגער. א גרויסע מעהרהייט פון די אנגלא-זאקסען האבען שוין אין א משך פון 50—75 יאהר נאך דער גרינדונג פון דעם ענגלישען קעניגטהום פערלארען זייער מאכט און האבען זיך פערוואנדעלט טיילוויז אין דיענסט-פערפליכטעטע, טיילוויז אין ארענדאטארען, וועלכע זענען געווארען אין גאנצען אבהענגיג פון די גרויסע פעאדאלען-גוטסבעזיצער. די פערארעמטע אנגלא-זאקסען פלעגען אויך אויסדריקען זייער אונצופריעדענהייט, צושטעהענדיג צו די אונטערדריקטע סעקטאנטען, אדער גרינדענדיג נייע רעליגיעזע סעקטען.

אין העלפט 11-טען יאהרהונדערט איז ענגלאנד ווידער עראבערט געווארען פון א נייער ראמאנישער נאציאנאליטעט, די זאגענאנטע נארמאנער. די נארמאנער האבען מיטגעבראכט א פאלשטענדיג אויסגעבילדעטען קאטאליציזם און גלייך פון אנהויב האבען זיי געזעהען מיט געוואלד איהם ארייצופיהרען אויך אין ענגלאנד, אלס א הערשענדע קירכע.

צו דער זעלבער צייט האט דער קאטאליציזם ערווארבען אין גאנץ אויראפא אזא מאכט, אז איהם האבען זיך געמוזט אונטערגעבען אלע קעניגען. די ענגלישע קעניגען האבען פערשטאנען, אז זיי איז אין ענגלאנד לייכטער צו בעפרייען זיך פון דער מאכט פון דער קאטוילישער קירכע, ווי די איבריגע קעניגען פון אויראפא. נאר צוזאמען מיט דעם האבען די ענגלישע קעניגען אויך גוט פערשטאנען, וואס פאר א מעכטיגער מיטעל צו פערשקלאפען די פעלקער עס ליגט אין דער מאכט פון א גוט ארגאניזירטער הערשענדער קירכע. בעפרייענדיג זיך פון קאטאליציזם, האבען זיי געוואלט אריינפיהרען א נייע קירכע, וועלכע זאל אנשטאט דער אויבערמאכט פון דער קירכע, אנערקענען די אויבערמאכט פון דעם קעניג, נאר אין אלעם איבריגען זאל זי בלייבען אויך אזא גוטער בעהערשונגס-אפאראט געגען פאלק, ווי די קאטוילישע קירכע. אט דאס איז געוועזען די

בישאָפס-קירכע, וועלכע די ענגלישע קעניגען האָבען בעשאַפען און וועלכע מ'האָט אַריינגעפיהרט דורך געוואַלט מיט דער הילף פון געפענגניסען, קערפערליכע שטראָפען און תליות. ניט נאָר אין ענגלאַנד גופא, נאָר אויך אין די עראָבערטע קעניגטהומס פון ענגלאַנד, אין שאָטלאַנד און אירלאַנד, איז די בישאָפס-קירכע אַריינגעפיהרט געוואָרען דורך געוואַלד-מיטלען. געבראַכט האָט עס דערצו, אַז אין שאָטלאַנד און אירלאַנד האָבען זיך אָנגעהויבען אונצעהליגע אויפשטאַנדען געגען דער הערשאַפט פון ענגלאַנד, אַז דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבען צו פערטרייבען און פערפאָלגען די העכערע בישאָפס-גייסטליכע, וועלכע די רעגירונג פלעגט בעשטימען.

די בישאָפס-קירכע איז ווי אין ענגלאַנד גופא, אַזוי אויך אין איהרע עראָבערטע קעניגטהומס געווען אַ פערקערפערונג פון דעם גאַנצען רעגירונגס-יאָך, אַ קוואַל פון אַלע געוואַלד-טהאַטען. די פערפאָלגונגען געגען די בישאָפס-גייסטליכע אין שאָטלאַנד און די קאָנפיסקאַציע פון זייער פערמעגען האָט געבראַכט דערצו, דאָס די מלחמה פון קאַרל דעם I-טען געגען די שאָטלענדער פאַר דער ערעפנונג פון דעם „לאַנגען" פאַרלאַמענט, האָט זיך ניט איינגעגעבען. דאַמאָלסט האָט זיך אויך אין אירלאַנד אָנגעהויבען אַ שטאַרקע רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג, וועלכע איז געווען פערבונדען מיט דער רעליגיעזער פראַגע. סטראַפפאָרד, זענענדיג דער פערטרעטער פון אירלאַנד, האָט שטאַרק „קאָלאָניזירט" דאָס דאָזיגע לאַנד, וועלכע איז בעזעצט געווען דורך קאַטוילישע און ענגלענדער פון קאַטוילישען גלויבען. לאָאוד פלעגט איהם צושטעלען גלחים פאַר די קאָלאָניעס, מיט דעם צוועק דורך געוואַלט אַריינצופיהרען אין גאַנץ אירלאַנד די רעגירונגס-רעליגיאָן. די אירלענדער האָבען פערלאָרען די געדולד און האָבען אויסגעהרג'עט אַלע בישאָפליכע גייסטליכע און אַ מאַסע ענגלישע קאָלאָניסטען. די ידיעה וועגען דעם דאָזיגען אונגליק האָט זיך בעקומען אין ענגלאַנד, ווען דער „לאַנגער" פאַרלאַמענט האָט שוין פונקציאָנירט. די אונטערסטע פאַלאַטע איז געקומען צו דעם גערעכטען שלוס, דאָס אין די פאַסירונגען פון אירלאַנד זענען ניט אַזוי פיעל שולדיג די אירלענדער, ווי די וואָס האָבען זיי אַרויסגעבראַכט פון געדולד און געפיהרט צו די דאָזיגע עקסצעסען. די אירלענדער געשעהענישען האָבען געדיענט אַלס אַ וויכטיגער בעשולדיגונגס-מאַטעריאַל געגען סטראַפפאָרד'ן און לאָאוד'ן ביים ענטשיידען זייער שיקזאַל.

די אונטערסטע פאַלאַטע האָט זיך אָבער ניט בענוגענט מיט דעם טוידט-אורטייל פון די הויפט-שולדיגע. זי האָט זיך גענומען פאַר

אזא רעפארמע אין דער קירכען-פערוואלטונג, ביי וועלכער ס'זאלען שוין ניט קענען מעהר פארקומען קיין נייע ווילקיר-טהאטען.

דער פחד האט געצוואונגען די מינדערהייט פון די בישאפליכע גייסטליכע (די מיטגליעדער פון דער אונטערסטער פאלאטע) צוצושטעהן צו דער אפאזיציאנעלער פארטיי און אויך פאדערען רעפארמען. די מעהרהייט — די העכערע גייסטליכע, וועלכע זענען געזעסען אין דער אויבערסטער פאלאטע — זענען צוגעשטאנען צו די הויף-מיליטערישע פערשווערער, וועגען וועלכע מיר האבען שוין אויבען גערעדט.

## XIII.

צווישען די קעמפפער פאר די קירכען-רעפארם האט פערנומען איינעם פון די אנגעזעהענסטע ערטער — *מילטאן* (דער פערפאסער פון דער נאך ביז איצט בעריהמטער פאעמא „דער פערלארענער און ווידער-געפונענער גן-עדן"). זיין וועלט-אנשויאונג איז געוועזען א שטרענג-רעליגיעזע, נאר צוזאמען מיט דעם אויך אנ'אויסערסט-רעוואלוציאנערע. אלע מענשען שטאמען פון איין פאר: אדם און חוה, דאס הייסט, אז אלע מענשען זענען גלייך צווישען זיך. די ערשטע מענשען האט גאט בעשאפען לויט זיין געשטאלט און עהנליכקייט און ער האט זיי פערבאטען צו בוקען זיך פאר וועמען ניט איז, אויסער דעם גאט, וואס האט זיי בעשאפען. דערפון איז נעדרונגען, דאס יעדערער, ווער ס'גיט זיך ארויס פאר א פארשטעהער פון גאט אויף דער ערד און פאדערט, מ'זאל זיך צו איהם בוקען, איז נאר אנ'אוזורפאטאר און א זינדיגער. יעדע מאכט, סיי די וועלטליכע, סיי די גייסטליכע, איז בעשטימט ניט פון גאט, נאר פון די מענשען גופא צוליעב זייער אייגענעם וואוילשטאנד. די מלוכה איז אנ'איינריכטונג, וועלכע די מענשען האבען בעשאפען לויט א *פרייוויליגער איבעראיינשטימונג*, דאס איז אנ'איינריכטונג, וועלכע שטעלט אלס צוועק און זין פון איהר עקזיסטענץ — דעם געזעלשאפטליכען וואוילשטאנד. יעדער הערשער, וועלכער הערט אויף צו דיענען דעם געזעלשאפטליכען וואוילשטאנד, איז א פערברעכער, דען ער טרעט אריבער די בעדינגונגען, אויף וועלכע איהם איז געגעבען געווארען די מאכט. דאס רעכט צו זיין מיט אלעמען גלייך, פאר קיינעם זיך ניט אונטערצוגעבען אהן דעם אייגענעם ווילען — איז א נאטירליכער רעכט, א נאטירליכער פאר יעדען מענשען, פאר יעדען פאלק. פון דער „נאטירליכער" גלייכהייט פון די מענשען פאר גאט שטאמט אויך זייער רעכט אויף די סאציאלע און עקאנאמישע גלייכהייט.

אויף אזא אופן האט מ י ל ט א ן מיט העכער ווי הונדערט יאהר פריהער ארויסגעשטעלט די זעלבע לעהרע וועגען דאס „נאטירליכע רעכט“ אין דעם „געזעלשאפטליכען אבמאך“, וועלכען ז ש א ן־ז ש א ק ר ו ס ס א האט געפרעדיגט ערב דער פראנצויזישער רעוואלוציע. דער אונטערשייד איז נאר דער, וואס די גרונדלאגע פון מ י ל ט א ן'ס לעהרע איז געוועזען דאס כריסטענטהום, און ביי ר ו ס ס א — דער פרינציפ פון פערנונפט און, ווי ער האט געמיינט — פערשטעהט זיך גאנץ פאלש, — די היסטאריע.

אין אנפאנג האט מ י ל ט א ן ענטוויקעלט ווי די עקאנאמישע, אזוי אויך די סאציאלע שלוסען פון זיין לעהרע גאנץ אליין. נאר צוזאמען מיט דעם, ווי ס'האט זיך פערשארפט דער קאמפף געגען דער קעניגליכער מאכט, האט דער פאליטישער פרינציפ אבגעשטופט אויפ'ן לעצטען פלאן די סאציאלע פראגען. דער קאמפף האט זיך קאנצענטרירט אויסשליסליך אויף דער פאליטישער בעפרייאונג. שוין נאך דעם נצחון איבער די ס ט י ו א ר ט'ס האט די סאציאל־רעוואלוציאנערע גרופע פון די „אמת'ע לעוועלערען“ ארויסגערוקט אויפ'ן ערשטען פלאן די פראגע וועגען עקאנאמישער גלייכהייט. נאר זי האט בעגעגענט א גרויזאמען ווידערשטאנד פון דער זעלבער בורזשואזיע, וועלכע איז געוועזען אזא הייסע נאכפאלגערין פון מ י ל ט א ן אין אלץ, וואס האט געהאט א שייכות צו די פאליטישע און רעליגיעזע פראגען.

אין דעם מאמענט, וועגען וועלכען מיר רעדען דא, אין דעם מאמענט, ווען דער „לאנגער“ פארלאמענט האט אנגעהויבען זיין טהעטיגקייט, האט מ י ל ט א ן שוין געהאט טויזענדער אנהענגער. צווישען זיינע נאהענטע פריינד זענען געוועזען פילע מיטגלידער פון דער אונטערסטער פאלאטע. א בעזאנדערס הייסער אנהענגער פון מ י ל ט א ן'ס לעהרע איז געוועזען א ל י ו ע ר ק ר א מ ו ע ל, וועלכער האט בעזעסען אזא פאליטישע גאונות אין בירגערליכען העלדענמוטה, דאס מ י ל ט א ן פון זיין זייט האט זיך געבוקט פאר איהם. די קאמפפספאהן געגען דאס „געטליכע רעכט פון די בישאפס“, וועלכע מ י ל ט א ן האט אויפגעהויבען, איז אויך געוועזען די קאמפפס־פאהן געגען דאס „געטליכע רעכט פון די קעניגען“. דעם געטליכען רעכט פון קעניג און די בישאפס האט מען ענטגעגענגעשטעלט דאס „נאטירליכע“ רעכט פון די מענשען אויף פרייהייט און גלייכהייט — דאס נאטירליכע רעכט, וועלכעס נאט אליין האט געשאנקען אדם און חוה'ן.

אין פארלאמענט האבען מ י ל ט א ן'ס אנהענגער געפאדערט די אבשאפונג פון דער מלוכה־קירכע, די פערניכטונג פון דער קירכען־יערארכיע, די פאלקאמע אבשאפונג פון די העכערע גייסטליכע פער־

באנדען. ווי האבען אויך געפאדערט, מ'זאל פערבאטען די גייסטליכע זיך אריינצומישען אין פאליטישע ענינים און מ'זאל קאנפיסקירען די פערמעגענס פון די גייסטליכע לטובת דעם פאלק.

צוזאמען מיט דעם, ווי ס'איז געוואקסען די צאהל פון מילטאן'ס אנהענגער, האבען זיך אויך פערמעהרט די אנהענגער פון דער שאטלענדישער קירכע, וועלכע האט דאך אנערקענט א שטענדיגע ארגאניזאציע פון די גייסטליכע, זאגאר א מעהר דעמאקראטישע, ווי די אנגליקאנער *). אין דער אונטערסטער פאלאטע זענען ענדליך אויך געווען אנהענגער פון דער אלטער בישאפליכער קירכע, דארט זענען אויך געווען בישאפען. די לעצטע האבען געמוזט ניט ווילענדיג ווערען פראגרעסיסטען, ווי מיר האבען שוין דאס אויבען בעמערקט. זיי האבען אויך געפאדערט א קירכען-רעפארם, אבער, פערשטעהט זיך, ניט אזא ראדיקאלע, ווי די מילטאניסטען האבען געפאדערט.

צוליעב דער האדיגער שפאלטונג האבען זיך די דעבאטען וועגען דער קירכען-פראגע אין דער אונטערסטער פאלאטע פערצויגען און האבען געבראכט דערצו, אז ס'האט זיך געגרינדעט א פארטיי פון „אונאבהענגיגע" (אינדעפענדענטען), וועלכע האבען ניט אנערקענט קיינע פשרות מיט דער אלטער קירכע, וואס האט א שטענדיגע זעלבסטשטענדיגע ארגאניזאציע. צווישען די „אונאבהענגיגע" האט געבען קראמוועל פערנומען אנאנגעזעהענע שטעלע אויך וואן — א פלאמענדער רעדנער, אן ענטוזיאסט פאר די פאליטישע און רעליגיעזע פרייהייט. „די בישאפען — האט ער אגב געזאגט אין איינער פון זיינע רעדעס — האבען בערויבט אונז ניט נאר אין רעליגיעזער הינזיכט; זיי האבען געשטרעבט צו גזל'ענען אויך אונזערע פאליטישע רעכטען. זיי האבען געוואלט ביי אונז ארויסרייסען די ביידע אויגען, ווי די פלישתים ביי שמשון הגבור, כדי ס'זאל גרינגער זיין אונז צו צווינגען, מיר זאלען ארבייטען ווי שקלאפען אויף זייערע מיהלען. לאזט אונז ראכע נעהמען פון די פלשתים... די דאזיגע זריעה האט ניט גאט'ס האנד פערזעעט: זי איז אויסגעוואקסען אויף א פוילען באדען און איז אליין דורכגעפרעסען פון פוילניס; זי מוז ארויסגעריסען ווערען מיט'ן ווארצעל".

*) אין שאטלאנד פלעגען די געמיינדען נעהמען אנ'אנטייל ביים בעשטימען די גייסטליכע.

## .XIV

אין דער אונטערסטער פאלאטע האט זיך די אינדעפענדענטען (אונאבהענגיגע) מיט מאטערניס איינגעגעבען דורכצופיהרען זייערע פאדערונגען אין די וויכטיגסטע פונקטען. אין דער אויבערסטער פאלאטע האט מען געדארפט ערווארטען נאך א גרעסערע אפאזיציע מצד די רעאקציאנערע עלעמענטען, — נאך א גרעסערע צוליעב דעם, ווייל אין דער אויבערסטער פאלאטע זענען געזעסען די העכסטע און די איינפלוסרייכסטע רעגירונגס-בעאמטע פון דער בישאפליכער מלוכה-קירכע. כדי איינצוברעכען זייער שטאליץ, האט די אונטערסטע פאלאטע אויפגעהויבען א בעשולדיגונג געגען דעם גאנצען העכערען בישאפליכען קלערוס אין מלוכה-פערראט. אין די קירכען-סטאטוטען פון דעם 1640 יאהר האט די אונטערסטע פאלאטע, ניט אהן א גרונד, איינגעזעהן אן אנגריף אויף די גרונד-געזעצען פון דער מלוכה און אויף די סואווערענע רעכט פון פאלק. צו דער זעלבער צייט האט פים'ס גרופע צוזאמען מיט די מעהר פראגרעסיווע לארדען אויסגעארבייט א גאנצע רייהע פאדערונגען, וועלכע זענען פארגעלעגט געווארען דעם קעניג. ער זאל זיי אונטער'חתמ'ענען. אין די דאזיגע פאדערונגען איז שוין גאנץ דייטליך געווען אויסגעדריקט דער אונצוטרוי ניט דער רעגירונג, נאר דעם קעניג אליין. דעם קעניג האט מען „עהרפורכטספאל“ געבעטען איבערגעבען אין די הענד פון די פערזאנען, וואס האבען דעם צוטרוי פון פארלאמענט, די גאנצע אויספיהרענדע מאכט, די אנפיהרונג איבער די ארמעע, דעם מיליטער-שוטץ פון די האפען און די שיצונג פון דער ארדנונג אין לאנד גופא. מ'האט אויך „עהרפורכטספאל“ געבעטען דעם קעניג, ער זאל בעזייטיגען פון קעניגליכען הויף אלע פערזאנען פון קאטוילישען גלויבען. דאס איז ניט געווען קיין פערפאלגונג געגען דער רעליגיאן. אלע האבען זעהר גוט געוואוסט, אז די קאטוילישע גייסטליכע און וועלטליכע פערזאנען, וואס דרעהען זיך אום אין קעניגליכען הויף, זענען, אלס נאהענטע פריינד פון דער קעניגין, געווען די הויפט-אנפיהרער פון דער פערשווערונג געגען דעם פארלאמענט. ווי די קעניגען אליין, איז דער גרעסטער טייל פון זיי געוועזען פון פראנצויזישער הערקונפט. זיי האבען געהאט שטענדיג געהיימע אויפטראגען מיט פראנקרייך, האבען געהאפט אפילו ביי א וועלכער ניט איז געלעגענהייט ארויסצורופען די פראנצויזישע ארמעע, וועלכע זאל זיי העלפען אויספיהרען די מלוכה-איבערקעהרעניש.

דער קעניג האט אונטערגע׳חתמ׳עט אַלץ, וואָס מ׳האט פֿון איהם געפֿאָדערט, פֿערשטעהט זיך, מיט דער האָפֿנונג, דאָס איהם וועט זיך אײַנגעבען ניט צו ערפֿילען זײַנע צוזאָגען, ווי ער האט דאָס שוין אײנמאָל געטהאָן מיט דער „פּעטיציע וועגען די רעכטען“. דער קעניג האט זיך געאײַלט וואָס גיכער אָבצופֿאָהרען פֿון לאָנדאָן, וואו די גאַנצע בעפֿעלקערונג איז געווען פֿײַנדליך געשטימט געגען איהם, וואו דער פּאַרלאַמענט האט שוין געהאַט אין זײַן רשות אויך אַ בעוואַפֿענטע מאַכט. דער קעניג האט געשטרעבט קײַן שאָטלאַנד. אַלס פֿאָרמעלע געלעגענהײַט פֿאַר די דאָזיגע רײַזע איז געווען די ווירקליכע נויטווענדיגקײַט צו רעגולירען די בעציהונגען מיט דעם לאַנד, וואָס האט זיך נאָך ווײַט ניט בערוהיגט, כאָטש דער פֿריעדען איז געווען געשלאָסען. בײַ זיך אָבער האט דער קעניג געהאָפֿט דערויף, דאָס דער גרעסטער טײַל פֿון דעם ענגלישען חיל, וואָס איז געבליבען אויפֿ׳ן שאָטלענדער גרענעץ, איז איהם טרײַ. ער האט געהאָפֿט, דאָס איהם וועט זיך אײַנגעבען צו קומען צוריק בראש פֿון דעם טרײַען חיל און דאָס ער וועט קענען זיך בעגעהן מיט דעם איצטיגען פּאַרלאַמענט, ווי ער איז זיך בעגאַנגען מיט די פֿריהערדיגע. מיט דער רײַזע פֿון קעניג קײַן שאָטלאַנד איז פֿערבונדען געווען נאָך אַ געהײמע שליחות. די הויף־פּאַרטײַ און דער קעניג גופֿא האָבען זיך נאָך ניט אָבגעזאָגט פֿון סטראַפֿפֿאָרד׳ס גלענצענדער אידעע פּטור צו ווערען פֿון די מעהר געפֿעהרליכע מיטגליעדער פֿון דער אונטערסטער פּאַלאַטע, בעשולדיגענדיג זיי אין מלוכה־פֿערראַטה. אין שאָטלאַנד האט דער קעניג געהאָפֿט צו געפֿינען כאָטש וועלכע ניט איז אונדירעקטע בעווײַזען וועגען די אויפֿטראָגען פֿון פּים און קאָמפּאַניע מיט דער שאָטלענדער אַרמעע, און אויב ניט קײַן בעווײַזען, טאָ כאָטש פֿאַלשע עדות. אין דעם פֿאַל אויב ס׳וואָלט זיך ניט אײַנגעגעבען פֿאַנאַנדערצוטרײַבען דעם פּאַרלאַמענט מיט געוואַלט, וואָלט מען קענען פּאַראַליזירען זײַן „שעדליכע ריכטונג“, אַרעסטירענדיג אַלע זײַנע אָנפֿיהרער און אָנגעזעהענע טוער. דאָס איז געווען אַ פּלאַן אויף יעדען פֿאַל. די הויפּט־האָפֿנונג האט דער קעניג און די הויף־פּאַרטײַ געהאַט דאָך אויף די מיליטער־מאַכט, אויף די אַרמעע, מיט וועלכער דער קעניג וועט זיך אומקעהרען פֿון שאָטלאַנד, און אויף יענע מיליטער־קרעפֿטען, וועלכע די הויף־פֿערשווערער וועלען אַריבערציהען אויף זײַער צד, צו דער צײַט, ווען דער קעניג וועט זיך אומקעהרען.

מיט אַזעלכע ברײטע פּלענער איז קאַרל דער 1־טער אַוועק קײַן שאָטלאַנד. נאָר שוין פֿאַר זײַן אָבפֿאָהרען איז איהם אויס־

בעקומען אַריבערצוטראָגען אַ קלײנע ענטשולדיגונג: דער פּאַרלאַמענט האָט בעשטימט אַ קאָמיסיע פֿון זײַנע מיטגלידער אויך צו בעגלײטען דעם קעניג. פֿאָרמעל האָט מען די דאָזיגע בעשטימונג מאָטיווירט מיט דערזעלבער נויטווענדיגקײט צו רעגולירען די בעציהונגען מיט שאָטלאַנד, — „בעשיצען די אינטערעסען פֿון ענגלאַנד בײַ דעם ענדגילטיגען אָבמאַך". אָבער אין דעם ווירקליכען מאָטיוו פֿון דער דאָזיגער בעשטימונג האָט קײנער ניט געצווײפֿעלט. ס'האָט אויך ניט געצווײפֿעלט אין דעם קאַרל דער 1-טער אַלײן: די קאָמיסיע האָט געדאַרפֿט קיקען אויף זײַנע שריט. דער קעניג האָט זיך געפֿינען אונטער אַ „געהײמער אויפֿזיכט", פֿון וועלכער איהם האָט זיך שוין ניט אײַנגעגעבען פּטור צו ווערען ביז זײַן טויט.

.XV

אין שאָטלאַנד האָט דער קעניג ניט אויפֿגעהערט צו פֿיהרען די זעלבע פּאָליטיק, ווי אין ענגלאַנד: געגעבען צוזאָגען, וועלכע ער האָט קײן מאָל ניט געטראַכט צו ערפֿילען. ער האָט פֿײַערליך בעשטעטיגט די קאָנסטיטוציע, וואָס דער אָרטיגער קאָנווענט (גרינדונגס-פֿערזאַמלונג) האָט אויסגעאַרבײַט, און דערבײַ האָט ער געלאָזען פֿאַר זיך זײַטיגע וועגלעך, ווי אַריבערצוטרעטען די דאָזיגע קאָנסטיטוציע. ער האָט פֿערזיכערט אין זײַן פֿרײַנדשאַפֿט די שאָטלענדער פּאָליטישע פֿיהרער, אויסקוקענדיג אויף אַ גוטע געלעגענהײַט, ווי זײ אַרײַנצוכאַפּען אין נעץ. נאָר די פֿערדעטערישע פּאָליטיק פֿון קאַרל דעם 1-טען האָט אין שאָטלאַנד געהאַט נאָך אַ קלענערען ערפֿאָלג, ווי אין ענגלאַנד. דאָס ערקלערט זיך דערמיט, וואָס נאָך אײדער דער קעניג איז געקומען, האָט מען אין עדינבורג ענטדעקט אַ פֿערשווערונג, וואָס האָט געהאַט דעם צוועק אַרײַנצוכאַפּען די מאַכט, ערקלערען די קאָנסטיטוציע פֿאַר ניט ווירקזאַם און קאַרל דעם 1-טען פֿאַר דעם אומבעגרענצטען מאָנאַרך פֿון ענגלאַנד און שאָטלאַנד. די פֿערשווערער האָט מען אַרעסטירט און זײ זענען נאָך געזעסען אין עדינבורגער שלאָס, ווען דער קעניג איז אָנגעקומען. האָבענדיג אין פֿערדאַכט, דאָס די דאָזיגע פֿערשווערונג איז געמאַכט געוואָרען אויב ניט לויט דער איניציאַטיווע פֿון קעניג, איז דאָך מיט זײַן וויסען, זענען די שאָטלענדער געווען זעהר פֿאָרזיכטיג. אין דער זעלבער צײַט, ווען דער קעניג האָט אַזוי הײס פֿערזיכערט אין זײַן טרײַהײַט צו דער קאָנסטיטוציע און זײַן פֿרײַנדשאַפֿט צו די

פיהרער פון דער שאטלענדער פרייהייטס-בעוועגונג, איז ענטדעקט
געווארען א צווייטע פערשווערונג, וועלכע איז געוועזען א פארזעצונג
פון דער ערשטער און וועלכע האט געהאט דעם צוועק צו ארעס-
טירען די אלע, וועלכע דער קעניג האט מיט אזא בערעדזאמקייט
פערזיכערט אין זיין פריינדשאפט. די אלע פערזאנען זענען ענטלא-
פען פון עדינבורג און האבען זיך אומגעקעהרט מיט א בעדייי-
טענדער מיליטער-מאכט. די פערשווערער, וועלכע זענען נאך געבלי-
בען פריי, האט מען ארעסטירט און פון דעם קעניג האט מען גע-
פאדערט אן ערקלערונג וועגען דעם, וואס איינינע פון די ארעסטירטע
האבען אנגעוויזען, אז זיי האבען געהאנדעלט לויט דער אינסטרוקציע
פון קעניג. קארל דער 1-טער האט געגען זיינע שאטלענדער אנ-
הענגער געהאנדעלט אויך אזוי, ווי געגען זיינע ענגלישע מיניסטארען:
אין מאמענט פון געפאהר האט ער זיך פון זיי אין גאנצען אבגע-
זאגט, איבערלאזענדיג זיי אליין צו ליידען פאר אלץ.

צוליעב דער פארלאמענטארישער קאמיסיע איז דאס אלץ גלייך
בעוואוסט געווארען אין לאנדאן, און ס'פערשטעהט זיך, אז דאס האט
נאך מעהר אונטערגעגראבען דעם פרעסטיזש פון קעניג. די האפנונג
אויף די טרייהייט פון דער צפון-ארמעע איז אויך געוועזען א פאלשע,
און דער קעניג איז אויף איינינע צייט געבליבען אין שאטלאנד,
ניט וויסענדיג, אויף וואס זיך צו ענטשליסען. נייע אונערווארטעטע
פאסירונגען האבען איהם געצוואונגען זיך אונטערצואיילען מיט זיין
צוריקפאהרען קיין ענגלאנד.

ס'האבען זיך בעקומען ידיעות וועגען אן אויפשטאנד אין איר-
לאנד. נאך דעם טויט-שטראף איבער סטראפפארד'ען, האט זיך
די צווייצטקייט געגען זיין רעזשים אין אירלאנד ניט נאר ניט איינ-
געשטילט, נאר פערשטארקט זיך. דאס האט זיך הויפטזעכליך אויס-
געדריקט אין דעם, וואס דאס פאלק האט אנגעהויבען צו פערפאל-
גען די פראטעסטאנטיש-גלויביגע, וועלכע סטראפפארד און לא-
אוד האבען אריבערגעפיהרט קיין אירלאנד געגען דעם ווילען פון
דער ארטיגער קאטוילישער בעפעלקערונג. די בעוועגונג, וועל-
כע איז איבערגעגאנגען אין אן אפענעם אויפשטאנד, האט אנגענומען
א נאציאנאליסטיש-רעליגיעזען כאראקטער. די קלאגען וועגען די
הריגות פון די פראטעסטאנטען-ענגלענדער אין אירלאנד האבען ארויס-
גערופען א שרעקליכען צארן אין ענגלאנד, און ווען מ'האט זיך דער-
וואוסט, דאס די הריגות געגען די פראטעסטאנטען ווערען אונטער-
שטיצט פון די קאטוילען, וואס רינגלען ארום די קעניגין, האט דער

צאָרן פֿון דעם ענגלישען פֿאָלק און דער אונטערסטער פּאַלאַטע דערגרייכט די העכסטע שטופֿע.

באַלד האָבען זיך אָנגעהויבען צו הערען קלאַנגען, דאָס די קאַטוילישע רעוואָלוציאָנערען פֿיהרען אויפֿטראַגען מיט דעם קעניג, דאָס דער קעניג האָט פֿערשפּראָכען די אירלענדער אַ פֿאָלקאָמע נאַציאָנאַלע אונאַבהענגיגקייט און די איינפֿיהרונג אין אַלע דריי פֿעראייניגטע קעניגטהומס פֿון דעם קאַטוילישען גלויבען, אויב די אירלענדער וועלען איהם העלפֿען צו דערשטיקען די רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג אין ענגלאַנד גופֿא. איינער פֿון די אָנפֿיהרער פֿון אויפֿשטאַנד (פֿעלים אָנעעל) האָט פֿערשפּרייט אַן אויפֿרוף אים נאָמען פֿון קעניג, אין וועלכען דער לעצטער ערלויבט זיינע קאַטוילישע טרייע אונטערטהאַנען אויסצוראָטען אַלע אַריינגעפֿאָהרענע פֿון ענגלישער הערקונפֿט און פּראָטעסטאַנטישען גלויבען און אָבנעהמען זייער האָב און גוטס.

די היסטאָריקער לייקענען אָב די ריכטיגקייט פֿון דעם דאָזיגען אויפֿרוף, זיי האַלטען ניט פֿאַר מעגליך, אַז קאַרל דער 1-טער האָט איהם ווירקליך אונטערגע'חתמ'עט. נאָר מען האָט איהם פֿערשפּרייט און ער האָט געהאַט אַן איינפֿלוס. די אירלענדער רעוואָלוציאָנערע קאַמפּפֿ-אַבטיילונגען פֿלעגען זיך אָנרופֿען דאָ אַלס „אַרמעע פֿון קעניג", דאָ אַלס „אַרמעע פֿון דער קעניגין". ס'זענען דאָ פֿיעלע גרונדען צו גלויבען, דאָס די קעניגין און איהרע נאָהענטע דיענער האָבען זיך ווירקליך געפֿונען אין געהיימע פֿערבינדונגען מיט די אירלענדער אָנפֿיהרער. דער קעניג גופֿא האָט, ווי ס'ווייזט אויס, אין די דאָזיגע פֿערבינדונגען קיין אַנטייל ניט גענומען, נאָר ער האָט געהאָפֿט, דאָס די אירלענדער קאָנסטיטוציע וועט אונדירעקט איהם ברענגען נוצען: „איך האָף — האָט ער געשריבען אויס שאָטלאַנד איינעם פֿון זיינע ליעבלינגס — דאָס די טרויעריגע נאַכריכטען פֿון אירלאַנד וועלען שטערען דער פֿערווירקליכונג פֿון איניגע נאַרישקייטען אין ענגלאַנד".

נאָר דער קעניג האָט אַ טעות געהאַט. די אירלענדער פּאַסירונגען האָבען ניט נאָר ניט אָבגעהאַלטען די רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג פֿון ענגלאַנד, נאָר פֿערקעהרט, איהר צוגעגעבען נאָך אַ שאַרפֿערען כאַראַקטער. כאָטש די אונטערסטע פּאַלאַטע האָט אַנערקענט, אַז די בעוועגונג אין אירלאַנד איז אַרויסגערופֿען געוואָרען צוליעב די אָבשייליכע פֿערוואַלטונג אין דעם דאָזיגען לאַנד, נאָר די געפֿאַהר, אַז דער אינזעל וועט זיך אָבטיילען, האָט זי געשראָקען. נאָך מעהר, דאָס אָבגעטיילטע אירלאַנד האָט דאָך געקענט אַנערקענען פֿאַר איהר

קעניג קארל דעם 1-טען און דער לעצטער וואלט זיך געקענט בענוצען מיט דער אירלענדער ארמעע, כדי צו דערשטיקען די בעפרייאונגס-בעוועגונג אין ענגלאנד.

דער גאנצער פארלאמענט האט געהאלטען פאר נויטווענדיג צו שיקען די ארמעע, כדי צו אונטערדריקען דעם אויפשטאנד פון אירלאנד, נאר די אונטערסטע פאלאטע איז ענטשידען געשטאנען דערפאר, אז די אנפיהרונג פון דער ארמעע טאר ניט בלייבען ביי דעם קעניג אין די הענד. אויסנוצענדיג די קלאנגען וועגען די אויפטראגען צווישען דער הויף-פארטיי און די אירלענדער אינסורגענטען, האט די אונטערסטע פאלאטע זיך דערשלאגען דערצו, אז די לארדען האבען איינגעוויליגט אויף ענטשידענע טריט. ערשטענס איז בעשלאסען געווארען צו פאדערען פון קעניג, ער זאל ארויסטרייבען די „שלעכטע פייפסטליכע (קאטוילישע) בעלי-עצות". דערנאך האבען פים און זיינע נאהענטסטע חברים פארגעלעגט, אז מ'זאל נאך א מאל ענטשידען פאדערען פון קעניג, ער זאל איבערגעבען די פערוואלטונג איבער'ן לאנד און דער ארמעע אין די הענד פון א מיניסטעריום, וועלכער זאל אויסגעוועהלט ווערען אויס דער מעהרהייט פון דער אונטערסטער פאלאטע. די אינדעפענדענטען האבען געוואלט זיך בענוצען מיט דער געלעגענהייט און נאך א מאל פאדערען ביים קעניג, ער זאל ערפילען אלע פערשפרעכען, וואס ער האט פריהער געגעבען. זייערע פאדערונגען האבען זיי געוואלט איבערגעבען אין דער פארם פון אן אנקלאגע צום קעניג געגען די שלעכטע מעשים פון דער רעגירונג, די דאזיגע „אנקלאגע" איבערגעבען דעם קעניג דורך די קאמיסיע, וואס האט איהם בעגלייט, און צו דערזעלבער צייט זי אבדרוקען און פערשפרייטען אלס א פראטעסט צום פאלק. די אנקלאגע איז געווען אן אמת'ער בעשולדיגונגס-אקט געגען דער רעגירונג: אין 206 פאראגראפען זיינען אויסגערעכענט געוועזען אלע געגענגעזעצליכקייטען און ווילקירליכע טהאטען פון דער רעגירונגס-מאכט. אין די פאדערונגען האט זיך איבערגע'חזר'ט אלץ, וואס האט זיך געפונען אין די פעראָרדנונגען פון דער קאנסטיטוציע, און דער „פעטיציע וועגען די רעכטען", און די לעצטע התחיבות'ן פון דעם קעניג און אויסער דעם אויך די פאדערונג איבערצוגעבען די פערוואלטונג אין די הענד פון א פארלאמענטארישען מיניסטעריום און די אונגעזאמטע בעזייטיגונג פון די בישאפען אויס דער אויבערסטער פאלאטע.

די מעסיגע עלעמענטען פון דער אונטערסטער פאלאטע זיינען געווען געגען דעם, מ'זאל פערעפענטליכען די דאזיגע „אנקלאגע".

זיי האָבען מורא געהאַט זיך צו ווענדען צום פֿאָלק, ווי צו דער העכסטער אינסטאַנץ; זיי האָבען מורא געהאַט, דאָס ווי באַלד דאָס פֿאָלק וועט זיך פֿיהלען פֿאַר אַן איבער־ריכטער און איינאָרדנער, וועט ער זיך נעהמען אַליין פֿאַר די פֿערווירקליכונג פֿון יענע רעפֿאָרמען, סאָציאַלע און עקאָנאָמישע, וועלכע ער רעכענט, אַלס דירעקטען שלוס פֿון דער לעהרע וועגען דער „עוואַנגעלישער גלייכהייט", דעם „נאַטירליכען רעכט", דעם „פֿרייוויליגען אָבמאַך פֿון פֿאָלק" („געזעלשאַפֿטליכער אָבמאַך"). די דעבאַטען ביי דער אונטערהאַנדלונג פֿון דער פֿראַגע וועגען דער „אַנקלאַגע" אין דער אונטערסטער פּאַלאַטע האָבען אָנגענומען אַ שאַרפֿען כאַראַקטער. פֿיעלע פֿון די דעפּוטאַטען האָבען זיך אַפֿילו ניט איין מאָל געכאַפּט פֿאַר זייערע שווערדען. ענדליך האָט זיך איינגעגעבען דער פּאַרטיי פֿון פּים און קראָמוועל אָבצוהאַלטען אַ נצחון אין אַלע פּונקטען. די אַנקלאַגע איז אָנגענומען געוואָרען לויט דער רעדאַקציע פֿון די אונאָבהענגיגע; ס'איז בעשלאָסען געוואָרען זי אָבצודרוקען און פֿערשפּרייטען אין אַ מעגליך גרעסערער צאָהל עקזעמפּליאַרען. נאָר דאָ איז ענטשטאַנען אַ נייע שטרייט־פֿראַגע: ווען זאָל מען זי אָבדרוקען? די מעסיגע האָבען געפֿאָדערט, אַז מען זאָל אָבלעגען דאָס אָבדרוקען ביז ס'וועלען אין גאַנצען קלאָר ווערען די בעציהונגען צו דער רעגירונג; די אונאָבהענגיגע זענען געשטאַנען דורכאויס דערפֿאַר, אַז מ'זאָל זי גלייך אָבדרוקען און פֿערשפּרייטען. וועגען דער דאָזיגער פֿראַגע האָט מען ניט געקענט קומען צו קיין בעשלוס, צו דער צייט, ווען דער קעניג האָט זיך אומגעקעהרט צוריק.

## XVI.

די לאָנדאָנער סוחרים, וואָס האָבען זיך שוין אָנגעהויבען שרעקען פֿאַר אַ רעוואָלוציע, האָבען מקבל פּנים געווען דעם קעניג מיט גרויס פֿייערליכקייט: ס'זענען אויך געווען דעפּוטאַציעס, אַ פֿריהשטיק, אַן אָבענד־ברויט מיט „אונטערטהעניגע רעדעס". אין שטאָדט־ראַטה זענען, אַ דאַנק דעם דרוק פֿון סטראַפֿפֿאָרד'ס רעגירונג ביי די וואַהלען, אַריינגעפֿאַלען פֿיעל רעאַקציאָנערען, וועלכע זענען טיילווייז געווען פֿערבונדען אַפֿילו מיט די הויף־פֿערשווערער. דער דאָזיגער ראַטה האָט בעזאָנדערס געזאָרגט וועגען דעם, אַז דער קעניג זאָל אָנגענומען ווערען מיט גרויס פּאַראַד און צוליעב דעם צוועק האָט ער געדונגען „פּאַטריאָטען" און לומפּען, וועלכע האָבען געזאָלט פֿאָרשטעלען „דאָס אונטערטהעניגע פֿאָלק", וואָס בעגעגענט דעם קע־

ניג אויפ'ן גאַס מיט „בעגייסטערטע“ אויסרופען. די שטאָדט און די סוהרים האָבען געמאַכט דעם קעניג אַ גלענצענדען פּאַקעלצוג.

די אונערוואַרטעטע אָוואַציעס האָבען פערדרעהט דעם קאָפּ קאַרל דעם 1-טען, וועלכער איז שוין וועסט אַריינגעפאַלען אין פערצווייפלונג. די זיכערהייט אין זיין מאַכט האָט זיך מיט אַמאָל ביי איהם אויפגעהויבען אַזוי הויך, דאָס ער האָט בעפאָהלען, מען זאָל צונעהמען דעם וואַך, וואָס בעשיצט דעם פּאַרלאַמענט: „מיין אָנוועזענהייט אין שטאָדט — האָט ער געזאָגט — קען דינען דעם פּאַרלאַמענט אַלס דער בעסטער שוץ“.

די דעפּוטאַציע פון דער אונטערסטער פּאַלאַטע, וועלכע איז געקומען, כדי פערזענליך איבערצוגעבען די „אָנקלאַגע“, האָט דער קעניג אָנגענומען מיט גאוה. די אָנקלאַגע האָט ער אויסגעהערט און געענטפערט נאָר מיט עטליכע אונבעדייטענדע פראַזען, ערקלערענדיג, דאָס אַ מעהר אויספיהרליכען ענטפער וועט ער געבען שפּעטער און האָט אויסגעדריקט דעם וואונש, דאָס ביז יענער צייט זאָל דער דאָזיגער אַקט, וואָס מ'האָט איהם פאָרגעלעגט, ניט פערעפענטליכט ווערען. וועגען דעם וואונש, וואָס די דעפּוטאַציע האָט נאָך אַמאָל פעסט אויסגעדריקט, דאָס דער קעניג זאָל בעזייטיגען פון פּאַרלאַמענט די בישאָפען און די „שלעכטע בעלי-עצות“ פון הויף, האָט ער קיין ענטפער ניט געגעבען.

שוין דער בעליידיגענדער טאָן גופא ביי דעם אָנגעהמען די דעפּוטאַציע האָט אַרויסגערופען די אונצופרידענהייט פון דער לאָנדאָנער בעפעלקערונג. די ווייטערדיגע אויפפיהרונג פון קעניג האָט נאָך מעהר פערשטאַרקט די דאָזיגע אויפרעגונג. צונעהמענדיג דעם וואַך, וואָס האָט פריער בעשיצט דעם פּאַרלאַמענט, לויט דער בעשטימונג פון פּאַרלאַמענט גופא, האָט דער קעניג, ניט קוקענדיג אויף זיין אייגענע ערקלערונג, דאָס „זיין אָנוועזענהייט אַליין איז גענוג“, בעשטימט אַ נייעם וואַך פון זיין אייגענער גוואַרדיע. ס'איז פאַר אַלעמען געוועזען קלאָר, דאָס די ווירקליכע בעשטימונג פון דעם וואַך איז ניט צו בעשיצען דעם פּאַרלאַמענט, נאָר איהם איינצוהאַמעווען, און דאָס פאָלק האָט ניט געוואָלט דערלאָזען דעם וואַך צוצוגעהן נאָהענט צום פּאַרלאַמענט.

פון דעם מאָמענט אָן (אָנפאַנג דעצעמבער) האָט זיך ניט אויפגעהערט די גאַסען-צוזאַמענשטויסונגען צווישען דער קעניגליכער גוואַרדיע און דער לאָנדאָנער בעפעלקערונג. אַנ'אָנגעזעהענע ראָלע אין די גאַסען-דעמאָנסטראַציעס און צוזאַמענשטויסונגען מיט דער גוואַרדיע האָבען אָנגעהויבען שפּיעלען די „האַנדווערקער-געזעלען“.

וועלכע האבען דאן פערנומען אזא ארט, ווי דער איצטיגער אינדוסטריעלער פראלעטאריאט, — סיי לויט זייער סאציאלער לאגע, סיי לויט זייער רעוואלוציאנערער שטימונג, סיי לויט זייער צאהל אין די גרויסע אינדוסטריעלע שטעדט. אויפ׳ן גאס פלעגען די געזעלען און א טייל פון די בירגער ארויסגעהן געוועהנליך בעוואפענט.

די אונפערמיידליכקייט פון א נאהענטער קאטאסטראפע האבען געפיהלט אלע. דער קעניג האט אנגעשטרענגט אלע קרעפטען, כדי אומצוקעהרען די אלטע צייטען: ער האט געפאדערט, אז דער פארלאמענט זאל ניט „וואגען" אנצורירען זיינע „פרעראגאטיווען" ביי דעם זאמלען און אוועקשיקען די זעלנער קיין אירלאנד. ער האט אליין אפגעצויגען דעם ענטפער אויף די פאדערונגען, וואס זענען געווען ארויסגעשטעלט אין דער „אנקלאגע". צו דער זעלבער צייט האט די הויף־פארטיי געזעהען מיט אלע מיטלען אריבערצוציהען אויף איהר זייט די מיטגליעדער פון דער אונטערסטער פאלאטע. און צווישען דעם טייל דעפוטאטען, וועלכער האט מעהר פון אלעמען מורא געהאט פאר די רעוואלוציע, האבען זיך גלייך געפונען רענעגאטען.

די הויף־פארטיי האט זיך זעהר געאיילט דורכצופיהרען די איבערקעהרעניס, וועלכע זיי האבען שוין לאנג געפלאנט. אין גווארדיע האט מען אנגעהויבען צונעהמען די פערדעכטיגסטע עלעמענטען: אפיציערען, וועלכע מ׳האט פאר שלעכטע אויפפיהרונג ארויסגעטריבען פון דיענסט, שטראפירטע זעלנער, דעזערטירען פון דער צפון־ארמעע און פריוויליגע, וועלכע האבען ערקלערט זייער גרייטקייט פאר א גוטע בעלוינונג „צו ארבייטען" פאר דעם קעניג׳ס כבוד. און די פערשווערער האבען געהאט צוליעב וואס זיך צו איילען. די נייע מוניציפאל־וואהלען האבען בעשאפען אין לאנדאנער שטאדט־ראטה אן אפאזיציאנעלע מעהרהייט און אין רשות פון דעם שטאדט־ראטה איז געווען די שטאדט־מיליציע, וועלכע איז אין א בעדייטענדען גראד בעשטאנען פון פוריטאנער, וואס האבען געקענט זיין זעהר געפעהרליך ביי דער איבערקעהרעניס. די האנדווערקער־געזעלען און די פשוט׳ע ארבייטער איז געלונגען בעקומען געוועהר (טיילוויי האבען זיי איהם אליין געמאכט), האבען זיך פעראייניגט אין קאמפפס־גרופען, וועלכע האבען ניט זעלטען געשלאגען און געצוואונגען צום ענטלויפען די גווארדיע־אפטיילונגען. איבערהויפט פון דער צייט אן, ווען צו די ארבייטער זענען צוגעשטאנען אויך די מאטראסען. ביי דער ערשטער ידיעה וועגען דעם, אז צווישען די בונטאווטשיקעס געפינען זיך שוין מאטראסען אויך, האט קארל דער 1־טער זיך

בעגעגענט מיט א פערעכטליכער פראגע: „ווי, די ים=מייד וענען שוין אויך געגען מיר!“ נאר ער האט ניט געקענט ניט פיהלען, אז די זאך האלט שלעכט און ער האט איבערגעלאזען די פערשווערער צו האנדלען, ווי זיי ווילען.

## XVII.

די פערשווערונג האט מען געקלערט אנצוהויבען מיט דעם ארעסט פון פינף דעפוטאטען פון דער אונטערסטער פאלאטע: פים, גאמפדען, גאזעלריג, סטראד, און גאללעס. נאר פריהער האט מען געדארפט דורכפיהרען נאך אנ'ענין.

אלס קאמענדאנט פון דעם טאוער=שלאס איז צופעליג געוועזען א מאן, צו וועלכען דאס פאלק האט געהאט א צוטרוי. טאוער האט געדיענט צו דער זעלבער צייט אי אלס לאנדאנער פעסטונג, אי אלס פאליטישע געפענגניס, אי אלס קאזנאטשעיסטווע. אויסער מלוכה=געלד פלעגען דארט זיין בעהאלטען אויך די פרייע געלדער פון די לאנדאנער סוחרים און אפילו אויך די מעהר קאסטבארע סחורות — גאלד= און זילבער=ווארען.

כדי צו האבען אין זייערע הענד דעם דאזיגען פונקט, וועלכער איז געוועזען וויכטיג ווי אין פינאנציעלער, אזוי אויך אין סטראטעגישער הינזיכט, האט די הויף=אפרטיי אויף דעם ארט פון דעם פאפולערען קאמענדאנט בעשטימט איינעם א געוויסען לענספארד, וועלכער האט געהאט א שם פאר איינעם פון די ערגסטע גוואלד=טהעטער. אגב איז געוועזען בעוואוסט זיין אנטייל אין דער פערשווערונג, וועלכע מ'האט ענטדעקט אין פריהלינג.

די בעשטימונג פון לענספארד האט געדיענט אלס סיגנאל צו דער אלגעמיינער אויפרעגונג און צו אנ'אפענעם אויפשטאנד אין לאנדאן. די סוחרים, וואס האבען מיט עטליכע וואכען פריהער בעגעגענט דעם קעניג מיט אזוי פיעל פאראד, האבען אויפגעהויבען א ליארם, ווי זיי האבען נאר דערפיהלט, אז זייער גאלד שטעהט אין געפאהר. דער פארלאמענט און דאס פאלק האבען אין דער בעשטימונג פון דעם נייעם קאמענדאנט איינגעזעהען א דירעקטע פראוואקאציע.

אלע דריי טעג פון ווייגאכטס=יומי=טובים וענען אוועק אין אונאויפהערליכע דעמאנסטראציעס און שטענדיגע צוזאמענשטויסונגען צווישען דער גווארדיע אין דעם בעוואפענטען פאלק, וועלכער האט געהאט אויף זיין צד אלע מאטראסען, וואס האבען זיך געפונען אין

לאָנדאָן. ס'זענען געווען פיעל פערוואונדעטע פון ביידע צדדים. אין דער צייט פון דעם דאָזיגען אויפשטאַנד האָבען די קעמפפענדע צדדים בעקומען אַ צונעמעניס, מיט וועלכען מ'האָט זיי נאָך לאַנג נאָכדעם גערופען לעגדספּאָרדס לייט האָט דאָס פאָלק איראָניש אָנגע־רופען „קאַוואַלערען", צוליעב דעם, ווייל זייערע אָנפיהרער זענען געווען אַדעליגע אין הויף־קאָסטיומען; די „קאַוואַלערען" פון זייער זייט האָבען איראָניש אָנגערופען זייערע געגנער „רונד־קעפּיגע" ווייל די פוריטאַנער פלעגען געהן רונד געשאָרען.

בעת די גאַסען־אונרוהען האָבען געליטען אויך עטליכע בישאָ־פען. דערמיט האָבען בעשלאָסען זיך צו בענוצען די פערשווערער אין זייער ערשטער אַרויסטרעטונג געגען דעם פּאַרלאַמענט. דער יאָרקער אָבער־בישאָף, דער מיטגליעד פון דער אויבערסטער פּאַלאַטע און דער אַנטיילנעהמער פון דער פערשווערונג, איז בעליידיגט געוואָרען אויפ'ן גאַס און, ווי ער האָט געזאָגט, האָט ער בעקומען אויך קלעפּ פון דעם המון; מ'האָט אויף איהם אַפילו צוריסען די „הייליגע קליי־דער". צוליעב דעם האָבען אַלע בישאָפען, די מיטגליעדער פון דער אויבערסטער פּאַלאַטע, צוזאַמענגעשטעלט אַנ'אַקט וועגען דעם, דאָס די געוואַלד־טהאַטען פון דעם המון שטערען זיי צו ערפילען זייערע פפליכטען אין פּאַרלאַמענט, און אַלע בעשלוסען פון פּאַרלאַמענט, וועלכע וועלען אָנגענומען ווערען אין זייער אַבוועזענהייט, ד. ה. נאָך דעם 27־טען דעצעמבער, ערקלערען זיי פאָראויס אַלס אונגעזעצליכע, ווייל זיי וועלען זיין אָנגענומען אָהן דעם אַנטייל פון גייסטליכען שטאַנד.

זייער ערקלערונג האָבען די גייסטליכע דעם 30־טען דעצעמבער אָבגעשיקט דעם קעניג און דער אויבערסטער פּאַלאַטע, און די לעצטע האָט איבערגעגעבען אין דער אונטערסטער פּאַלאַטע. אַלע געזעצען און בעשלוסען האָבען געפאָדערט פון דער אונטערסטער פּאַלאַטע איבער־געהן אין די אויבערסטע און דערנאָך צום קעניג אויף די בעשטעטיגונג. די בישאָפען האָבען געמיינט, אַז ערקלערענדיג די בעשלוסען פון דער אויבערסטער פּאַלאַטע אַלס אונגעזעצליכע, וועלען זיי פּאַראַליזירען די טהעטיגקייט פון גאַנצען פּאַרלאַמענט. נאָר דער רעזולטאַט איז גע־ווען גאָר אַנ'אונערוואַרטעטער: אין די ערקלערונג פון די בישאָפען האָט די אונטערסטע פּאַלאַטע איינגעזעהען אַנ'אָנפאַל אויף דאָס רעכט און אויטאָריטעט פון פּאַרלאַמענט, די איבערטרעטונג פון די גרונד־געזעצען פון דער מלוכה, און זיי האָבען געפאָדערט מ'זאָל גלייך איבערגעבען צום געריכט די שולדיגע. די לאָרדען האָבען איינגע־שטימט מיט דער מיינונג פון דער אונטערסטער פּאַלאַטע. די בישאָ־פען האָט מען אַרויסגערופען אין פּאַרלאַמענט. דאָ האָט מען זיי...

ניט קוקענדיג אויף זייערע ענטשולדיגונגען און פערזיכערונגען אין דעם, דאס זיי האבען ניט געהאט אין זינען אנצופאלען אויף די גרונדגעזעצען, אויך ווי א מאל סטראפפארדען געצוואונגען, שטעהענדיג אויף די קניע ביים שוועל, אויסצוהערען דעם בעשלוס וועגען איבערגעבען זיי צום געריכט און ארעסטירען. פון פארלאמענט האט מען זיי אבגעשיקט גלייך אין געפענגניס. אויפ'ן וועג האבען זיי אומעטום בעגעגענט פיינדליכע מאסען, וועלכע האבען הויך אויסגעדריקט זייער פרייד, דאס די „שלעכטע ראבען וועלען ענדליך אריינפאלען אין פאסטקע".

די פראגרעסיסטען פון פארלאמענט זענען געווען זעהר צופריעדען פון דעם, וואס ס'איז פארגעקומען. ערשטענס, איז דער פארלאמענט ענדליך פטור געווארען פון די בישאפען, וועלכע די אונטערסטע פאלאטע האט אזוי לאנג און אומזיסט געבעטען דעם קעניג צו בעזייטיגען. צווייטענס, האט די האנדלונג פון די בישאפען איבערצייגט אויך די, וואס האבען פריהער נאך געצווייפעלט אין דעם, דאס ס'עקזיסטירט א פערשווערונג געגען דעם פארלאמענט.

לויט פים'ס פארשלאג, האט מען זיך גלייך גענומען צו ענטשיידענע מיטלען פון זעלבסט-שוץ. פריהער פאר אלץ האט מען געפאדערט, דאס צוליעב אונרוהיגען צושטאנד אין שטאדט זאל דער שטאדט-מיליציע איבערגעגעבען ווערען די בעשיצונג ניט נאר פון פארלאמענט, נאר טיילווייז אויך פון קעניגליכען פאלאץ. דער קעניג האט, פערשטעהט זיך, ניט געוואלט שיידען זיך כאטש מיט איין טייל פון זיין „טרייער" גווארדיע. אויף די פאדערונג פון דער אונטערסטער פאלאטע האט ער געענטפערט (דעם 3-טען יאנואר 1642 יאהר) מיט א שריפטליכער ערקלערונג, אין וועלכער ער האט זיך געשווארען „מיט דעם אלמעכטיגען גאט", דאס „איהם שטעהט ניט פאר די קלענסטע געפאהר" און האט געגעבען זיין „קעניגליכעסווארט" דערויף, דאס די „בעשיצונג פון יעדער פארלאמענט-מיטגליעד געגען געוואלד-טהאט, איז פונקט אזוי נאהענט צו זיין הארצען, ווי די בעשיטצונג פון זיינע אייגענע קינדער".

נאר קוים האט מען געענדיגט לייענען אין דער אונטערסטער פאלאטע די רירהענדע ווערטער פון דעם קעניג, איז אנגעקומען א נייער בריעף פון איהם, אין וועלכען ס'ווערט אים נאמען פון דעם זעלבען קעניג געפאדערט, ס'זאלען ארויסגעגעבען ווערען פינף מיטגליעדער פון דער אונטערסטער פאלאטע און איין לארד (קימבאלטאן) וועלכע ווערען בעשולדיגט אין מלוכה-פערראט — אין אויפ-

טראַגען מיט די שאָטלענדישע רעוואָלוציאָנערען, בעת דעם לעצטען שאָטלענדער אויפשטאַנד.

דער קעניג האָט גערעכענט, אַז דער דאָזיגער אַרעסט וועט פאָרקומען אויך אַזוי שטיל, ווי דער אַרעסט פון סטראַפפאָרדען און די בישאָפען. נאָר די אויפגערעגטע לאָרדען האָבען ערשטענס ערלויבט קימבאַלטאָנען גלייך צו געבען איין ענטפער אויף די בעשולדיגונג און דערנאָך האָבען זיי בעשלאָסען, ניט אַרעסטירענדיג איהם, צו בעשטימען אַ קאָמיסיע, וועלכע זאָל ערפאָרשען דעם בעשולדיגונגס־מאַטעריאַל. די שטימונג אין דער אויבערסטער פאַלאַטע איז געווען אַזאַ, דאָס דער לאָרד דיגבי, איינער פון די, וואָס זענען איבערגעגאַנגען צו דער קעניגליכער פאַרטיי, האָט זיך געאיילט צו ענטלויפען פון פאַרלאַמענט, ערקלערענדיג, דאָס דער קעניג האָט מן הסתם ניט קיין ריכטיגע ידיעות וועגען קימבאַלטאָן". דיגבי איז אַוועק אין פאַלאַץ כדי, ווי ער האָט געזאָגט, ניט צו דערלאָזען צו נייע אומגליקען.

און נאָך אַ מעהר אויפגערעגטע שטימונג האָט געהערשט אין דער אונטערסטער פאַלאַטע. דאָרט האָט זיך גלייכצייטיג מיט דער פאָדערונג וועגען דעם אַרעסט פון די פינף דעפוטאַטען, בעקומען די ידיעה, דאָס ביי איינינע פון זיי (ביי פים, גאַמפדען און גאָללעס) האָבען די הויף־בעאַמטע געמאַכט הויז־זוכונגען און פערחתמ'עט זייערע פאַפירען מיט דער קעניגליכער חתימה. גלייך אויף אָנ'אָרט איז אָנגענומען געוואָרען אַ רעזאָלוציע, וועלכע ערקלערט די דאָזיגע הויז־זוכונג, אַלס אַנ'איבערטרעטונג פון די פאַרלאַמענטאַרישע פריווילעגיעס און וועלכע ערלויבט יעדען דעפוטאַט „מיט אַלע מיטלען" זיך צו וועהרען געגען אַרעסט, אויף וועלכען ס'איז ניט געגעבען געוואָרען דער הסכם פון פאַרלאַמענט.

דעם אָפיציער, וואָס איז געקומען מיט דער פעראָרדנונג, דאָס מ'זאָל גלייך אַרויסגעבען די פינף בעשולדיגטע דעפוטאַטען, האָט מען געהייסען גלייך אַוועקגעהן, ערקלערענדיג איהם, דאָס דער פאַרלאַמענט פיהרט זיינע אויפטראַגען מיט'ן קעניג אונמיטעלבאַר און ניט דורך אָפיצירען און בעאַמטע און אַז דער קעניג וועט בעקומען אַנ'ענטפער דורך אַ ספּעציעלע דעפוטאַציע. אין אַ שעה אַרום האָט מען ווירקליך אַוועקגעשיקט אַ דעפוטאַציע, וועלכע האָט ערקלערט דעם קעניג, דאָס די פראַגע וועגען אַרעסטירען מיטגליעדער פון פאַרלאַמענט איז אַ צו ערנסטע, אַז זי פאָדערט אַ זאָרגפעלטיגע אונטערזוכונג, ווי יעדע פראַגע, וואָס בעריהרט די פאַרלאַמענטאַרישע פריווילעגיעס. אַזוי ווי

אויף לצנות דעם קעניג, וועלכער האט געוואלט, אז די פערהאסטע דעפוטאטען זאלען גלייך בעזייטיגט ווערען, האט די דעפוטאציע צוגעגעבען, דאס ס'זאלען אנגענומען געווארען מיטלען, אז די דאזיגע דעפוטאטען זאלען ניט קענען פון זייער זייט אויסמיידען די ערפארשונג: דער פארזיצענדער האט זיי פערפפליכטעט... זיי זאלען יעדען טאג זיך געפינען אויף זייערע ערטער אין דער אונטערסטער פאלאטע.

ווען די דעפוטאציע האט זיך צוריקגעקעהרט פון פאלאץ, איז פארגעקומען א געמיינזאמע זיצונג פון ביידע פאלאטעס און לויט דער בעשטימונג פון דער דאזיגער זיצונג האט מען אראבגעריסען די קעניגליכע התימות פון די פער'התמ'עטע דאקומענטען און מען האט ארעסטירט די בעאמטע, וועלכע האבען לויט דעם בעפעהל פון קעניג געמאכט די הויז-זוכונג ביי די דעפוטאטען. אויף דער וועלכער זיצונג איז בעשלאסען געווארען צו ווענדען זיך צום שטאדט-ראטה מיט דער פאדערונג, אז די שטאדט-מיליציע זאל בעשיצען דעם פארלאמענט.

די הויף-פארטיי איז בעשטאנען דערויף, אז מ'זאל גלייך אנווענדען געוואלט-מיטלען: פאנאנדערטרייבען דעם „חוצפה'דיגען „פארלאמענט" און ארעסטירען „די אויפהעצער". מ'האט איינגעשראקען דעם קעניג דערמיט, דאס ס'קען דאך טרעפען אז מ'זאל ארעסטירען די קעניגין, וועגען וועלכער מ'רעדט אפען אויף אלע פלעצער, דאס זי האט אנטייל גענומען אין דער פערשווערונג.

די גאנצע נאכט פון דעם 3-טען אויפ'ן 4-טען יאנואר האבען די פערשווערער פערבראכט אין בעראטהונגען און מיליטערישע פארבערייטונגען. טאאוער איז געווען בעפעסטיגט; מ'האט בעזארגט מיט א גענוגענדען צאהל קאמפפס-געוועהר די „קאוואלערען" און אויך די פרייוויליגע, וועלכע זענען צוגעשטאנען צו דער „קאוואלערישער" גווארדיע, די שילער פון דער יורידישער קאלעגיע, וועלכע האבען זיך אלע מאל אויסגעצייכענט מיט זייער איבערגעגעבענהייט צום קעניגליכען הויף, פון וועלכען ס'איז שטענדיג אבגעהאנגען זייער צוקונפטיגע קאריערע. דעם לארד-מער (דעם שטאדט-גאלאווא) האט מען האלבע נאכט אויפגעוועקט פון שלאף און געבראכט צופיהרען אין פאלאץ, וואו דער קעניג אליין האט איהם אויפ'ן שטרענגסטען אופן בעפאהלען, ער זאל ניט געבען דעם פארלאמענט קיין מיליטער-שוטץ און די שטאדט-מיליציע זאל ער אויסנוצען ביי דער אונטערדריקונג פון די אונארדנונגען, וועלכע קענען אויסברעכען. מ'האט פון איהם געפאדערט, דאס ביי די קלענסטע פאלקס-פערזאמלונגען „זאל גלייך

און זַהן רחמנות" אָנגעווענדעט ווערען דאָס געוועהר פֿון דער שטאָדט־מיליציע.

## .XVIII

דעם 4־טען יאַנואַר אין דער פֿריה, בּיי דער עָרעפֿנונג פֿון דער זיצונג אין דער אונטערסטער פּאַלאַטע, האָבּען שוין די דעפּוטאַטען געוואוסט אַלעס, וואָס ס'איז פֿאָרגעקומען אין פּאַלאַץ בּיי נאַכט. ס'איז אויך געווען בּעוואוסט, דאָס דער קעניג האָט בּעשלאָסען צו אַרעסטירען פֿינף מען אַפילו דאַן, ווען דער פּאַרלאַמענט וועט ניט געפֿינען קיין גענינגענדע גרונדען אויפֿצוהויבּען געגען איהם אַ פּראָצעס.

די פּאַלאַטע האָט געשיקט אַנאָנפֿראַגע אין יורידישע קאָלעגיע וועגען די אורזאַכען, צוליעב וועלכע איהרע שילער האָבּען זיך בּעוואָפֿענט און אין שטאָדט־ראַטה אַ ידיעה וועגען דער געפֿאַהר, אין וועלכער דער פּאַרלאַמענט געפֿינט זיך. דערנאָך האָט מען זיך גענומען מיט פֿאָלער רוהיגקייט בּעטראַכטען דעם ענין וועגען פֿינף און זיינע חברים. איינע נאָך דער אַנדערער האָט מען אויסגעהערט די אויספֿיהרליכע רעדעס פֿון די פֿינף בּעשולדיגטע, און די בּעשולדיגונג איז אַנערקענט געוואָרען ניט נאָר פֿאַר אונבּעגרינדעט, נאָר אויך פֿאַר דורכאויס אונזיסענהאַפֿט. כאָטש די בּעשולדיגונג איז אַריינגעטראָגען געוואָרען אים נאָמען פֿון קעניג, האָט דאָך די פּאַלאַטע בּעשלאָסען צוזאַמען מיט די לאָרדען אויסצוגעפֿינען מיטלען, ווי אַזוי איבּערצוגעבּען צום משפּט די שולדיגע „פֿון דעם דאָזיגען סקאַנדאַליעזען פּאַפּירל". נאָכדעם האָט מען די זיצונג אָבּגעלעגט אויף אַ שעה צייט. ווען זי האָט זיך ווידער עָרעפֿענט, איז פֿאַרשאָפּעטערהייט אַריינגעלאָפֿען איינער אַנאָפּיציר *) און, אַרויסרופֿענדיג אַ בּעקאַנטען דעפּוטאַט, האָט ער איהם מיטגעטיילט בּסוד, דאָס דער קעניג געהט צום פּאַרלאַמענט אין דער בּעגלייטונג פֿון חיל. גלייך האָט מען נעגעבּען צו וויסען וועגען דעם דעם פּרעזידענט פֿון דער פּאַלאַטע, און ער האָט דאָס מיטגעטיילט דעם פּאַרלאַמענט. די פֿערזאַמלונג האָט בּעשלאָסען, דאָס די פֿינף דעפּוטאַטען, וועלכע שטעהען אין געפֿאַהר, דאַרפֿען גלייך אַנטלויפֿען אין אַ זיכערען אָרט. איינער פֿון די פֿינף, סטראָד, האָט אויף קיין אופֿן ניט געוואָלט פֿערלאָזען זיין דעפּוטאַטען־

*) לויט איינינע ידיעות איז דאָס געווען אַנ'ענגלישער אָפֿיציער, וועלכער האָט מיטגעפֿיהלט מיט דער בּעפֿרייאונגס־בּעוועגונג, לויט די אַנדערע איז דאָס געווען אַ שליח פֿון דער פֿראַנצויזישער געזאַנדשאַפֿט.

אָרט. דאַן האָבען דיינע נאָהענסטע שכנים איהם מיט געוואַלט אַרויסגעשלעפּט אין אַ זייטיגע טהיר און פון דאָרטען צו דעם שיפעל, וואָס האָט אַוועקגעפיהרט אַלע פינף אין סיטי, אין צענטער שטאָדט, וואו ס'איז געווען קאָנצענטרירט די גאַנצע רעוואָלוציאָנערע בעפעלקערונג פון לאָנדאָן און די שטאָדט־מיליציע.

אין דער זעלבער צייט, ווען דאָס שיפעל האָט געפיהרט איבער טעמזע די דעפּוטאַטען, איז אין פּאַרלאַמענט ערשינען דער קעניג. אין זאַל איז ער אַריין אין דער בעגלייטונג פון זיין פלימעניק, נאָר דורך די אָפּגעבליבענע טהירען האָבען די דעפּוטאַטען געקענט זעהן די מיליטער־אַבטיילונג, וועלכע איז געבליבען שטעהן נעבען פּאַרלאַמענט און איז בעשטאַנען פון 200 זעלנער מיט בלויזע שווערדען און פּיסטאָלעטען הינטערן גורט.

די דעפּוטאַטען, וועלכע האָבען אַלס בעגריסונג אַראָבגענומען די הימלען און זענען אויפגעשטאַנען פון זייערע ערטער, האָט דער קעניג געענטפערט מיט אַ לייכטען נייג מיט'ן קאָפּ און אַרומקוקענדיג זיך אויף דעם אָרט, וואו ס'האָט געדאַרפט זיצען פּים, איז ער מיט שנעלע טריט אַרויף אויף דער עסטראַדע, ענטשולדיגענדיג זיך פאַר דעם פּאַרלאַמענט, האָט ער פאַרנומען זיין אָרט. דאָ איז ער אַ קורצע צייט געבליבען אין אונענטשלאָסענהייט און דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו די דעפּוטאַטען: „דזשענטעלמענס! איך בעדויער זעהר וועגען דער סבה, וועלכע האָט מיך געבראַכט אַהער. געצוואונגען דורך זעהר ערנסטע אורזאַכען, האָב איך נעכטען געשיקט אַהער מיינעם אַ אָפיציר כדי צו אַרעסטירען איינינע דעפּוטאַטען פאַר מלוכה־פערראַט. איך האָב ערוואַרטעט, דאָס די פּאַלאַטע וועט ענטפערען מיט געהאָרכזאַמקייט און ניט שיקען אַן ענטפער דורך אַ דעפּוטאַציע. איצט ערקלער איך דירעקט: כאָטש אין ענגלאַנד איז נאָך ניט געווען קיין קעניג, וועלכער איז מעהר פאַר מיר בעזאָרגט געוועזען וועגען די בעשיצונג פון אייערע פּריווילעגיעס, נאָר זאָל אייך זיין בעוואוסט, דאָס ביי אַ מלוכה־פערראַטה וועלען קיינע פּריווילעגיעס קיין בעדייטונג ניט האָבען. איך בין געקומען אַהער, אום צו זעהן, צי איז דאָ פאַראַן ווער ניט איז פון די בעשולדיגטע". איינינע צייט האָט דער קעניג שווייגענדיג זיך אַרומבעקוקט אין אַלע זייטען און דערנאָך האָט ער גערעדט ווייטער: „דאָך זעה איך קיינעם ניט פון זיי, כאָטש זייערע פּנימ'ער זענען מיר בכלל זיך זעהר גוט בעקאַנט. איך מוז אייך, דזשענטעלמענס, נאָך אַ מאָל זאָגען: כל זמן דאָ זיצען די דאָזיגע העררען, וועלכע זענען בעשולדיגט ניט אין אַ וואָסער ניט איז אונוויכטיגען פערברעכען, קען איך ניט ערוואַרטען, דאָס די פּאַלאַטע

וועט געהן אויף דעם וועג, אויף וועלכען די דארף געהן און אויף וועלכען איך וואלט איהר פון טיעפסטער זעעלע געוואלט זעהען. דעריבער בין איך געקומען אייך זאגען, דאס איך וועל די דאזיגע מענשען געפינען, וואו ס'זאל מיר ניט אויסקומען זיי צו זוכען.... איז דא מיסטער פים??!"... א טוידטע שטילקייט איז געוועזען דער ענטפער אויף די דאזיגע פראגע, ווי אויך אויף די פראגע וועגען גאללעס און די אנדערע. דאן האט זיך דער קעניג געווענדט וועגען אנערקלערונג צום פרעזידענט. נאר דעם ארט פון פארזיצענדען האט איצט פערנומען ניט דער אונטערטהעניגער — פינטש. דער נייער פרעזידענט האט איינגעבויגען, ווי ס'האט געפאדערט דער עטיקעט, דאס קני, און האט מיט עהרפורכט, נאר פעסט געענטפערט:

„אייער מאיעסטעט, דא האב איך ניט קיין אויגען צו זעהען, קיין צונג צום רעדען וואס ניט איז אויף וואס מיר האט ניט אנגעוויזען די הויכע פאלאטע, ביי וועלכער איך שטעה אין דיענסט! איך בעט אייער מאיעסטעט וועגען פערציידונג, נאר קיין אנדער ענטפער קען איך אייך ניט געבען". — „גוט", האט געריצט געענטפערט דער קעניג: „איך האף, דאס מיינע אויגען זענען ניט ערגער, ווי ביי אנדערע... איך זעה, דאס מיינע פויגעלעך זענען ארויסגעפלויגען. איך ווארט, דאס איהר וועט מיר זיי צושיקען, גלייך ווי זיי וועלען קומען צופליהען צוריק". צום שלוס האט דער קעניג נאך אמאל איבערגע־חזר'ט דאס ער וויל ניט קיין „געוואלד־טהאט, נאר גערעכטיגקייט" און דאס „ער וועט אליין קענען אויסגעפינען די שולדיגע".

דער קעניג האט פערלאזען די פאלאטע ביי איינשטימיגע אויס־געשרייען פון אלע דעפוטאטען: „פארלאמענטס־פריווילעגיעס"! מיט די זעלבע געשרייען האט איהם בעגעגענט ביים ארויסגאנג דער המון, וועלכער האט זיך צוזאמענגעקליבען ארום פארלאמענט; דער זעלבער געשריי האט איהם בעגלייט אויף אלע גאסען. אין איינגע ערטער האט מען אין די קעניגליכע קארעטע געווארפען פראקלאמאציעס מיט דער פאדערונג פון פרייהייט און פריווילעגיעס פאר דעם פארלאמענט. אויף איינעם פון די פלעצער האט דער קעניג זיך געווענדעט צום פאלק מיט א רעדע, אין וועלכער ער האט אנגעוויזען אויף דעם אונטערשיעד צווישען אמת'ע מיטגליעדער פון פארלאמענט און מלוכה־פעררעטער. ער וויל אליין בעשיצען די פריווילעגיעס פון פארלאמענט, אבער ער קען דאך ניט דערלאזען, אז פעררעטער זאלען בלייבען אונבעשטראפט. אבער אויך די דאזיגע רעדע פון קעניג האט געהאט ניט מעהר ערפאלג, ווי זיין רעדע אין דער אונטערסטער פאלאטע. פראטעסטירענדע געשרייען האבען בעגלייט דעם קעניג ביזן פאלאץ.

בענוצען זיך מיט געוועהר ביי אזא שטימונג פון פאלק האט דער קעניג ניט געוואגט. ער האט זיך בענוגענט מיט אן אויפרוף, אין וועלכען ער ערקלערט אלס פעררעטער די פינף דעפוטאטען און אין וועלכען ער רופט זיינע טרייע אונטערטאנען צו כאפען אדער אנצוווייזען דעם ארט, וואו די „פערברעכער" געפינען זיך. די טרייע אונטערטאנען, אבער, האבען דעם קעניגס וואונש ניט ערפילט, כאטש אנווייזען דעם ארט, וואו ס'געפינען זיך די פערברעכער, איז געוועזען זעהר ניט שווער. דער ארט איז אגב אויך דעם קעניג גופא בעוואוסט געוועזען גאנץ גוט: פים און זיינע חברים זענען געוועזען אין סיטי, אבער ניט אין דער ראליע פון פערברעכער, וואס בעהאלטען זיך, נאר אלס פאקטישע מיטגלידער פון דער צייטווייליגער רעגירונג. פארגעקומען איז דאס אזוי: נאך דעם ווי דער קעניג האט ארויסגעגעבען זיין אויפרוף, האט דער פארלאמענט בעשלאסען אונטערצוברעכען זיינע זיצונגען, האט אויסגעקליבען א געמישטע קאמיסיע פון ביידע פאלאטעס און די דאזיגע קאמיסיע איבערגעגעבען אויסער־ארדענטליכע פאלמאכט. איהרע זיצונגען האט די דאזיגע קאמיסיע געמוזט אבהאלטען אין סיטי, וואו זי איז געווען אין פולער זיכערהייט, ווייל די גאנצע בעפעלקערונג און די שטאדט־מיליציע זענען גרייט געוועזען זי צו בעשיצען ביז דעם לעצטען טראפען בלוט. און אט אין דער דאזיגער קאמיסיע האבען מיט די רעכטען אלס מיטגלידער פון דער אונטערסטער פאלאטע געשפילט די אנפיהרענדע ראליע פים און זיינע פיער חברים.

די אויסערארדענטליכע קאמיסיע האט צוזאמען מיט דעם שטאדט־ראטה געשיקט צום קעניג א דעפוטאציע מיט א פראטעסט געגען דער „סקאנדאליעזער און געגענגעזעצליכער פראקלאמאציע", וואס איז ארויסגעגעבען געווארען אין זיין נאמען. אויסער דעם האט די דעפוטאציע געפאדערט ס'זאל בעשטימט ווערען א געריכטליכע אונטערזוכונג געגען לארד דיגבי און דעם קאמענדאנט פון טאוער, וועלכע מ'האט בעשולדיגט אין דעם, דאס זיי האבען פארבערייט א בעוואפענטען אנפאל אויף די פארלאמענטס־קאמיסיע.

אייניגע פון דעם קעניגס בעלי־עצות האבען איהם געראטהען צו ארעסטירען די „חוצפה'דיגע" דעפוטאציע. נאר דאס איז געוועזען צו ריזיקאליש. דער קעניג איז גאר ניט געוועזען זיכער אין דעם, דאס די „רונד־קעפיגע" וועלען ניט צושמעטערען זיין קלאגעדיגע גווארדיע. די מיליטער־קרעפטען, וועלכע זענען געוועזען אין רשות פון סיטי, זענען צו דער צייט ווירקליך געוועזען גאנץ בעדייטענד. אלס הויפט־פיהרער פון דער גוט בעוואפענטער און דיסציפלינירטער שטאדט־

מיליציע, האט מען אהן דער ידיעה פון קעניג בעשטימט דעם גענעראל סקאיפאן, וועלכער האט זיך פון אנ'איינפאכען סאלדאט דערדיענט ביז א גענעראל, — א מאן מיט א זעהר ענטשיעדענעם כאראקטער און א פוריטאנישער פאנאטיקער.

אויסער דער מיליציע האט דער שטאדט-ראטה, וועלכער האט פריוויליג זיך אונטערארדענט אין אלץ דער פארלאמענטס-קאמיסיע, געהאט אין זיין רשות אויך בעוואפענטע קאמפפס-גרופען פון שטאדטיגע ארבייטער און אויסענשטאדטיגע פויערים, וועלכע זענען געקומען, כדי צו העלפען זייערע דעפוטאטען. פון בוקינגעמשיר, וועלכער האט געשיקט אלס דעפוטאט גאמפדען, איז אנגעקומען אגב א גרויסע גוט ארגאניזירטע און בעוואפענטע מחנה ארענדאטארען און יונגע פויערים. אויסער דעם זענען אויך געוועזען מאטראסען, וואס זענען גרייט געוועזען אויפ'ן ערסטען רוף צו געהן שלאגען די „קאוואלערען".

דער קעניג איז אזוי געוועזען אנגעשראקען פון דער דאזיגער מאסע בעוואפענטע אין איהם פיינדליכע מענשען, דאס ער האט ניט נאר ניט ענטשלאסען זיך אויף אנ'אנפאל, נאר ער האט זיך אנגעהויבען צו רעכענען ניט זיכער אויך אין זיין בעפעסטיגטען פאלאץ. דעם 10-טען יאנואר איז קארל דער 1-טער אין דער בעגלייטונג פון זיין גאנצער סוויטע אבגעפאהרען קיין גאמפטאנ-קורט, און פון דארטען האט ער אין אייניגע טעג ארום אריבערגעוואנדערט קיין ווינדזאר.

אויף מארגען נאך דעם, ווי דער קעניג איז אבגעפאהרען, האבען זיך ווידער געעפענט די זיצונגען פון פארלאמענט. פאר דער ערעפנונג פון פארלאמענט איז פארגעקומען די פייערליכע צוריקקעהרונג פון די פינף דעפוטאטען, וועלכע זענען פונקט מיט א וואך פריהער געצוואונגען געוועזען ענטלויפען זיך רעטען פון דעם קעניגס געוואלד-טהאטען.

אויף ביידע ברעגען פון דער טעמזע איז געגאנגען פארביי דעם יום-טוב'דיג אויסגעפוצטען המון אין צוויי רייהען די שטאדט-מיליציע אין פאלער בעוואפנונג: צו זייערע היטלען און פיקעס איז געוועזען צוגעבונדען די פראקלאמאציע פון פארלאמענט, אין וועלכער ס'ווערט געפאדערט פאליטישע און רעליגיעזע פרייהייט. איבער'ן טייך האט זיך געצויגען א גאנצער פלאט פון שיפען און שיפלעך. אויף אייניגע זענען געוועזען הארמאטען, ביי וועלכע ס'זענען געשטאנען קאנאנירען מיט אנגעצינדענע קנייטען. אין מיטען פון דעם דאזיגען פלאט האט געשוואומען אנ'אויסגעפוצטער און מיט פלאגען שעהן

צוגעקליבענער שיפֿעל, אויף וועלכען ס'זענען געזעסען פּים מיט זיינע חברים. ווי דאָס דאָזיגע שיפֿעל האָט זיך בעוויזען, האָט מען איהם בעגעגענט מיט סאַליוטען פֿון האַרמאַטען און די דאָזיגע סאַליוטען פֿון האַרמאַטען, צוזאַמענגעמישט מיט די בעגייסטערטע אויסגעשרייען פֿון דעם המון, האָבען ניט אויפֿגעהערט ביז די דעפּוטאַטען זענען אָנגעקומען אין פּאַרלאַמענט. דאָ האָבען אַלע דעפּוטאַטען מיט דעם פּאָרזיצענדען בראש בעגעגענט זיי שטעהענדיגערהייט. נאָך די ערשטע בעגריסונגען, זענען איינגעלאַדען געוואָרען אין זאַל די פֿאָרשטעהער פֿון שטאָדט־ראַטה, די קאַפּיטאַנען פֿון די שיפֿען, וואָס האָבען אַנטהייל גענומען אין דער פּראָצעסיע, און דער גענעראַל סקאַיפּאָן. אים נאָמען פֿון דער פּאַלאַטע האָט דער פּרעזידענט אויסגעדריקט זיי און אַלע לאָנדאָנער בירגער אַ הייסע דאַנקבאַרקייט פֿאַר די גאַסטפֿריינדליכקייט, וואָס זיי האָבען בעוויזען די דעפּוטאַטען און פֿאַר די שטיצע דעם פּאַרלאַמענט אין זיין קאַמפּף פֿאַר דאָס אַלגעמיינע גליק.

* *

*

צוזאַמען מיט דעם אָבפֿאָהרען פֿון קעניג ענדיגט זיך אייגענטליך אויך זיין הערשאַפֿט. אין ענגלאַנד האָבען זיך געבילדעט צוויי רעגירונגען: דער פּאַרלאַמענט, וועלכער האָט געהאַט אויף זיין צד דאָס גאַנצע פֿאָלק, און דער קעניג, וועלכער האָט געהאַט אויף זיין צד די הויף־קאַמאַריליע און די שלעכט־דיסציפּלינירטע און אונבעדייטענדע אַרמעע.

די ערשטע צייט האָט דער קעניג נאָך רעגירט פֿאָרמעל: די געזעצען און פֿעראָרדנונגען פֿון פּאַרלאַמענט פֿלעגען נאָך אַרויסגעגעבען ווערען כלומרשט אין זיין נאָמען לויט דער פֿאָרמעל „דער ווילען פֿון קעניג, אויסגעדריקט דורך ביידע פּאַלאַטעס". נאָר די האַרטנעקיגע שטרעבונג פֿון קעניג דורך געוואַלט צוריק אויפֿצושטעלען זיין מאַכט אין איהר פֿריהערדיגער גרויס, האָט געצוואונגען דעם פּאַרלאַמענט צו ערקלערען דעם קעניג, אַלס אַראָבגעזעצט פֿון זיין טהראָן. פֿיעל בלוט איז פֿערגאָסען געוואָרען בעת דער בירגערליכער מלחמה, וואָס האָט זיך פֿאַנאַנדערגעברענט, פֿיעל קרבנות זענען געפֿאַלען פֿון ביידע צדדים, אָבער דער קאַמפּף האָט זיך געענדיגט נאָר מיט דעם נצחון פֿון דעם נייעם איבער דעם אַלטען. די קרעפֿטען זענען געווען לויט זייער גרויס נאָך צופֿיעל פֿערשיעדען און דער קעניג האָט נאָר אין דעריין געזעהען די אורזאַכע פֿון זיינע מפּלות אין דעם קאַמפּף מיט דער אַרמעע פֿון די „רונד-

קעפּינג". ער האָט ניט פֿערשטאַנען, דאָס אַ פֿאָלקס-רעוואָלוציאָן קען מען ניט בעזיעגען מיט קיין מיליטערישער מאַכט, און ער האָט זיך בעשלאָסען איינצונעהמען זיין אייגענעם פֿאָלק מיט דער הילף פֿון פֿרעמדען היל. ער האָט זיך געווענדעט נאָך מיליטערישע הילף צו פֿראַנקרייך און האָלאַנד. ער האָט די דאָזיגע הילף ניט בעקומען, נאָר אויב ער וואָלט איהר יע בעקומען, וואָלט דער קאַמפּף געקענט מעהר ניט ווי פֿערציהען זיך, נאָר דער רעזולטאַט איז שוין פֿאָר-אויס געווען בעשטימט פֿון דער היסטאָריע: דער אַלטער רעזשים האָט געמוזט פֿאַלען.

דאָס ווענדען זיך צו פֿרעמדע קיסרים האָט ענטשיידען דעם שיקזאַל פֿון דעם קעניג נפֿש. ווען די „רונד-קעפּינגע" האָבען איהם געכומען געפֿאַנגען, האָט מען איהם איבערגעגעבען צום משפּט, בעשולדיגענדיג איהם אין מלוכה-פֿערראַטה. די געריכטס-קאָמיסיע, וואָס איז בעשטאַנען פֿון 135 מאַן בראש מיט דעם געלעהרטען יוריסט ברעדשאַאו האָט אַנערקענט, דאָס קאַרל סטיואַרט איז שולדיג און פֿערדיענט טויט-שטראָף.

נאָך דעם פּסק-דין האָט מען דעם קעניג אַריבערגעפֿיהרט אין זיין בעוועגענעם לאָנדאָנער שלאָס ווייטעגאָל, — אין דעם זעלבען שלאָס, פֿון וואַנען ס'פֿלעגען אַראָבקומען אַלע אַכזריות'דיגע פֿער-אָרדנונגען, וואו ס'פֿלעגען אויסגעאַרבייט ווערען אַלע מיטלען כּדי צו פֿערשקלאַפֿען דאָס פֿאָלק, וואו ס'פֿלעגען זיך אָרגאַניזירען אַלע פֿערשווערונגען געגען דעם פּאַרלאַמענט און דעם פֿאָלק.

אויף דעם פּלאַץ נעבען דעם דאָזיגען שלאָס, אין דער אָנ-וועזענהייט פֿון אַ פֿיעל-טויזענדיגען המון, צווישען וועלכען ס'האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט, האָט דער תּלין דעם 30-טען יאַ-נואַר 1649 יאָהר אַראָבגעהאַקט דעם קעניג דעם קאָפּ. און ווייזענדיג איהם דעם שווייגענדען המון, לויט אויפֿ'ן קול אויסגעשריען: „אָט איז דער קאָפּ פֿון דעם פֿערראַטהער".

דער המון איז זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען ביי דער זעלבער שטיל-קייט, וועלכע האָט געהערשט ביי דער הינריכטונג.

אין ענגלאַנד איז פּראָקלאַמירט געוואָרען אַ רעפּובליק.

# די רעזולטאטען פֿון דער רעוואלוציע

כל זמן ס'דאָט זיך געפֿירט דער קאַמפּף געגען דעם קעניג און דער בישאָפֿליכער קירכע, האָט קיין זאַך ניט געשטערט דער איינהייט פֿון דער אָפּאָזיציע. קיינער איז ניט אַרויסגעטראָטען געגען די איבערמאַכט פֿון די „אונאַבהענגיגע“. די פֿיינדשאַפֿט צו דעם אַלטען רעזשים האָט געדיענט אַלס אַ פֿעסטע צוזאַמענליימונג צווישען דער בורזשואַזיע, וועלכע האָט אויסער דער פּאָליטישער פֿרייהייט קיין זאַך ניט פֿערלאַנגט און די קאָמוניסטען און „לעוועלערען“, וועלכע האָבען געפֿאָדערט אַ ראַדיקאַלע איבערבויאונג פֿון אַלע סאָציאַל־עקאָנאָמישע בעציהונגען. די „לעוועלערען“ האָבען בעצם געמאַכט מעהר ניט אַ שטרענג לאָגישען שלוס פֿון יענער לעהרע וועגען „נאַטירליכען רעכט“ און „געזעלשאַפֿטליכען אָבמאַך“, וועלכע מילטאָן און די אַנדערע „אונאַבהענגיגע“ האָבען בעשאַפֿען און בעגרינדעט. כל זמן מ'האָט ניט געדאַרפֿט „טיילען די ירושה“, ווי מען זאָגט, האָבען די מיינונגס־פֿערשיעדענהייטען צווישען די לעהרער און די תלמידים זיך ניט אַרויסגעוויזען. נאָר שוין די ערשטע ענטשיידענע נצחונות האָבען בעוויזען, וואָס פֿאַר פֿערשיעדענאַרטיגע עלעמענטען ס'האָבען געקעמפּפֿט אונטער דער פֿאָהן פֿון „אונאַבהענגיגקייט“ (אינדעפּענדענטיזם).

שוין דער אַרעסט פֿון קעניג האָט אַרויסגערופֿען אַ צושפּאַלטונג אין דער פּאַרלאַמענטאַרישער אָפּאָזיציע. די „דזשענטרי“ — די מיטעלע ערד־איינענטהימער — האָבען זיך געשראָקען פֿאַר די אָבשאַפֿונג פֿון דער קעניגליכער מאַכט; זיי האָבען מורא געהאַט, דאָס די אָבשאַפֿונג פֿון דעם דאָזיגען „היילינגען יסוד“ פֿון געזעלשאַפֿטליכען לעבען וועט דיענען אַלס אַ סיגנאַל צו דער אומשטירצונג פֿון די אַנדערע „היילינגע יסודות“, וואָס זענען פֿאַר זיי פֿיעל טייערער און ליעבער — בעזאָנדערס פֿון דעם פּריוואַט־איינענטהום.

זיי זענען דערי בער געווען ניט נאָר געגען דער אָבשאַפֿונג פֿון דער קעניגליכער מאַכט, נאָר אויך געגען דער הינריכטונג פֿון קאַרל דעם 1־טען, אַפּילו אויך געגען דעם, מ'זאָל איהם אַראָבוואַרפֿען פֿון טהראָן. זומער 1647 האָט זיך אין דער אונטערסטער

פאלאטע געגרינדעט א גרופע פון די געוועזענע אנהענגער פון דער געוועזענער בישאפלישער קירכע און טיילווייז פון די, וואס זענען דא גאר ניט לאנג געווען „אונאבהענגיגע“. די דאזיגע גרופע האט געוואלט ס'זאל געשלאסען ווערען פריעדען צווישען דעם קעניג און דעם פארלאמענט. געגען דיזע „פשרה-מאכער“ האט קראמוועל וועהר גוט אויסגענוצט דעם פאנאטיזם פון דער ארמעע, צווישען וועלכער די לעוועלערישע ריכטונגען זענען צו דער צייט געווען וועהר שטארק פערשפרייט. אונטער דעם דרוק פון דער ארמעע, וועלכע קראמוועל האט אריינגעפיהרט אין לאנדאן, האט די אונטערסטע פאלאטע אויסגעשלאסען 11 פון איהרע דעפוטאטען, וועלכע מ'האט בעשולדיגט, אז זיי האבען ארגאניזירט א פערשווערונג מיט דעם צוועק צו רעטען דעם קעניג. צי אזא פערשווערונג האט ווירקליך עקזיסטירט, צי ניט — דאס האט די געשיכטע ניט בעשטעטיגט. נאר די אויסשליסונג פון די דעפוטאטען האט ארויסגערופען אין לאנדאן א מרידה, וועלכע איז דערשטיקט געווארען דורך געוואלט. ס'קען זיין, אז די גאנצע מעשה האט קראמוועל גופא אויפגעטהאן, ווייל דאס איז געווען א מענש, וואס האט זיך איבערהויפט ניט אבגעהאלטען פאר קיינע מיטלען, ווען ס'איז איהם נויטיג געווען פטור צו ווערען פון פאליטישע אדער פערזענליכע געגנער. יעדענפאלס, דאס איז קיין ספק ניט, אז אונטערשטיצענדיג די קלאגען ווענען די אינטריגעס פון די קעניגליכע אנהענגער, האט ער געמיינט אבצואווענדען די אויפמערקזאמקייט פון דער ארמעע פון סאציאלע פראגען. און ס'האט זיך איהם ווירקליך איינגעגעבען די גאנצע צייט, ביז דער הינריכטונג פון דעם קעניג, צו קאנצענטרירען די אויפמערקזאמקייט פון דער ארמעע נאר אויף פאליטישע פראגען. אמת, אויך אין די פאליטישע פאדערונגען איז די לעוועלערישע ארמעע געגאנגען פיעל ווייטער, ווי קראמוועל און די לעוועלערען פון פארלאמענט. נאר אויף דערויף האט קראמוועל ביז א צייט געשוויגען, ווייל טאקי נאר צוליעב דעם ראדיקאליזם פון דער ארמעע האט זיך איהם איינגעגעבען פאלקאם צו בעזיגען און צו טעראריזירען די אנהענגער פון דער דינאסטיע און די אונענטשלאסענע עלעמענטען פון די רעפובליקאנער. אזוי, ווען דער קעניג האט נאך געלעבט, איז אלס ענטפער אויף די שטרעבונגען פון די פשרה-מאכער אנגעקומען אין פארלאמענט (אין נאוועמבער 1647) א פעטיציע, אין וועלכער ס'ווערט פאלקאם קאנזעקווענט דורכגעפיהרט די פאליטישע פראגראמע פון די לעוועלערען. „אזוי ווי יעדע מאכט — ווערט געזאגט אין דער פעטיציע — שטאמט לויט איהר הערקונפט

און לויט איהר עצם פון דעם גאנצען פאלק, קען דיענען אלס איינציגער גרונד פאר א געזעצליכע רעגירונג — נאר די איינשטימונג צווישען זיך פון פריי אויסגעוועהלטע פאלקס-פארשטעהער; די אויפגאבע פון דער רעגירונג קען זיין נאר דאס גליק פון גאנצען פאלק". אזא פארמולירונג פון דער פאליטישער פראגע האט געהאלפען קראמוועלען צו בעזיגען די מעסיגע גרופען פון פארלאמענט, דערנאך פאנאנדערטרייבען דעם פארלאמענט און אוועקשטעלען אויף זיין ארט דעם נאציאנאלען קאנוועט. דער לעצטער איז ערקלערט געווארען אלס די העכסטע געזעצגעבענדע מאכט פון ענגלאנד. אלע בירגער, וואס האבען דערגרייכט דעם עלטער פון 17 יאהר, זענען פערפליכטעט צו שווערען דער נייער רעגירונג, וועלכע רעגירט אהן א קעניג און אהן דער אויבערסטער פאלאטע". די אויספיהרענדע מאכט איז איבערגעגעבען געווארען דעם „סאווערענעם ראטה" פון 42 מיטגליעדער (איינער פון די סעקרעטארען איז געוועזען מילטאן). ס'איז געגרינדעט געווארען א העכסטער געריכט, וועלכער האט נאך זיין עצם נאך פערנומען דעם ארט פון דער פריהערדיגער שטערן-פאלאטע און וועלכער האט מיט דעם זעלבען פלייס געזעהען אויסצוראטען ווי די מאנארכיסטען, אזוי אויך די קאמוניסטען.

* *

*

אבער די פערפאלגונגען געגען די קאמוניסטען האבען זיך אנגעהויבען ניט מיט א מאל. ווען ס'איז אנגעקומען אין פארלאמענט אין גיכען נאך קארל דעם 1-טענס הינריכטונג א נייע פעטיציע פון דער ארמעע, האט זיך קראמוועל אמת ארויסגעזאגט געגען איהר, אבער נאר ניט מיט דער זעלבער ליידענשאפטליכער פיינדשאפט, ווי ער האט ארויסגעוויזען צו די לעוועלערען מיט איניגע חדשים שפעטער. ביי דער פארלעזונג פון דער פעטיציע, האט קראמוועל געזוכען מעהר ניט צו דערווייזען די אונמעגליכקייט צו פערווירקליכען איהרע פאדערונגען. „אזעלכע רעפארמען — האט ער געזאגט — קענען דורכגעפיהרט ווערען נאר מיט דעם הסכם פון דעם גאנצען פאלק. און אזוי ווי ניט אלע זענען איינמיטיג, וואלט דעם פארלאמענט אויסגעקומען צו בעגעגענען זיך ביי דער דורכפיהרונג פון אזעלכע רעפארמען מיט זעהר הויכע אונדורכגענגליכע בערג".

די לעוועלערישע בעוועגונג אבער האט זיך פערשפרייט ניט נאר צווישען דער ארמעע. די לעוועלערען האבען געהאט אנהענגער צווישען דער שטאדטישער בעפעלקערונג (הויפטזעכליך צווישען די

אַרבײטער פֿון די מאַנופֿאַקטורען) און טײלװײַז אױך צװישען די פּױערים. שטיצענדיג זיך אױף דער אַגראַר־רעפֿאָרם, װערט זי אָפֿט אַ פּױערים־טעאָריע, װאָס איז פֿערבונדען מיט דער רעליגיעזער בעװעגונג און װאָלט געדאַרפֿט האָבען צװישען די פּױערים אַ גרױסען ערפֿאָלג, בעזאָנדערס אין די רעװאָלוציאָנערע צײַטען. נאָר די צעשפּרײטקײט פֿון דער פּױערים־בעפֿעלקערונג האָט שװער געמאַכט די פּראָפּאַגאַנדע פֿון דער לעװעלערישער לעהרע צװישען די ברײטע שיכטען פֿון די פּױערים. און דעריבער זעהען מיר, דאָס די דאָזיגע לעהרע האָט זיך פֿערשפּרײט אַם מײַסטען צװישען דער אַרמעע, װעלכע איז קאָנצענטרירט אין גרױסע מאַסען אױף אײן אָרט און װעלכע האָט דעריבער געשאַפֿען זעהר אַ גינסטיגען באָדען פֿאַר דער פּראָפּאַגאַנדע, אָבער זי איז ניט פֿערשפּרײט געװאָרען צװישען יענע קלאַסען, װעלכע זענען אײגענטליך מעהר פֿון אַלעמען פֿעראינטערעסירט געװען אין דער דורכפֿיהרונג פֿון דער אַגראַר־רעפֿאָרם און אַפֿילו פֿון דער אַגראַר־קאָמוניסטישער מלוכה־איבערקעהרענים, װי דאָס האָבען געװאָלט די „אמתע לעװעלערען“.

דאָרטען אָבער, װאו די לעהרע פֿון די לעװעלערען האָט זיך יע פֿערשפּרײט צװישען די פּױערים, האָט זי געפֿונען פֿאַנאַטישע און אַקטיװע אָנהענגער. אַזױ אין אַפּריל פֿון 1649 יאָהר האָבען די פּױערים פֿון אײניגע ערטער, װאָס זענען געװען נאָהענט צו די גרױסע שטעדט, װאו די פּראָפּאַגאַנדע איז געװען קאָנצענטרירט, גאַנצע דערפֿערװײַז אָנגעהױבען צו פֿערזעהען די פֿ ר ײ ע ע ר ד. די פּריצים, װאָס זענען געװען גוט בעװאָפֿענט און האָבען געקענט זיך בעגעהן מיט געװעהר, האָט זיך אײַנגעגעבען אָהן גרױס מיה מיט דער הילף פֿון געדונגענע סטראַזשניקעס פֿאַנאַנדערצוטרײַבען די פּױערים.

די דאָזיגע פּאַסירונג האָט געדיענט אַלס אַ סיגנאַל פֿאַר די אַטאַקע געגען די לעװעלערען. ק ר אָ מ װ ע ל האָט געהאַלטען אין פּאַרלאַמענט אַ ברענענדיגע רעדע, אין װעלכער ער האָט געזעהען צו בעװײַזען, אַז ס'איז דאָ נאָר אײן מיטעל אונשעדליך צו מאַכען די דאָזיגע געפֿעהרליכע משוגעים — „זײ פֿערניכטען“.

פֿון װאָרט איז דער געװעזענער פֿיהרער פֿון דער רעװאָלוציע איבערגעגאַנגען צו טהאַט.

בענוצענדיג זיך דערמיט, װאָס מ'האָט אַװעקגעשיקט קײן אירלאַנד אַ בעדײַטענדען טײל פֿון דער לעװעלערישער אַרמעע און אידער אָרט האָבען פֿערנומען נײַע זעלנער, װאָס זענען פֿרעמד געװען דער לעהרע פֿון די לעװעלערען, האָט ק ר אָ מ װ ע ל דורכגעפֿיהרט (אין

מאי 1649 יאהר) אנגעזעץ, וועלכער פערוועהרט דער ארמעע צו פערנעהמען זיך מיט פאליטיק. דעם בונט פון די לעוועלערען, וואס זענען איבערגעבליבען אין דער ארמעע, האט מען דערשטיקט דורך געוואלט. „די הויפט-פיהרער“ ווי אויך די אנפיהרער פון די פויערים, וואס האבען געפרובט ארייננכאפען די פרייע ערד, זענען איבערגעגעבען געווארען צום געריכט און פערארורטיילט. די בעוועגונג האט זיך אין גיכען אין גאנצען אבגעשטעלט.

אט אויף אזא אופן האבען די אונאבהענגיגע געלעזט די פראגע וועגען זייערע בונדעס-חברים אי פון רעכטס אי פון לינקס גלייך, ווי זענען געווארען די רעגירענדע פארטיי.

די וויכטיגע רעוואלוציע האבען זיי פערווארפען דעריבער, ווייל זי וואלט געפיהרט צו דער אומשטורצונג פון דעם היילינען איינענטהומס-רעכט און צום קאמוניזם. ס'איז אויסגעקומען צו זוכען בונדעס-חברים רעכטס.

שוין קראמוועל האט אין דער פריהערדערמאנטער רעדע געגען די לעוועלערען אזוי געזאגט: „די עקזיסטענץ פון דעם העכערען אדעל, פון די דזשענטרי, פון די פויערים און די האנדווערקער, ענטשפרעכט דער גערעכטיגקייט און איז פאלקאם אין די אינטערעסען פון דער גאנצער נאציאן. און צו דען דיענט ניט די דאזיגע נאטירליכע פאנאנדערטיילונג פון דער נאציאן אלס געגענשטאנד פון שטענדיגען שפאט און פעראכטונג פאר די לעוועלערען? צו דען געהען די לעוועלערען ניט ארויס פון דעם פרינציפ, דאס אלע דארפען אויסגעגלייכט ווערען און שטעהן אויף די זעלבע שטופע? צו דען ווילען זיי ניט אוועקשטעלען דעם ארענדאטאר אין די זעלבע לאגע, ווי דעם לענדלארד? אויב די דאזיגע הערדן וואלט זיך איינגעגעבען צו פערווירקליכען זייערע פלענער, וואלטען זיי אין גיכען אנגעהויבען צווישען זיך א קאמפף צוליעב דעם איינענטהום און זיי וואלטען אליין אויך פאנאנדערטיילען זיך אויף די זעלבע שטאנדען“.

קראמוועל איז נאך געבליבען א רעפובליקאנער. נאך זיין טויט האט די זיגרייכע בורזשואזיע זיך אבגעזאגט אויך פון רעפובליקאניזם, איז געגאנגען אויף פשרות מיט דער אריסטאקראטיע און דער קעניגליכער מאכט — מיט קארל דעם 1-טענס זוהן. די סטיוארטען זענען ווידער הערגעשטעלט געווארען. ס'איז וויעדער הערגעשטעלט געווארען אויך די אלטע רעגירונגס-ארדנונג מיט דעם אונטערשייד נאר, וואס דאס רייכטהומס-רעכט איז אויסגעגלייכט געווארען מיט דעם געבורטס-רעכט: די רייכע בורזשואזיע איז גע-

האָרען אויף אַזאַ פּריווילעגירטער קלאַס, ווי די געבאָרענע אַריסטאָקראַטיע. די איבריגע בעפעלקערונג איז געבליבען ביי איהרע אַלטע רעכטען — אַרבייטען אָהן אַנאויפהער און הונגערן ביז די לעצטע כחות.

נאָר דער נצחון פון דעם אייגענטהום איבער די געבורטס-פּריווילעגיעס האָט געעפענט אויך פאַר די אַרבייטענדע קלאַסען דעם וועג פון קאַמפף פאַר זייערע „נאַטירליכע רעכטען” און די האָפנונג אויף דעם צוקונפטיגען נצחון פון די אַרבייטס-רעכטען סיי איבער די געבורטס-פּריווילעגיעס, סיי איבער די פּריווילעגיעס פון רייכטהום.

# נבֵלָה

א דראמא אין
פיער אקטען פון
פרץ הירשביין.

פערלאג „די וועלט“
ווילנא — 1907.

П. Гиршбейнъ. НВЕЙЛЭ. Драма въ 4 актахъ.

Печатано въ Тип. «Вдова и братья Роммъ» Вильна,
Уголъ Духовскаго и Глухого пер. соб. домъ № 1/

Набрано въ Тип. Баскинда Вильна, Завальная ул. д. Троцкаго

# נבֵלָה

## א דראמא אין פיער אקטען.

אַלֶע רעֶכטעֶן אויפצופיהרעֶן דיזעֶ בילדעֶר אויף דעֶר ביהנעֶ בעֶ=
האלט דעֶר אויטאָר פאר זיך.

## פערזאנען:

אברוש, א געוועזענער פערד-הענדלער 50 יאהר.

בריינע, זיין צווייטע פרוי, 35 יאהר.

רייזעל, בריינע'ס טאכטער, 17 יאהר אלט.

מענדיל נבלה, 22 יאהר
נחמה'ל, 16 יאהר
| אברוש'עס קינדער פון זיין ערשטער פרוי.

שפרינצע, אברוש'עס ערשטע פרוי, 50 יאהר.

גיטעל, 50 יאהר.

בעריל חזיר, א קצב, 23 יאהר.

# דער ערשטער אקט.

## ביי אַברוש'ן אין דירה.

אַ קעלער־וואוינונג פון איין צימער. אַ רונד־געוועלבטער שוואַרצער סופיט. די פענסטער קליין און איינגעבראָכען אין דער וואַנד. ס'איז שווער צו מערקען פון וואַנען עס קומט אַהין אַריין די שיין. ביי־טאָג איז דאָרט אויך האַלב פינסטער. ניט ווייט פון טיהר שטעהט אַ שוואַרצע הרובע. אין ווינקעל שטעהט אַנ'אַלטע הילצערנע בעט. ביי די וועגד איז געמאַכט געוואָרען פון ברעטער טאַפטשאַנעס צום שלאָפען. די טיהר עפענט זיך אין איין פינסטערעס הייזעל, וואו עס שטעהען טרעפ אַרויסצוגעהן אויפ'ן הויף. נעבען די פענסטער שטעהט אַ האַלב־צובראָכענער טיש, נעבען איהם אַ פאָר בענקלאַך. איבער'ן טיש הענגען אַ פאָר אָבגעבראָכענע בילדער אהן ראַמלאַך.

פורים־צייט. נאַכט. דעם קעלער בעלייכט אַ קליין פעררויכערט לעמפעל, וואָס הענגט אויפ'ן וואַנד.

---

אויף איין געלעגער זעהט זיך אַ ב ר ו ש, ער ליגט שכור אין די זאַכען, זיין כראָפען הערט זיך איבער'ן גאַנצען שטוב. ביים טיש זיצט ר י ז ע ל אָנגעשפאַרט דעם קאָפּ אויף די הענד. אַ לאַנגע פויזע.

**ר י י ז ע ל** (אַ מיטעלער וואוקס. דאָס געזיכט מאָגער. די האָר אין אונאָרדענונג. די מלבושים, ווי זיי וואָלטען הענגען אויף איהר. אויף איהרע באָרוועסע פיס—צעריסענע קאַלאָשען. זי הויבט אויף דעם קאָפּ, קוקט זיך אַרום, בעמערקט אַברוש'ן, שפייט אויף איהם מיט עקעל. שפּאַצירט אַ ווײַלע אום איבער'ן צימער. נעמט אַרויס פון קעשענע אַנ'איינגעוויקעלט ברייזו'ל און פרובירט לעזען פאַר'ן לעמפעל).

**אַ ב ר ו ש** (הויבט אויף דעם קאָפּ. ניסט).

**ר י י ז ע ל** (בעהאַלט דעם ברייזו'ל, געהט צום טיש).

**אַ ב ר ו ש** (רעדט מיט אַ הייזעריגען קול). האַ?.. וואָס זאָגסטו?

**ר י י ז ע ל.** קיינער רעדט ניט צו איך: ס'חלומ'ט זיך איהם.

**אַ ב ר ו ש** (קערט זיך איבער צו דער וואַנד). די ערד ט'שוין צוגענומען די מאַמען דיינע?

**ר י י ז ע ל** (שפייט אויף איהם מיט כעס).

**אַ ב ר ו ש.** אין דער מאַמען דיינער זיצט אַ גלגול פון אַ וואַלד־

גזלן ; אין דער מאַמען דיינער... (נאָך אַ קליינער פויזע) וואו איז זי געגאַנגען, דיין מאַמע, וואו ?

רייזעל (ענטפערט איהם ניט. ברומט אַ ניגונ'לע אונטער'ן נאָז)

אַברוש. וואָס ברענסטו אומזיסט אוים די קעראָסינע, וואָס ?

רייזעל. איהר קענט ניט שלאָפען ?

אַברוש. זאָג דיין מאַמען... זאָג דיין... זאָג... (פויזע הערט זיך ווידער אַברוש'ס כראָפען).

בעריל חזיר (אַ געזונדער בחור. געלע האָר. די היטעל אָן אַ זייט. זיין געזיכט איז שטענדיג פריילעך. קומט פאָרזיכטיג אריין) אַ האַ ! די פופע איז אין שטוב ! געוואַרט אויף מיר, האַ ?

רייזעל (ווינקט אויף אַברוש'ען). וועק נאָר ניט אויף דעם טייוועל דאָרטען.

בעריל. ווער איז דאָרט, אַברוש ? (נעמט איהר האַנד, בויגט איבער רייזל'ען, ווי ער וואָלט איהר וועלען אַ קוש געבען).

רייזעל (קערט זיך אָב. רייסט אַרויס איהר האַנד). געה, גאָר אָהן רחמנות דריקסטו ! (גיט איהם אַ קלעפעל איבער'ן פליוצע).

בעריל. ע, ע, רייזעלע—בעריל האָט פיינד אומזיסט צו פראַצעווען (נעמט איהר האַנד). שרעק זיך ניט. כ'וועל מעהר ניט דריקען. עס געהט נאָך ניט קיין בלוט ? וויוז, וועל איך אַ קוש געבען, וועט ווערען די האַנד צוריק געזונד.

רייזעל (קאָקעטיש). האָסט אין איהר אַ גרויסען חלק אַריינגעלעגט ? (וויל בעפרייען איהר האַנד).

בעריל (קוסט איהרע שפיצען פינגער). אַך, ווי זיס, ווי זיס ! ציילט איהרע פינגער) איינס... צוויי... דריי... (קוקט איהר אין פנים) פופע ! דו ווילסט אַ פינגער'ל ?

רייזעל. קויף, וועסטו זעהן.

בעריל (בעווייזט אויף איהר מיטעלסטען פינגער). אָט אויף דעם פינגער, גוט ?

רייזעל. קויף וועסטו זעהן.

בעריל. אָבער אַ קיילעכדיג פינגער'ל, אַ גלאַטעם אָהן אַ שום שטיינדעל ?...

רייזעל (פערדרייטעלט זיך. פריילעך). קויף, וועסטו זעהן (פויזע).

בעריל (קוקט אָן רייזלען מיט אַ סעריאָזנעם געזיכט).

רייזעל. וואָס ביזטו אַזוי אומעטיג געוואָרען ?

בעריל. וואָלסטו זעהן, פופע, ווי כ'האָב היינט געקנאַטען צוויי מוזשיקעס !

ר י ז ע ל. היינט?

ב ע ר י ל. בייטאָג.

ר י ז ע ל. פֿאַר וואָס?

ב ע ר י ל. זיי האָבען זיך געבעטען.

ר י ז ע ל. בעסער זאָג מיר, בעריל, ווען ווערסטו קויפֿען דאָס, וואָס דו האָסט געזאָגט?

ב ע ר י ל. דו לאַכסט...

ר י ז ע ל. איך לאַך גאָר ניט. קויף, וועסטו זעהען (פויזע).

ב ע ר י ל (ערוואַכענד). אַ פֿייער אויף זיי! מען האָט פֿאַר דיר אָנגערעדט? (בלייבט שטיל אַ ווײַלע). טפֿו, ימח־שמם זאָלען זיי ווערען

ר י ז ע ל. אויף מיר ביזטו אין כעס?

ב ע ר י ל (שווייגט אומעדיג).

ר י ז ע ל. בעריל?

ב ע ר י ל. „בעריל חזיר" כ'פֿערשטעה... מען האָט דיר אָנגערעדט און דו הערסט זיך צו...

ר י ז ע ל. איך? אויף מיר ביזטו אין כעס? זאָג, בעריל! (לאַכט) נו, וואָס איז מיט'ן רינגעלע?

ב ע ר י ל (שפּאַצירט אום שטיל).

ר י ז ע ל (חנ'עוודיג). בערעלע, דו שרייבסט אַליין בריעף? דו קענסט שרייבען?

ב ע ר י ל (פֿערשעמט). איך?... איך שרייב אַליין, אודאי שרייב איך אַליין.

ר י ז ע ל. דו האָסט אַ פֿיינעם האַנדשריפֿט (נעמט אַרויס פֿון קעשענע אַנ'איינגעוויקעלט ברױול). דאָס איז דיין כתב, בערעלע? בערעלע (נעמט איהם פֿאַר'ן האַנד). אוי, בערעלע...

ב ע ר י ל (ווערט רויט). אויף מיינע נאמנות, איך שרייב אַליין, אַ פֿייער אויף זיי!

ר י ז ע ל. ווען שילסטו דו?

ב ע ר י ל. איך ווייס וואָס איך שילט; איך וועל שילטען און — איך וועל נאָך דעם שאַרבען אויך שפּאַלטען — זיי וועלען ביי מיר שרפ'ענען!.. (ווייך) דו האָסט געלעזען?

ר י ז ע ל. אַ שווערער האַנדשריפֿט. נאַ לעז מיר איבער, וואָס דו האָסט געשריבען (גיט איהם דאָס ברױול).

ב ע ר י ל (עפֿענט דאָס ברױול). נאָך וואָס זאָל איך לעזען?

ר י ז ע ל. איך וויל וויסען, וואָס דו האָסט דאָרטען אָנגעשריבען? דיין נאָמען „בעריל" האָב איך גלייך דערקענט, עפֿענענדיג, האָב איך דערזעהן.

בעריל (גיט איהר אָב דאָס בריװעל). נאַ, דו װייסט אַליין װאָס אין דעם איז געשריבען... דו װייסט, רײזעלע? (פּויזע).

ריזעל. דו װילסט, בעריל, זיין אַ גוטער?

בעריל. װער האָט דיר געזאָגט, אַז איך בין אַ שלעכטער?

ריזעל. אַזוי; איך פרעג גלאַט אַזוי.

בעריל. פונדיינעטװעגען?

ריזעל. פאַר מיר.

בעריל. פונדיינעטסװעגןװעט „בעריל" אַלץ טהאָן; אויב ריזעל װעט נאָר הייסען.

ריזעל (בעװייזט אויף איהרע פּיס). זעהסט, איך בין באָרװעס.

בעריל. האָסטו גאָר קיין שיך ניט?

ריזעל. כ'האָב ניט. די מאַמע האָט זיי פערקויפט; אפשר האָט זי זיי בעהאַלטען.

בעריל. װאָס הייסט?

ריזעל. איך זאָל ניט קענען אַרויסגעהן פון שטוב. און איך װיל בשום אופן ניט שלעפען זיך אין די גאַסען מיט די קאָשען פּיש.

בעריל. אַ בייזער יאָהר אויף דער מאַמען דיינער!

ריזעל. נו װאָס?

בעריל. שיך װילסטו? (גיט איהר אַ קלעפּעל אויפ'ן פּלייצע) װעסט האָבען שיך!

ריזעל. מיט קנעפּלאַך?

בעריל. אפילו געשנירטע, אויב דו װילסט

ריזעל. װעסט אויסגעבען מעהר װי דריי רובל?

בעריל (נעמט אַרויס זיין טייסטעריל). זעה װיפיל געלד ס'װעט נאָך סטייען אויף שיך.

ריזעל (טאַפּט). פון װאַנען האָסטו עס אַזוי פיל געלד

בעריל. נעם דיר, אויב דו װילסט.

ריזעל. די גאַנצע געלד?

בעריל. אפילו אין גאַנצען, אויב דו װילסט — איך בין „בעריל". דו פערשטעהסט! (מיט התלהבות) איך בין „בעריל חזיר". איך... איך האָב געלד, איך האָב אַלץ, אַלץ האָב איך... איך בין „בעריל חזיר"! (בלייבט שטיל אַ װיילע. פערשעמט זיך פאַר זיינע אייגענע װערטער), רייזעל, זאָג, דו װילסט אַ זייגער מיט אַ גאָלדענע קייט?

ריזעל. װאו װעסטו נעמען?

בעריל. איך װעל קריגען, אויב איך װער װעלען—

דו ווילסט? אָבער זאָג!

ריזעל. (שפּאַצירט אום). אָבער זאָג מיר, בעריל...

אַברוש (כאַפּט זיך אויף. זעצט זיך אַנידער אָהן ווערטער).

ריזעל. אָט האָסטו דיר.

בעריל. א ר׳ אבא...

אַברוש (ברומט). מהום... מהום... מהום...

בעריל. וויפיל מאָל האָט איהר היינט קידוש געמאַכט?

אַברוש (קראַצט זיך אין קאָפּ). בעריל?

בעריל. איהר האָט מיר ניט דערקענט?

אַברוש. כ׳האָב דיך דערקענט... (קריכט אַראָב פון געלעגער. טראָגט אַ צעריסענעם האַלאַט. דאָס געזיכט שמוציג און מיט האָר בעוואַקסען). כ׳האָב דיר שוין דערקענט; מהום... מהום... מהום... זי איז נאָך ניטאָ?

בעריל. ועמען וואַרט איהר?

אַברוש. אויף דער ארורה מיינער; אויפ׳ן גלגול מיינעם, (בעווייזט אויף ריזלען) די מאַמע איהרע. בערעל? דו האָסט מיט איהר עסקים! דו האָסט... זי איז נישט בעסער פון דער מאַמען איהרער... די ערד האָט זי געדאַרפט בּיידען אין איין טאָג פער־נעמען. בּיידען אין איין טאָג... „יענע״ נו, טענה׳ט, אַז זי האָט אָנגעטהאָן מיינע תחתונים... זי איז מיך מפרנס. „זי איז מיך מפרנס!״ פערשטעהסט?... און איידער איך האָב זי דערקענט בין איך דאָך פון הונגער אויסגעגאַנגען — פון הונגער — פער־שטעהסט? וואָס זאָגסטו, בעריל, אַ? ווער בין איך? דוכט זיך דער אייגענעד „אַברוש״ וואָס פאַר צוואַנציג יאָהרען—פאַר צוואַנ־ציג יאָהרען! ווי דו זעהסט מיך לעבען. דאָס איז דער אייגענער אַברוש, וואָס מען האָט איהם גערופען „ר׳ אבא״, ר׳ אב־בא — ווי דו זעהסט מיך לעבען! מיינע פערד זענען געגאַנגען קיין פריי־סען—קיין פרייסען—ווי דו זעהסט מיך לעבען; מחנות פערד— ווי דו זעהסט מיך לעבען... אָפיצערען זענען אויף מיינע פערד געריטען... גענעראַלען—ווי דו זעהסט מיך לעבען—גענעראַלען! האָט מען שוין געקענט שטאַרבען פון הונגער, אַ? וואָס זאָגסטו, בעריל? (בעווייזט אויף ריזעל׳ס בּאַרוועסע פיס) דו זעהסט—קוק איהר נאָר אָהן... די מאַמע מיט דער טאָכטער... „האם עם הבת״, ווי אין זמירות איז געשריבען—וואָס זאָגסטו, בעריל?

בעריל. וואָס האָט איהר צו דער טאָכטער?

ריזעל. ערעדט און דער הונד בילט — איז אַלץ איינס.

אַברוש (מאַכט מיט׳ן האַנד) חצופה! דו הערסט, בעריל,

דו האָסט געהערט? כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז זי איז נישט בעסער פון דער מאַמען איהרער. (זעצט זיך אויפ'ן געלעגער, רעדט צו זיך אַליין). ווי אַ חלום זענען אַוועק מיינע גוטע יאָהרען, מהום... מהום... ווי אַ חלום... (פויזע).

בעריל. קומט, אַברוש, איך וועל געבען אַריינצו'כוס'ענען.

ריזעל. ער האָט נעבאַך גאָר געפאַסט היינט.

אַברוש (בעוויזט אויף ריזעל'ס בארוזעסע פיס). זעהסט, בעריל, זי איז דאָך אַ באָרוועסע. די מאַמע איהרע האָט איהר די שיך פערקויפט. בעגראָבען האָסטו בעדאַרפט די מאַמען דיינע, ע=ע=ס'איז שוין איין מאָל אַ מאַמע (שווייגט אַווילע). בעריל?

בעריל. וואָס?

אַברוש. דו קענסט מיין טאָכטער. מיין נחמה'לען? דאָס איז אַ „קינד"! איהר שכל, דער „פערשוין" איהרער! גרויס געלערענט! (ווינע ווערטער רייסען זיך איהם איבער). כ'בין פערטריבען געוואָרען פון גן=עדן פערטריבען געוואָרען... די טאָכטער אַנטלויפט פון מיר (מיט טרערען). איך זעה זי קיין מאָל ניט אָן (בעוויזט אויף ריזעלען), אָ, ווער עס זיצט ביי מיר אין שטוב! נחמה'לע מיינע — איהר פערשוין — אַ פרינצעסען — אַ פרינצעסען, ווי דו זעהסט מיך לעבען!... (ווישט די טרערען).

בעריל. ע, ר' אבא! ר' אבא! איהר וויינט גאָר, פע, פע, עס פאַסט גאָר ניט פאַר אייך.

אַברוש (ווישט די אויגען). דו מיינסט, וואָס? איך בין פערקויפט געוואָרען, צו דער משומדת פערקויפט געוואָרען, אַריינגעפאַלען... מיין טאָכטער אַנטלויפט פון מיר. גאָר נישט לאַנג האָב איך זי געזעהן... פון קלאַס געגאַנגען — מיט די מיידלאַך געגאַנגען, ווי אַ שרענגע סאָלדאַטען זענען זיי געגאַנגען=שפּאַצירען מן הסתם... כ'האָב זיי דערקענט, און איך בין אַ טאַטע, בין איך... פערקויפט געוואָרען...

בעריל (נעמט איהם פאַר'ן האַנד). קומט, לאָמיר אַביסעל אָבנעצען דעם גומען.

ריזעל. וואוהין געהסטו?

בעריל (ווינקט מיט די אויגען). ווייסט דאָך וואוהין איך געה.

ריזעל (אין דער שטיל) און שיך?

בעריל. איך וועל...

ברײנע (אַ בייזע אידענע האַלט אין איין שילטען. אָבגעריסען. קומט אַריין אין שטוב. טראָגט אויף די הענד צוויי קערב).

אַברוש (צו בערלען). איך וועל שוין זיין אין שטוב... איך דאַרף שוין בלייבען אין שטוב, איך...

בריינע (מיט גיפט). וואוהין? אַזוי שפּעט וואוהין?! (בעמערקענד בערלען בייט זי אום דעם טאָן). גוט אָוועגד! אוי, די כּוחות געהן אויס—כ'פיהל גאָר ניט די הענד—אַזאַ טאָג! ס'איז שוין צו פיהלען דעם טאָג—לאַנג ווי אין זומער—אין דער ערד זאָלען זיי געהן; פון גרגרת רייסען זיי אַרויס. (צו אַברושען) וואוהין שלעפּסטו זיך אַזוי שפּעט? ווידער טראַסקען אין טיהר ביינאַכט? (צו בערלען) אַ ברכה פון גאָט, אַ?...

בעריל. פאַר וואָס צופּט איהר, בריינע, אויס ר' אבא'ן דאָס גאַנצע בערדעל?

בריינע. איך קען ניט זעהן, ווי ער לעבּט אויף דער וועלט, פאַר אַזוינע מענשען איז אויף דער וועלט קיין אָרט ניטאָ... (צו ריזלען), וואָס זיצטו די הענד אונטער די זייטען?

ריזעל: וואָס זאָל איך דיר טהאָן?

בריינע: וואָס?! (וואַרפּט אַ שאַרפען בליק צו בערלען).

בעריל (געהט פערביי ריזלען, זאָגט איהר וואָס אין דער שטיל), אַ גוטע נאַכט! (געהט אַרויס זינגענדיג עפּעס אַ ניגונ'לע).

בריינע (צו ריזלען). מיט בערלען האָסטו שוין עסקים — אַ לעבעדיגע וועל איך דיך בעגראָבען! נאַקעט, אָהן אַ העמד וועל איך דיך לאָזען (אונטער'ן טיהר הערט זיך אַ געשלעג). ווער איז דאָרט? (אַלע קוקען צום טיהר).

מענדיל (פאַלט אַריין אין שטוב. פערמאַכט די טיהר. טראָגט אַ זאַק אויפ'ן פּלייצע). דער ממזר — אַ מפּלה אויף איהם! ער האָט מיך שיעור ניט דערשטיקט (וואַרפט אַראָב דעם זאַק).

בריינע. איהר האָט געזעהן אַנ'אָרט אַביסעל צום שלאָגען זיך — אַ טוידטע בין איך געוואָרען (פּויזע).

אַברוש. מענדיל?

מענדיל. און אַז מענדיל

אַברוש. מענדיל!

מענדיל. וואָס?

בריינע. גיב איהם אויף אַ גלעזעל בראַנפען

מענדיל. אַז איך וועל וועלען, וועל איך געבען בּיי קיינעם נישט פרעגען.

בריינע. פון מיינעטוועגען מעגט איהר זיך אַלע שלאָגען קאָפּ אָן דער וואַנד.

אַברוש (געהט צום זעקעל, עפענט איהם פאָרזיכטיג און קוקט אַריין). אַ פעל... אַליין אַראָבגענומען, אַ?

ריזעל. ווידער געבראַכט צושלעפּען דיער נבלה אין שטוב אַריין!

אַברוש. ביזט אַליין אַ „נבלה״! דאָס איז דאָך פֿינף רובל איז דאָך עס!

רייזעל. ער וועט שוין אין גיכען ברייננען צושלעפּען אַ געפּגר׳טען פֿערד אין שטוב אַריין.

מענדל. אַ גרויסע יחסנ׳טע. מיין יחסנ׳טע. באַרוועסע פּריצטע!

ברײנע (צו רייזלען). וואָס האָט דאָ געטהאָן בעריל־חזיר?

רייזעל. איך ווייס ניט.

ברײנע. (וואַרפֿט אויף איהר אַ קערבעל) איך וועל דיך אַ לעבעדיגע בעגראָבען — הערסט, ממזרת!

רייזעל. גיב מיר אָב מיינע שיך.

ברײנע. איך וועל נאָך פֿון דיר די העמד אויך אַראָפּ־נעמען און די שטוב פֿערשליסען... איך וועל אַוועקגעהען און די שטוב פֿערשליסען! וועסט וויסען, אַז איך בין דיר אַ מאַמע — דיין מאַמע ליגט אין דער ערד... וועל איך זיך נעמען צו דיר. (שפּייט אויף אַברושען און מענדלען).

מענדיל. רייזעל! איך וועל דיר קויפֿען שיך. ווילסט, זאָג?

ברײנע. יסורים וועל איך פֿאַר אייך אַלעמען קויפֿען (פּויזע).

מענדיל (שלעפּט דעם זאַק צו אַברוש׳ען). דו זעהסט, טאַטע, ס׳אַ פֿעל!

רייזעל (לויפֿט צו, שטופּט איהם אָב). לעג אַוועק, זאָג איך דיר! איך וועל דיר דיין קאָפּ צופּלעטען — פּראָביר נאָר אַרויסנעמען — פּגר! נבלה!

אַברוש. חצופּה!

מענדיל (וואַרפֿט אָב רייזלען צום טיש). אַוועק פֿון דאַנען, באַר־וועסע כאָליערע!

אַברוש. לאָז זי, מיין קינד; זי איז נישט בעסער פֿון דער מאַמען איהרער. דאָס איז דאָך פֿינף רובל, איז דאָך עס.

ברײנע (האַלט אין איין שילטען).

מענדיל (מאַכט צו דעם זאַק). מיין צוכט... פּרינצעסען... די פֿעל איז ריינער פֿון דיר מיט דיין מאַמען אין איינעם. (אַ קליינע פּויזע. מענדיל זעצט זיך אין אַ ווינקעל שטאַרק צוטראָגען).

אַברוש (שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ). אוי נחמה׳לע מיינע, נחמה׳לע! פֿערטריבען געוואָרען פֿון גן־עדן בין איך פֿערטריבען געוואָרען... זי אַנטלויפֿט פֿון מיר (צו מענדלען). האָסט איהר אפשר געזעהן, נחמה׳לען?

מענדיל (שווייגט).

אַברוש. אַ? מענדיל!

**מענדיל** (אין כעס). לאָז מיך! (שטיל, יעדערער קוקט אין אין אנדער ווינקעל. אברוש זיפצט).

**אברוש** (הויבט זיך אויף, לאָזט אַראָב דעם פייער פון לעמפעל).

**ברײנע.** אַ פינסטער זאָל דיר זיין! שכור! ס'איז נאָך קנאַפּ פינסטער אין שטוב — וואָס טהוסטו? וואָס דרייסטו אַראָב דעם פייער?

**אברוש.** מען טהוט דאָך סיי ווי גאָר ניט.

**ברײנע.** פון דיינע בראַנפען קאַרג — די כפרה זאָלסטו ווערען!

**אברוש** (געהט צוריק אויף זיין אָרט. ברומט). גזלן... רוצח... גזלן...

**ברײנע.** איך וועל אַייך קאָרמענען... ווערעם וועלען אַייך עסען (דרייט זיך אַרום איבער'ן שטוב, ווי זי וואָלט וואָס זוכען). וואלט איך אַזוי וויסען וואו איהר וועט אַהינקומען, ווי איך ווייס וואָס כ'האָב געוואָלט טהאָן — (בלייבט שטעהן אין מיט'ן שטוב).

**ריזעל** (געהט אַרויס).

**ברײנע** (וואַרפט זיך צום טיהר). וואוהין, משומדת? ! (ריזעל איז שוין דערווייל אויף יענער זייט טיהר.

**מענדיל** (אין אַ ווײלע אַרום, צו ברײנען). דו מיינסט אַז כ'האָב מורא פאַר דיר, מיינסטו? וואָס פאַר אַ ווערדע האָסטו ביי מיר? אַזוי ווי גאָר נישט! כ'וויל דיך נאָר פרעגען איין זאַך, וויל איך דיך פרעגען.

**אברוש.** מיין קינד, טשעפּע זיך ניט מיט איהר.

**ברײנע.** פרעסער, זויפער!

**מנדיל.** איך האָב שוין פאַר איהר קיין מורא נישט — נאָר איך וועל זי פרעגען איין זאַך וויל איך זי — פאַר וואָס שלאָגט זי ריזלען? פאַר וואָס? אַזאַ גרויסע מויד און זי שלאָגט איהר? די שיך האָט זי ביי איהר צוגענומען — אַ מאַמע טהוט אַזוי? ווען דו וואָלסט געווען מיין מאַמע, וואָלט איך דיך דער־שטיקט — איצטער מעגסטו זיך קלאַפּען קאָפּ אָן וואַנד אפילו צעהן מאָל אין טאָג — אָבער ריזלען (מיט התלהבות). זאָג מיר, פאַר וואָס שלאָגסטו ריזלען, זאָג? !

**ברײנע** (צושראָקען). ריזלען...

**מענדיל** (מיט אַ משוגה'דיגע התלהבות). איך וועל זאָגען ריז־לען — איך וועל איהר זאָגען, אַז כ'וועל ניט לאָזען זי אָנריהרען... איך וועל ניט לאָזען — כ'וועל דעם קאָפּ צופּלעטען!... איך וועל איהר קויפען שיך... פאַר מיינע געלד וועל איך איהר קויפען — און דיר וועלען מיר אויסהאַקען די ציינער דיינע... זאָג, פאַר וואָס

שלאָג—סטו רייז—לען, אַ?!

אַבּרוש (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ). פערטריבען געוואָרען פון גן-עדן... פערטריבען געוואָרען... נחמה'לע מיינע... דאָס איז דאָך אַ „מענש". דער פערשוין איהרער; דער „גאַנג" איהרער, אַ פּרינצע-סען—אַ פּרינצעסען! ווי דו זעהסט מיך לעבען!

בריינע. די כפּרה זאָלסטו געהן אין איינעם מיט דיין טאַטער!

אַבּרוש. חצופה! דו הערסט, מענדיל? הערסט? פאַר וואָס שילסטו עס זי, אַ? חצופה! חצו-פּה! דו ביזט דאָך איהר מינדסטען נאָגעל ניט ווערט!... זי איז דאָך אַ טייער קינד, (ציהט די ווערטער). דו ווייסט ווער מיין נחמה'לע איז? דו ווייסט? זי איז דאָך אַ פּרינצעסען... דער „פערשוין" איהרער, דער „גאַנג" איהרער—ווי האָסטו עס העזה זי צו שילטען, האַ?!

בריינע. פּיאַניצע! דיין טאָכטער אַנטלויפט דאָך פון דיר; זי שעמט זיך דאָך צו קוקען אין דיין מיאוס'ע צורה אריין.

אַבּרוש. זי האָט מורא פאַר דיר. ביזט דאָך אַ רוצח, אַ וואַלד-רוצח; זי האָט מורא, זי... (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) דו ווייסט ווער מיין נחמה'לע איז? מיין נחמה'לע שעמט זיך ניט (וויינט), ג'נייזן, מיין נחמה'לע שעמט זיך ניט... זי האָט מורא... מו—רא האָט זי!... איך בין דאָך איהר טאַטע... זי האָט פאַר דיר מורא... אַ גזלן ביזטו, אַ וואַלד-רוצח ביזטו... איך בין איהר טאַטע... זי שעמט זיך ניט מיט איהר טאַטען!...

בריינע (שפּייט צו אַבּרושען). ווי צו דיר. — אַלטער שכור. ס'איז דאָך דיר מיאוס אין צורה צו קוקען...

אַבּרוש (זיפצט). ווי אַ חלום אַלץ אַוועק... ווי אַ חלום... (פויזע).

רייזעל (קומט אריין. בלייבט שטעהן אין מיטען שטוב. קוקט וואו זיך צו זעצען).

מענדיל (קוקט אויף איהרע פּים). רייזעל!

בריינע. וואָס רייזעל?! וואָס פאַר אַ רייזעל איז זי דיינע?!

רייזעל (צוטומעלט). וואָס ווילט איהר פון מיר, וואָס ווילט איהר?

מענדיל (הויבט זיך אויף). קום צו מיר, רייזעל, האָב קיין מורא ניט, וואָס האַרט דיר?....

אַבּרוש. לאָז זי, זי איז ניט קיין רעכטס...

בריינע (שרייט). נבלה!

מענדיל (ווערט צוטומעלט פון בריינעס געשריי. שטאַרקט זיך).

ריִיזעל! הער, זי איז נישט דיין מאַמע, זאָג איך דיר — זי איז אַ משומדת, זאָג איך דיר; זי וועט דיר נאָך הרג'ענען, ריִיזעל, שפיי איהר אין צורה, ריִיזעל, שפיי!... איך וועל דיר קויפען שיך, איך... ריִיזעל! איך וועל ניט לאָזען זי זאָל דיך שלאָגען... דו וועסט זעהן, ריִיזעל! שפיי איהר אין צורה! (שלעפּט איהר פאַר'ן אַרבעל).

ריִיזעל. (רוקט זיך אָב). וואָס...וואָס ווילט איהר...

ברײנע. נבלה! פגר! אַרויס פון מיין שטוב, נבלה! (כאַפּט דעם זאַק מיט דער פעל און שלעפּט צום טיהר), אַרויס פון דאַנען, מיט דיינע פגירות אין איינעם—אַרויס! (טופּעט מיט די פיס).

מענדיל (רייסט ביי איהר אַרויס דעם זאַק).

ברײנע (צו אַברושען). דו געה אויך פון דאַנען מיט דיין זון, די נבלה!

מענדיל (עפענט דעם זאַק). איך וועל איהר בעוויזען... איך וועל דיר בעוויזען ווער „מענדיל" איז... איך וועל איהר בעוויזען, זוי צורופּען (וויל אַרויסנעמען די פעל פון זאַק). דאָ אויפ'ן מיטען שטוב...

ריִיזעל. פערמאַך דעם זאַק! כ'וועל דיר די צייִנער אויס= האַקען! פערמאַך! זאָג איך דיר!

מענדיל (וואַרפט דעם זאַק, ברומט וואָס, קוקט אָן רחמנות'דיג ריִיזלען). ריִיזיל, פאָלג מיר, זי איז ניט דיין מאַמע איז זי ניט— שפיי איהר אין צורה! האַק איהר אויס די צייִנער! מאָרגען קויף איך דיר שיך—פאַר דריי רובל שיך קויף איך דיר און דו וועסט געהן וואוהין דו וועסט וועלען... נאַ דיר געלד, ריִיזעל! (זוכט אין קעשענע פיבערהאַפט).

ריִיזעל (צוטומעלט, קוקט מיט עקעל צו מענדל'ען). וואָס ווילט איהר פון מיר?... וואָס טהו איך אייך?.. (וויינט) וואָס האָט איהר צו מיר?..

אַברוש (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ). פון גן=עדן... פערטריבען...

מענדיל. שפיי איהר אין צורה (שפייט אויף ברײנען).

ברײנע (וואַרפט זיך מיט וואוט אויף ריִיזלען. פאַנגט איהר אָן שלאָגען מיט בײדע קולאַקעס אויפ'ן קאָפּ). איך בין אַ מאַמע! איך בין אַמאַמע! איך מעג שלאָגען!.. איך מעג!.. איך מעג!

ריִיזעל (מאַכט אַ געוואַלד). ראַטעוועט מיך!..

מענדיל (לויפט צו, עס ווערט אַן'אַלגעמײנער געשלעג).

ברײנע (שלאָגט) איך בין אַ מאַמע! איך בין אַ מאַמע! האַ! האַ! האַ!...

אַברוש (קוקט זיך צו צו דער סצענע מיט אַן'אָפענע מויל און אויס= געבריטע הענד)

(פאָרהאַנג).

# דער צווייטער אקט.

די דעקאָראַציע ווי אין דעם ערשטען אַקט.

ר י י ז ע ל (ליגט אויף אַ געלעגער. קרעכצעט פון שלאָף. אַ לאַנגע פויזע).

אַ ב ר ו ש (קומט אַריין. שכור, פאַלט פון די פיס. קוקט זיך אַרום. ברומט וואָס. בעמערקט רייזלען און פאַנגט אָן צו געהן צו איהר). ר־רייזעל... (געהט צו צו איהר, גלעט איהר פלייצע).

ר י י ז ע ל (דערשראָקען). ווער איז דאָרט? (בעמערקט אַברוש'ן), וואָס זוכט ער דאָ? איהר האָט דאָ אַ חלק אַריינגעלעגט?

אַ ב ר ו ש (שטעהט ווי אַ צוגעשמידטער צו זיין אָרט, שאָקעלט זיך) ר־רייזעל... ביזט דאָך מיין טאָכטער — ביזטו דאָך, אַ, רייזעל... מיין ט־טאָכטער (וויל איהר גלעטען איבערן קאָפּ).

ר י י ז ע ל (זעצט זיך). וואָס ווילט איהר פון מיר?! איך בין נישט אייער טאָכטער... געהט זיך צו אייער נחמה'לע... געהט צו איהר... איך קען נישט הערען, עס הערט זיך בראַנפען פון אייך ווי פון אַ חזיר, געהט...

אַ ב ר ו ש (פערדעקט זיין מויל). נ־ניין, נ־ניין... נחמה'לע איז מיין טאָכטער... זי... זי... אַנטלויפט, נחמה'לע... שעמט זיך נחמה'לע, דו ז—זיי מיין טאָכטער (וויל איהר נעמען פאַר'ן האַנד) ז־זיי מיין טאָכטער ז־זיי...

ר י י ז ע ל (טרייבט איהם). וואָס ווילסטו פון מיר? רבונו של עולם! וואָס איז ער צוגעשטאַנען צו מיר?! (אין כעס) אַוועק פון מיר!

אַ ב ר ו ש (קען ניט איינשטעהען). נ־נו... כ'וועל דיר רופען „נחמה'לע“... דו ז...זיין... ז—זיין נחמה'לע (טרעט אָב פון איהר) אַבאָ, אַבאָ, אַברוש! (בלייבט שטעהן אין מיטען שטוב, דער קאָפּ אַראָבגעהאַנגען), וואָס איז פון דיר געוואָרען, אַברוש? וואָס? וואָס? (וויינט) אַלע געדענקען דיך נאָך... אַלע האָבען געקענט ר' אב־באַ'ן (שרייט) דר־ב אב־באָ!

ר י י ז ע ל. ווער האָט דיר געהייסען ווערען אַ פיאַניצע, אַ? האָסט נישט געקענט זיין ווי אַלע מענשען, אַ?

אַ ב ר ו ש. דיין מאַמע... אין דער ערד! אַ וואַלד־גזלן — אַ רוצח!... וואָס זיצסטו דאָ?... ביי איהר... וואָס עסטו איהר ברויט... ברויט... זיי אַ דינסטמויד... זיי מיין טאָכטער ז־זיי (וויינענדיג) כ'דאַרף

ניִשט רייִדען... כ'דאַרף ניִשט רייִדען... נ—נייִן...

**ריִיזעל.** וואָס האָט איִהר גענומען מיין מאַמען פאַר אַ ווייב? וואָס דאַרפט איִהר זיִ? שפּריִנצע האָט אייך געָ'גט, אַ? נחמה'לע אַנטלייִפט פון אייך, אַ? זיִ שעמט זיך, אַ? זיִ שעמט זיך צו בעגעגנען זיך מיִט אייך אין גאַס...

**אַברוש.** קום... ק=קום צו מיר (וויל זיִ אַרומנעמען).

**ריִיזעל** (שטופּט איִהם אַוועק). איִך קען אייך איִן צורה ניִשט קוקען. אַ חרפּה, אַנ'אַלטער מאַן וויינט. וואָס וויינט איִהר? געהט לעגט זיך. „זיִ" וועט קומען באַלד, וועט זיִ אייך „מכבד" זיין.

**אַברוש** (שאָקעלט מיִט'ן קאָפּ). ניִשט געוויינט אין דער יוגענד... ניִשט געוויינט... (ווישט די אויגען) דו ווייסט... ד=דו ווייסט... (געהט איִבער זיך ביז ער פאַלט אויפ'ן געלעגער, בלייבט דאָרטען ליִגען אונבעוועגליִך).

**ריִיזעל** (שפּייט מיִט עקעל צו אַברוש'ס זייט. שטיִל אַ ווייִלע. ס'לאָזט זיך הערען אַברושעס כראָפּען. ריִיזעל נעמט אַרויס פון אונטער'ן קיִשען אַ פּאָר נייע שיִך. שפּיִלט זיך מיִט זיִי. אויף איִהר געזיִכט גיִסט זיך אויס אַ קיִנדערישע צופריִדענהייט. זיִ טהוט אָן די שיִך און שפּאַציִרט קאָקעטיִש אייניִגע מאָל דורך דעם ציִמער. קוקט איִהר פיס. הייבט אויף אַביסעל איִהר צוריסענע קלייד און פרובט געהן אַ טענצעל איִבער'ן שטוב, זיִנגענדיִג אַ ניִגעלע).

**מענדיל** (קומט אַריין. ריִיזעל זעהט, אז ער זאָל ניִט בעמערקען איִהרע נייע שיִך. אַ ווייִלע שטיִל. יעדער קוקט אין זיין וויִנקעל).

**ריִיזעל.** האָסט אפשר געזעהן מיין מאַמען?

**מענדיל** (נאָך אַ קורצען שווייגען). דו בענקסט נאָך איִהר?

**ריִיזעל.** דיין טאַטע איִז געקומען שכור ווי לוט (קליינע פּויזע).

**מענדיל.** דאָ איִז געווען דער „חזיר"?

**ריִיזעל.** וועלכער „חזיר"?

**מענדיל** (מיִט אַ איִדיאָטיִשען שמייכעל). דו ווייסט ניִט ווער איִז דער „חזיר"?

**ריִיזעל** (בעליידיִגט). איך ווייס ניִט ווער דער „חזיר" איִז.

**מענדיל.** בערעל חזיר!

**ריִיזעל.** און אַז ער איִז געווען — וואָס ווילסטו? ס'איִז זיין דאגה!

**מענדיל.** מען טאָר ניִשט פרעגען?

**ריִיזעל.** נאָך וואָס פרעגסטו? (פּויזע. ריִיזעל זעצט זיך ביים טיש).

**מענדיל** (געהט צו צו ריִיזלען און קוקט זיִ אָן).

**ריִיזעל.** וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן?

**מענדעל** (שווייגט).

**ריִיזעל.** וואָס איִז מיִט דיר היינט!

מענדיל. דיין מאַמע איז אַזאַ שלעכטע...
רייזעל. נו — איז וואָס?
מענדיל אַזוי; כ'האָב רחמנות אויף דיר (פויזע).
רייזעל. דיין טאַטע איז געקומען שכור, ווי לוט.
מענדיל (וואַרפט אַ בליק צו אַברו״ש׳ן). ווען איך וואָלט האָבען אַזאַ מאַמע...
רייזעל. דו זעהסט דיין מאַמען אַלע טאָג?
מענדיל. ניין.
רייזעל. פאַר וואָס?
מענדיל. אַמאָל זעה איך זי אַלע טאָג (קליינע פויזע).
רייזעל. און נחמה'לען?
מענדיל. נחמה'לע...
רייזעל. זי געהט מיט דיר אין גאַס?
מענדיל. ווער?
רייזעל. נחמה'לע...
מענדיל (אַראָבגעלאָזען דער קאָפּ). זי, זי געהט שוין באַלד אויס דעם קלאַס.
רייזעל. זי איז דאָך דיין שוועסטער, פאַר וואָס שעמט זי זיך צו געהן מיט דיר אין גאַס?
מענדיל. זי שעמט זיך?
רייזעל. אַודאי שעמט זי זיך.
מענדיל. זי דאַרף זיך שוין שעמען... אָ־אָ, מיט מיר. (אַ קליינע פויזע).
רייזעל בעווייזט מענדלען איהר פוס). דו זעהסט?
מענדיל. נייע שיך?
רייזעל. אָבער דו זעהסט!
מענדיל. וואו האָסטו זיי גענומען?
רייזעל (שמייכעלט). איך האָב געקויפט.
מענדיל. ווער האָט דיר געגעבען געלד?
רייזעל. געלד? כ'האָב שוין געהאַט געלד!..
מענדיל. די מאַמע האָט געזעהן?
רייזעל. ניין.
מענדיל. ס'וועט ווידער זיין אַגעשלעג.
רייזעל. זאָל זי מיר נאָר אַ ריר טאָהן — אַלע ציינער וועל איך איהר אויסהאַקען. איך בין שוין ניט קיין קליין קינד.
מענדיל (מיט התלהבות). האַ! וואָס האָב איך דיר געזאָגט? אַ מורא האָבען פאַר איהר! (שווייגט אַ ווייַלע). רייזעל! דו ווילסט

איך זאָל זיין פון דיין צד ? ווילסט ?

ריזעל. אפילו זי זאָל פוקענען װעל איך זיך מעהר מיט די קערב פיש ניט שלעפּען איבער די גאַסען (נאָך אַ קורצע פּויזע). מענדיל!

מענדיל, נו וואָס?

ריזעל: איך בין עפּעס אַ שיינע?

מענדיל (שווייגט).

ריזעל. נו—וואָס?

מענדיל. ווערסטו שוין מעהר ניט אַרומגעהן מיט די קערב פיש אין די גאַסען?

ריזעל. איך וועל נישט געהן. דינען וועל איך אויך נישט געהן; איך וועל אָנקומען אין אַ פאַבריק. מענדיל!

מענדיל. וואָס?

ריזעל. כ'האָב דאָך דיך וואָס געפרעגט.

מענדיל. דו לאַכסט.

ריזעל (שלעפּט איהם פאַר'ן ארבעל). נו, זאָג, מענדיל!

מענדיל (נעמט זי פאַר'ן האַנד). ווערסט נישט זיין אין כעס?

ריזעל. פאַר וואָס זאָל איך זיין אין כעס?

מנדיל. אויף צום אמת'ען זאָג מיר.

ריזעל. וואָס אויף צום אמת'ען?

מענדיל. ווערסט נישט זיין אין כעס?

ריזעל. כ'האָב דאָך דיר געזאָגט!

מענדיל. (פערהאַקט זיך רעדענדיג). מיר זענען דאָך ניט... ניט קיין נאָהענטע פריינד... פרעמדע... נישט קיין שוועסטער און ברודער פון איין טאַטע מאַמע... פרעמדע...

ריזעל (ווערט רויט... געהט אַ טענציל איבער'ן צימער). מענ־דיל, זעה נאָר מיינע פּים, ווי אַיידעל זיי זענען אין די נייע שיך—איידעל, אַ?

מענדיל (שווייגט).

ריזעל. ווייסט, מענדיל, ווער ס'האָט מיר געקויפט די שיך?

מענדיל. ווער?

ריזעל (חנ'עוודיג). און דו ווערסט קיינעם נישט אויסזאָגען?

מענדיל. איך וועל נישט אויסזאָגען—נאָך וואָס זאָל איך אויסזאָגען?

ריזעל. שווער זיך!

מענדיל. אויף מיינע נאמנות—אַז איך וועל קיינעם ניט אויסזאָגען.

רייזעל. בערעל האָט געקויפֿט.

מענדיל (איבעררא͏שט). בערעל חזיר?

רייזעל. בערעל חזיר. ער איז שוין איין מאָל אמאָלאָ־דיעץ. ער האָט מיר היינט געבראַכט נייע שיך... אָבער זעה; — פּים ווי אפאָר „פּאַניענקעס".

מענדיל. פון וואַנען האָט ער געוואוסט צו קויפֿען?

רייזעל. ער האָט שוין געוואוסט... (פּויזע).

מענדיל (צוהיצט). רייזעל. זאָג, וואָס דאַרפסטו ליידען אזוי? זעה, שיך האָט דיר געדאַרפֿט קויפֿען גאָר אַפֿרעמדער... דיין מאַמע וועט דיך נאָך דערשטיקען—וועסט זעהן... דו ווייסט, אז מענדיל איז אַגוטער... דו ווייסט, באשר... הער רייזעל! דו ווילסט, אַז איך זאָל בעצאָהלען בערלען פֿאַר די שיך?

רייזעל. צו וואָס?

מענדיל. איך וויל דיר בעווייזען, אַז „מענדיל" איז נישט ווי דו מיינסט, איך זאָג דיר...

רייזעל (שטיפט). מענדיל, זאָג, איך בין עפּעס אַ שיינע, אַ? זאָג, מען קען זיך אין מיר פֿערליבען? מענדיל!

מענדיל. דיין קלייד איז אויך צוריסען.

רייזעל (פֿריילעך). אַקלייד וועט אויך זיין אַ נייע—דאגה נים! (גיט איהם אַ קלאַפּ איבער'ן פּלייצע).

מענדיל. וואָס ביסטו אזוי פריילעך?

רייזעל. מען טאָר נישט זיין אומעדיג (געהט צו אַברושען). איך יועל באַלד דיין טאַטען געבען אַשנעל אין נאָז.

מענדיל (שטעהט שטאַרקט פֿערטראַכט).

רייזעל. מענדיל! וואָס ביזטו אזוי אומעדיג? פֿאַר וואָס בין איך אַזוי פֿריילעך? מען טאָר ניט זיין אומעדיג—מענדיל! מענדיל—מענדעלע! (שלעפּט איהם פֿאַר'ן ארבעל).

מענדיל (וויל זי אָנכאַפּען).

רייזעל (רייסט זיך ארויס). דאָס וויל איך ניט.

מענדיל (האָפֿנונגס־לאָז) וואָס אַנטלויפֿסטו פֿון מיר? שטענדיג אַנטלויפֿסטו פֿון מיר...

רייזעל. איך?

מענדיל (ערנסט) וואָס אַנטלויפֿסטו פֿון מיר?... דו האָסט מיך פֿיינד—פֿאַר וואָס? איך בין „מענדיל", בין איך, נו איז וואָס? מיר וואוינען דאָך אין איין שטוב, וואוינען מיר—דו ווייסט? אויף מיינע נאמנות, דו ווייסט... וואָס אַנטלויפֿסטו?... געדיינקסט בעכטען ביי נאַכט, אַז די מאַמע האָט דיך געשלאָגען? איך זאָג דיר, ריי־

זעלע, אַז דו ביזט אַ שלעכ׳ן, געדענקסט ניט... אַלץ פֿערגעסט. איך האָב איהר געוואָלט צושפּאַלטען דעם שאַרבען איהרען, האָב איך געוואָלט... (מיט התלהבות) וואָס פֿאַר אַ ווערדע האָט זי ביי מיר, אַ? מיט איין האַנד, צווישען די פֿינגער וואָלט איך זי צו־ריבען! כ׳האָב זיך אָבגעהאַלטען, באַשר זי איז דיינע אַ מאַמע איז זי... זי איז דאָך דיינע אַ מאַמע—דו געדענקסט נישט... נאָך וואָס האָב איך עס געדאַרפֿט טהאָן, נאָך וואָס? אַ?

רייזעל (טראַכט אַ ווײַלע) טאָ וואָס ווילסטו פֿון מיר

מענדיל. אַזוי; איך וויל דיר עס זאָגען.

רייזעל. וואָס דאַרפֿסטו עס מיר זאָגען?

מענדיל. איך האָב דיר געוואָלט בעווייזען, אַז „מענדיל“ איז נישט קיין שלעכטער ווי דו מיינסט. דו מיינסט, אַז איך בין „בערעל חזיר“ בין איך? אויב דו ווילסט וועל איך נאָר איין וואָרט זאָגען דער מאַמען דיינער — נאָר איין וואָרט—וועט זי שוין ניט וואַגען אפילו אַ פֿינגער אויפֿהייבען אויף דיר—רייזעל

רייזעל. וואָס?

מענדיל. גאָר נישט... (פּויזע. זיי בלייבען ביידע שטעהן אין מיטען שטוב די קעפּ אַראָבגעהאַנגען).

רייזעל (ערנסט). אויב דו ווילסט זיין אַ גוטער, טאָ זוך מיר אויס אַ פֿאַבריק וועל איך געהן אַרבייטען גלייך מיט אַלע מיידלאַך.

מענדיל. איך וועל דיר אויפֿזוכען, כ׳וועל, הער, רייזעל! דו ווייסט רייזעל... (ערנעהנטערט זיך צו איהר מיט גרויס התלהבות) איך וועל דיר...

רייזעל (רוקט זיך אָב פֿון איהם).

מענדיל (פֿערשעמט). זעהסט... נו זעה... וואָס אַנטלויפֿסטו פֿון מיר? אַ? צו בין איך עס אַזאַ שלעכטער, וואָס דו...

רייזעל (שטיל) פֿון דיר שטינקט... און איך בין אַ ציכטיגע...

מענדיל (צוטומעלט. טאַפּט זיינע מלבושים).

רייזעל. גלאַט אַזוי... פֿון דיר שטינקט מיט פֿעל... מיט גע׳פּגר׳טע פֿערד... און איך בין אַ ציכטיגע (פּויזע).

מענדיל (ווערט בלאַס. טרעט אָב אינטער זיך) רייזעל!... זאָג... (האַקט זיך אָב).

רייזעל. דו האָסט עסקים מיט גע׳פּגר׳טע פֿערד, מיט נבלות, איך קען עס ניט ליידען... איך עס ניט פֿון דער לעפֿעל וואָס דו עסט.

מענדיל (קערט זיך אָב אין אַ ווייט).

ר י י ז ע ל (נאָך אַ קורצען שווייגען) זאָג, מענדיל, פאַר וואָס האָסטו זיך ניט אויסגעקליבען עפּעס אַנ'אַרבייט?

מ ע נ ד י ל (פערענטפערט זיך קינדעריש) און וואָס טהו איך וואָס?.. וואָס, מיינסטו, טהו איך, וואָס? איך קויף פעל, קויף איך... דיר דוכט זיך נאָר דיר... (ערנעהנטערט זיך אַבּיסעל צו איהר) רייזעל! נעם אַ האַק און צושפּאַלט מיר דעם קאָפּ (מיט התלהבות) נעם אַ האַק, זאָג איך דיר!...

ר י י ז ע ל (קוקט איהם אָן דערשראָקען) צו וואָס זאָל איך עס טהון?

מ ע נ ד י ל. ווער האָט דיר עס געזאָגט?

ר י י ז ע ל. איך ווייס ניט, מיינסטו, אַז דו שינדסט געפגר־טע פערד...? פון דיר שטינקט ווי פון אַ „נבלה"... איך האָב דיך פיינד! כ'האָב ליב מענשען מיט ריינע, ווייסענקע הענד; זאָל פון זיי שמעקען פּאַרפומען... אַלע רופען דיך „נבלה" „פגירה"... איך בין אַנ'אָרימע, די מאַמע שלאָגט מיך—עס מאַכט ניט אויס; ניט שטענדיג וועט אַזוי זיין... איך האָב ליב ריינע מענשען...

מ ע נ ד י ל (ערוואַכענד, מיט אַ נאַריש שמייכעל). אויף מיינע נאמנות! איך שווער דיר—אויף מיינע נאמנות, רייזעל! „בערעל חזיר" שינדט אויך פערד —אויף מיינע נאמנות!—ער שינדט...

ר י י ז ע ל. שווער זיך!

מ ע נ ד י ל. אויף מיינע נאמנות!

ר י י ז ע ל. ס'אַליגען!

מ ע נ ד י ל (קלאַפּט זיך אין הארצען). אויף מיינע נאמנות זאָג איך דיר, רייזעל!

ר י י ז ע ל. ביזט אַ ליגנער! פון בערלען הערט זיך קיין שום ריח נישט... בערעל איז... בערעל איז אַ אַריסטאָקראַט... (טראַכט אַ ווײלע) איך וועל זאָגען בערלען, איך וועל איהם פרעגען, אויב ס'איז אמת...

מ ע נ ד י ל. אויף מיינע נאמנות זאָג איך דיר... (ווערט פלוצים צוטומעלט) אַ מפלה אויף זיי! (אין כעס) רייזעל! הערסט; אַ רוח אין זייער טאַטענס־טאַטען אריין! הערסט רייזעל?! נאַ דיר אַ האַלץ, (זוכט) נאַ דיר אַ האַלץ, צופלעט מיר דעם קאָפּ... זאָג, איך בין אַ שלעכטער?... זאָג, רייזעל, אַ פייער אויף זיי! גנבים! אַ בייזער יאָהר אויף זיי! גנבים! הערסט רייזעל?!

ר י י ז ע ל. וואָס קאָכסט זיך אַזוי?

מ ע נ ד י ל. איך... איך... (די ווערטער האַקען זיך איהם אָב).

ר י י ז ע ל. די מאַמע שלאָגט מיך, זי גיט ניט צו עסען... פון דעסטוועגען... איך בין נאָך ניט קיין פערפאַלענע...

**מענדיל.** איך וועל איהר צושפּאַלטען דעם מוח! גע־דענקסט נעכטען ביי נאַכט? הער רייזעל... פֿאָלג מיר... געה נאָר אויף אַ מינוט אַרויס פֿון שטוב, געה נאָר אַרויס... וועסט זעהן, איך וועל... (קוקט איהר אָן ווי ער וואָלט וואַרטען אויף אַ תשובה).

**רייזעל.** (קוקט איהם אָן רחמנות'דיג מיט עקעל צוזאַמען).

**מענדיל.** (בעט זיך) זאָג, וואָס פֿאַר אַ ריח הערט זיך דיר פֿון מיר? זאָג! דער „חזיר“ ימח שמו, זאָל ער ווערען — ער האָט עס דיר אָנגערעדט, אַ!

**רייזעל** (זעצט זיך ביים טיש). איך האָב נאָך אויך אַ נאָז...

**מענדיל.** איך וועל אָנטהון די שבת'דיגע זאַכען... איך וועל די הויט פֿון זיך אַראָפּרייסען — הער רייזעל... איך וועל וואַרפֿען די... איך וועל... איך וועל טהון אַנ'אַנדער מלאכה... איך וועל דיך אויף די הענד טראָגען... וועסט ביי מיר זיין אַ פּריצטע... הערסט? רייזעל; גוט? איך האָב רחמנות אויף דיר. איך קען ניט זעהן, ווי די מאַמע שלאָגט דיך... כ'האָב נעכטען שיער ניט געוויינט, אַז זי האָט דיך געשלאָגען מיט די קולאַקעס אין קאָפּ... (וואַרט אויף אַ תשובה).

**רייזעל** (פֿערטראַכט זיך שטאַרק, קוקענדיג אויף איהרע נייע שיך).

**אַברוש** (הייבט זיך פּלוצלונג אויף פֿון געלעגער, בלייבט שטעהן, שאָקעלט זיך). מענדיל? אַ מענדיל! (קליינע פּויזע).

**רייזעל.** דער פֿיינער טאַטע דיינער... דער פּיאַניצע, ער אויך... פּיאַניצע. (געהט אַרויס).

**מענדיל** (געהט צו צו אַברוש'ען). טאַטע! טאַטע!

**אַברוש** (רעדט שווער). וואָס ווילסטו?

**מענדיל** (אויפֿגערעגט). וואָס ביזטו אַ פּיאַניצע, זאָג, אַ שכּור, — פֿאַר וואָס ביזטו — דו טהוסט מיר אָן אַ חרפּה (טרייסעלט איהם פֿאַר'ן האַנד) אַברוש! הער אַברוש! כ'וויל ניט זיין דיין זוהן (קוקט צום טיהר). פֿאַר וואָס ביזטו אַ פּיאַניצע — אַ?!...

**אַברוש** (קוים וואָס ער רעדט.) מ—מענדיל? מ—מענדיל! דיין טאַטען... אַ? ווילסט שלאָגען דיין טאַטען... דעם אַלטען טאַ—טען...

**מענדיל** (רעדט מיט גרויס התלהבות. זיינע ווערטער האַקען זיך איהם אָב יעדער ווייל). דו... אַברוש? ביזט אַברוש! אַ שכּיר ביזטו... די מאַמע האָט דיך אַרויסגעטריבען... נחמה'לע... נחמה'לע... זאָג מיר... זאָג מיר... אַברוש!

**אַברוש** (קוקט איהם אָן מיט אויסגעגלאָצטע אויגען) מ—מענדיל?..

מענדיל (זעצט ארום זיך). זאג מיר, אברוש גנב! פאר וואס האסטו מיר געמאכט פאר א שינדער, אברוש! זאג... זאג,— (די טרערן ווערגען איהם אין האלז) זאג... אלע אנטלויפען פון מיר... פאר א „נבלה" וואס האסטו מיר געמאכט?!... א שניידער האב איך געקענט זיין — אויף מיינע נאמנות — א שניידער!... (שמעקט זיינע קליידער) נא, זעה וואס דו האסט געמאכט פון מיר (שרייט ווי א משוגע'נער), פאר וואס האסטו מיר געמאכט פאר א נבלה—פאר וואס האסטו מיר געמאכט?!...

אברוש (זיצט אויפ'ן בעט, דער קאפ אראבגעהאנגען).
רב אב—א! ררב אב— ... (שטארקט זיך, שלעפט די ווערטער),
מ—מענדיל, כ'בין אפיא=ניצע... א שש=כור... (שאקעלט מיט'ן קאפ).
מחנות פערד... גענעראלען האבען געריטען... מ—מענדיל!
וואס וויינסטו... וואס...

מענדיל (שטעהט נעבען אברושען אראבגעלאזען דער קאפ, שרייט מיט א ווילדע בהמה'שע שטימע). דו... דו... דו... האסט מיך... א שניי=דער האב איך געוואלט זיין... כ'האב געוואלט... שרייבען וואלט איך אויך געקענט... כ'האב געוואלט קענען (קוקט אברושען גלייך אין די אויגען) זאג! פאר וואס האסטו מיר געמאכט פאר א נבלה?!...

אברוש (פערוואונדעט). ביזט משוגע מ=מענדיל?!... איך בין שולדיג—מ=מענדיל? איך... (קלאפט זיך אין הארצען). איך... איך... נעם מענדיל א ש=שטעקען... שלאג מיר מ=מענדיל... א שכור, מ=מענדיל... א איד א שכור, מ=מענדיל... א איד... זי... דיין מאמע... שפרינצע... הערסט מ=מענדיל. — זי... שפרינצע... (שפאצירט אום פערקויפט די פעל?... פינף רוביל?... האסט... א?...

מענדיל (ווילד). מכות!... מכות וועל איך דיר געבען!... זאג מיר!... זאג... פארוואס... פאר...

נחמה'לע (בעוויזט זיך אין טיהר, געקליידעט ווי א שילערין, בלייבט שטעהן אין טיהר דערשראקען... אברוש און מענדיל קוקען ביידע פער=וואונדערט). מענדיל, מענדיל... (פערהאקט זיך) מענדיל, די מאמע איז קראנק געווארען, זי וויל, אז דו זאלסט קומען...

מענדיל (קוקט איהר אן, ברומט וואס).

נחמה'לע. וואס שטעהסטו און קוקסט? כ'האב דאך דיר געזאגט, אז די מאמע איז קראנק געווארען! דו געהסט?

מענדיל (ברומט). כ'על געהן...

אברוש (ערוואכענד). א, נ=נחמה'לע... ט=טאכטער מיינע... (געהט צו איהר) נחמ=מה'לע...

**נחמה׳לע** (פֿערקריִמט דאָס געזיִכט) . מענדיִל ! זאָלסט באַלד געהן , הערסט ? (געהט אַרויס) .

**אַברוּש** (לאָזט זיִך צום טיִהר פֿאַלט פֿון די פֿיִס) . נ=נ=חמה׳לע ! ט=טאָכטער מיינע ... נחמ ... זאָג ... זאָג ... פאַר וואָס ... זאָג ... ז=זאָג פֿאַר וואָס ... פֿ=פֿאַר ...

(פֿאָרהאַנג) .

# דריטער אקט.

ביי שפּרינצען אין דירה.

צוויי צימערן, איינער נעבען דעם אַנדערן. געמעבלירט גאַנץ איינפאַך, נאָר אַלץ איז דאָרט אין אָרדענונג.

אין דעם ערשטען צימער, ביי דער רעכטער וואַנד שטעהט אַ בעט און נעבען איהר אַ טישעלע מיט גלעזלעך, פלעשלאַך מיט רפואות. נעבען וואַנד, לינקס, שטעהט אַ טיש מיט שטו- לען א. ד. גל. אויפ'ן בעט ליגט שפּרינצע, קראַנק. נעבען איהר זיצט גיטעל. נאָך האַלבען טאָג.

שפּרינצע (נאָך אַ קורצען שטילשוויינגען). אָט אַזוי, מיין פריינד; אַז אַ מענש איז געזונד שפּירט ער גאָר ניט. די עלטער טהוט זיך אָבער איהרס; מיט אַמאָל קומט זי אָן (שווייגט אַ ווייל"ע), דרייסיג יאָהר... שוין דרייסיג יאָהר בין איך אַזוי עלענד ווי אַ שטיין.

גיטעל. דעם, וועמען גאָט העלפט, איז די וועלט אַ חתונה, נאָר אַז דער, וואָס אין הימעל, נעמט צו דאָס שטיקעל מזל — איז נאָך אַלעמען.

שפּרינצע (איהר איז שווער צו רעדען). כ'וואָלט נאָך וועלען אַביסעל אונטערלעבען. נחמה'לע איז דאָך נאָך גאָר אַ קינד — וואָס קען ווערען חלילה פון איהר, אַז איך זאָל ניט זיין? נאָר צוליב איהר וואָלט איך נאָך וועלען אַביסעל... כ'האָב זיך פיינד צו בעקלאָגען, חלילה. אויב מיר זאָלען וועלען, קען איך זאָגען פונקט פערקערט: וואָס פעלט מיר? פון איהר האָב איך דאָך גאָר פערגעניגען, און וויטער... עט — מיט דעם און אָהן דעם! אַ נאַ- רישע וועלט, מיין פריינד! (שווייגט אַ ווייל"ע) מען האָט גערעדט אויף מיר, וואָס כ'האָב איהם געניט גט צו געבען (זיפצט) וואָס האָב איך געזאָלט טהאָן, וואָס? כ'האָב געוואָלט ראַטעווען דאָס מיידעל... שלעפט זיך אַרום שכור אין די גאַסען.

גיטעל. ווי איז ער פריהער געווען?

שפּרינצע. פאַר'ן גט?

גיטעל. יאָ.

שפרינצע (מאַכֿט מיט'ן האַנד) עט. כֿ'האָב פֿיינד איבערצוחזרן זאַכֿען וואָס ס'איז געוועזן. באַלד נאָך דער חתונה האָט מיר שוין דאָס האַרץ ניט געצויגען צו איהם. אַ „פֿערד־הענדלער" און אַ „פֿערד גנב" איז ביי מיר אַלץ איינס. די מאַמע מיינע, זאָל זיין אין גן־עדן, האָט זיך געהיצט — ער איז אַ רייכֿער געוועזן. איך האָב די עשירות ניט געזעהן... די גאַנצע „תוכֿחה" האָב איך יאָ געזעהן... אַ דאַנק דעם וואָס אין הימעל, וואָס נחמה'לע איז ניט גערואָטען אין איהם. דער בן יחיד איז שוין פונקט אין איהם גערואָטען.

גיטעל. וואָרום וואָס, ער איז אויך אַ פיאַניצע, חלילה?

שפרינצע. דוכֿט זיך, אַז ניט — און אפשר — ווער ווייסט? צוזאַמען מיט'ן טאַטען זיינעם איז ער, (שווייגט אַ ווײַלע), כֿ'האָב געשיקט נחמה'לען, זי זאָל איהם רופֿען, פֿון דעסטוועגען פֿאָרט אַ מאַמע — אַ מאַמעס האַרץ טהוט וועה... אַ „בן יחיד", דער איינציגער „קדיש" מיינער, כֿ'האָב איהם שוין אפשר פֿון אַ האַלבֿ יאָהר ניט געזעהען... נחמה'לע האָט ניט געוואָלט געהן, כֿ'האָב זי קוים איינגעבעטען.

גיטעל. אָהן איין עין־הרע אַ וואויל קינד נחמה'לע.

שפרינצע. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ יאָהר צוריק. זי האָט אַ גרויסע טאָכֿטער. מען דערציילט, וואָס דאָרטען טהוט זיך אָב אין שטוב... וואָרום וואָס? אַז זי האָט איהם גענומען, איז זי מסתמא ניט בעסער פֿון איהם.

גיטעל. אַנ'אַלמנה? אַ גרושה?

שפרינצע. מיר דוכֿט, אַז אַ גרושה איז זי. אוי! וואָס זאַמט זי זיך עס אַזוי לאַנג! אַז זי געהט אַוועק, איז מיר יעדער מינוט אַ שעה — אַ שעה יעדער מינוט... האָט נעבאַך ניט געוואָלט געהן. אוי! עס שטעכֿט מיר דאָס גאַנצע לייב, ווי מיט נאָדלען. שטאַרק פֿערקילט זיך.

גיטעל. מיט אַ פֿעטס אויסשמירען וואָלט ניט שאַדען, מיט אַ פעטס די זייטען... (פויזע).

שפרינצע. אַז איך בין געזונד, פֿערדרייט מיט דער ביטערער פרנסה, פֿערגעסט זיך אַלץ. נאָר איצטער, אַז אַמענש ליגט אין בעט, קריכֿען פֿערשיידענע געדאַנקען אין קאָפּ. כֿ'האָב קיין מאָל ניט געטראַכֿט פֿון אַ סך קינדער... נאָר איצטער... ס'וואָלט מיר עפעס, דוכֿט זיך, גרינגער זיין, ווען אַפֿילע קינדער וואָלטען זיין אַרום מיר... קינדער. ס'פֿערשטעהט זיך — קינדער רעכֿטע. ס'האָט מיר דאָס האַרץ וועה געטהאָן די גאַנצע נאַכֿט, און ביי מיר איז געבליבען — שיקען איהם רופֿען. כֿ'וואָלט איהם שוין

וועלען זעהן — האָטש איך ווייס, אַז קיין גרויס פערגניגען וועט ער מיר ניט פערשאַפען.

גיטעל. וואָס רעדט איהר? אַ זון איז פאָרט אַ זון. מיט וואָס פערנעמט ער זיך?

שפרינצע. ווער ווייסט איהם דאָרט? — מיט פעל, האָט מען געזאָגט, פערנעמט ער זיך.

גיטעל. ניט קיין שלעכטער מסחר.

שפרינצע. ניט קיין שלעכטער מסחר; וואָס קומט אָבער דערפון אַרויס? אַז ער אַליין איז קיין מענש ניט.

גיטעל. אַלס איז פון דעם, וואָס כ'בין ניט ווערט צו דערמאָנען זיין נאָמען... נחמה'לע איז אַ גאָלדען קינד

שפרינצע. נאָר דאָס שטיקעלע מזל...

נחמה'לע (קומט אַריין, די באַקען, די אויגען רויט). אַ טייערע מלאכה האָסטו מיר, מאַמע, געגעבען, אַ טייערע מלאכה!

שפרינצע. ביזט דאָרט געוועזען?

נחמה'לע. איך בין געוועזען.

שפרינצע. וואָס ביזטו אַזוי געלאָפען? זעה, ווי דו ביזט פערמאַטערט, אַזוי פערשוויצט!

גיטעל. קיין בייז זאָל ניט זיין. וועסט עסען מיט מעהר אַפעטיט. פון אַ מאַמעס וועגען מעג מען אַלץ טהון — בפרט פאַר אַ קראַנקער מאַמע. וואָס טהוען ניט די מאַמעס פון זייערע קינדערס וועגען? אַלץ! דעם גוף מיט דער נשמה אין איינעם זענען זיי מקריב פון זייערט וועגען (שטעלט זיך) נו, איצטער קען איך שוין געהן, אַז איהר האָט שוין געבען זיך די בת־יחיד'קע.

שפרינצע. וואָס היילט איהר זיך אַזוי?

גיטעל. גאָט איז מיט אייך! כ'האָב דאָך עפּעס געלאָזען, קיין עין־הרע, אַ שטוב. כ'וועל שוין בעסער אין אָוועגד אַריינקומען... נו, זאָל אייך גאָט שיקען די רפואה. אַ גוטען טאָג! זייט געזונד! (געהט אַרויס).

נחמה'לע (זעצט זיך ביין טיש, אומעדיג). אין אַ פיינע שליחות האָסטו מיר געשיקט.

גיטעל (עפענט די טיהר). איהר זאָלט ניט פערגעסען, שפרינצע, וואָס כ'האָב אייך געזאָגט: מיט אַ פעטס די זייט איינשמירען. דאָס איז די בעסטע רפואה.

שפרינצע. אין אָוועגד, אי"ה, וועל איך עס טהאָן.

גיטעל. געוויס, געוויס (פערמאַכט די טיהר).

**שפרינצע** (נאָך אַ קורצען שווייגען). וואָס איז דאָרט, מיין מאַלטער?

**נחמה׳לע.** בעסער, אַז דו וועסט גאָר ניט פרעגען.

**שפרינצע.** דו האָסט איהם געזעהן? וואָס, ער וועט קומען?

**נחמה׳לע.** כ׳ווייס ניט, צו ער וועט קומען.

**שפרינצע.** האָסט איהם געטראָפען אין דערהיים?

**נחמה׳לע.** געטראָפען.

**שפרינצע.** ווער נאָך איז דאָרט געווען?

**נחמה׳לע.** זענען ביידע געווען.

**שפרינצע.** „ער" איז אויך געווען?

**נחמה׳לע.** געווען.

**שפרינצע** (קוקט אָן נחמה׳לען אומרוהיג). וואָס ביזטו אַזוי אויפגערעגט? ס׳איז וואָס געשעהן?

**נחמה׳לע.** ס׳איז גאָר ניט געשעהן.

**שפרינצע.** טאָ וואָס — ביזטו עפּעס...?

**נחמה׳לע** (מיט טרערען אין די אויגען). איך רעג זיך. ווען איך וואָלט אפילו אַ האַלץ געווען, וואָלט איך אויך גע‌דאַרפט קלאָגען. אַז איך זעה, ווער מיין טאַטע איז, און ווער מיין ברודער איז. אַנ׳אמת׳ער קבר איז דאָרט ביי זיי. פינסטער, בלאָטע ביז׳ן האַלז — עס קלאַפּט מיר דאָס האַרץ, ווי ביי אַ „גזלן". כ׳האָב גע‌עפענט די טיהר, האָב איך זיך דערשראָקען. אַז איך בין נאָך געווען אין הייזעל, אונטער׳ן טיהר — וואָלסט זעהן אַ הייזעל! האָב איך געהערט קולות, ווי מען רייסט זיך — כ׳האָב גלייך דערקענט מענדיל׳ס קול. כ׳האָב ניט געוואוסט וואָס איך זאָל טהאָן. כ׳האָב מורא געהאַט צו עפענען די טיהר, טאָמער וועלען זיי מיך נאָך שלאָגען.

**שפרינצע** (זיפצט). וועה איז מיר!

**נחמה׳לע.** איך עפען די טיהר, און די הענד ציטערען מיר, ווי פון קדחת — און איך האָב עס דערזעהן אַ קאַרטינע: „ער" שטעהט שכור, פאַלט פון די פיס, ברומט עפּעס האַלבע ווערטער, און מענדיל שטעהט נעבען איהם, האַלט איהם פאַר די לאַצען און טרייסעלט איהם.

**שפרינצע** (דערשראָקען). ער האָט איהם געשלאָגען — דעם טאַטען זיינעם?!

**נחמה׳לע.** דוכט מיר, אַז ער האָט איהם געשלאָגען. נאָר באַלד ווי איך בין אריבער דעם שוועל — מעהר ווי איבער׳ן שוועל בין איך ניט אריבערגעטראָטען — זענען זיי ביידע געבליבען

שטעהן, ווי פלעקער — און האבען מיך אנגעקוקט מיט אויסגע-גלאצטע אויגען ווי משוגעים — אמת'ע משוגעים!

**שפרינצע.** וואס האסטו זיי געזאגט?

**נחמה'לע.** כ'האב געזאגט מענדלען, אז דו ביזט קראנק און דו ווילסט איהם זעהן.

**שפרינצע.** וואס האט ער געענטפערט!

**נחמה'לה.** איך ווייס ניט. איך בין גלייך ארויסגעלאפען — כ'האב געמיינט אז כ'בין אריינגעפאלען ערגעץ צו גנבים, אדער אין א משוגעים-הויז. (פויזע).

**שפרינצע** (זיפצט). אט אזוי איז עס, מיין טאכטער. ווען דו ביזט געווען א קליינענקע, פלעגסטו שטענדיג פרעגען: וואו איז דער טאטע? איך פלעג שווייגען, כ'האב ניט געוואוסט, וואס דיר צו ענטפערען. נאר איצטער — ביזט שוין גאט צו דאנקען אויסגעוואקסען. פערשטעהסט שוין אליין. איך דארף דיר שוין ניט רעדען (נאך א קורצען שווייגען), ווי זעהט ער אויס?

**נחמהלע.** ווער?

**שפרינצע.** דער טאטע דיינער.

**נחמה'לע** (מיט עקעל). מורא'דיג. שמוציג — מאוס צו קו-קען אויף איהם.

**שפרינצע.** און מענדיל?

**נחמה'לע.** כ'האב דאך דיר געזאגט, אז כ'האב געמיינט, ער איז משוגע. ער וועט אפשר קומען, וועסטו שוין זעהן. אב-געריסען, אבגעשליסען, בעוואקסען מיט האר, ווי א שד.

**שפרינצע** (זעצט זיך אנידער). וואס האב איך געקענט טהאן וואס? (שאקעלט מיט'ן קאפ) כ'האב קיין אנדער עצה ניט גע-האט. ער האט ניט געוואלט זיין מיט מיר. נאר צו די פערד האט איהם עפעס א „נישט גוטער" געצויגען. אין וועמען איז ער געראטען אין וועמען? וועה איז מיר! אין מיין משפחה איז ניטא אזוינע; אין מיין משפחה איז ניטא אזוינע גראבע יונגען, וועה איז מיר... (נאך א קורצען שווייגען) צו דער עלטער... כ'האב גע-קענט לעבען אין הרחבה, נאר... (עס האקען זיך איהר איבער די ווערטער).

**נחמה'לע.** כ'האב דיר פערגעסען צו דערציילען, אז איך בין ארויסגעגאנגען, האט ער זיך געלאזט לויפען נאך מיר און געשריען מיט א הייזעריגען קול: נחמה'לע, נחמה'לע! — איך האב מורא געהאט דארט צו פערבלייבען.

**שפרינצע.** האסט ניט בעדארפט אנטלויפען. אדרבה,

האָסט געדאַרפֿט רעדען מיט איהם. אויסהערען — אפֿשר האָט ער דיר געוואָלט דערציילען וואָס.

**נחמה׳לע.** איך האָב מורא געהאַט. אַז דו ווייסט ניט, מאַמע, וואו, אין וואָס פֿאַר אַ גיהנום זיי ליגען, אין אַ גרוב.

**שפרינצע** (וויינט). גאָט דאַרף מיך מיט מיין טאָכטער ניט שטראָפֿען...

**נחמה׳לע.** ווען איך וואָלט האָבען אַ טאַטען ווי אַלע... אַ מענשען — וואָלט, אפֿשר, אַלץ אַנדערש געווען... די „חרפה"! בעגראָבען זיך דאַרף מען פֿאַר בושה.

**שפרינצע** (נאָך אַ קורצען שווייגען). וואָס זאָל איך טהאָן, וואָס קען איך מאַכען? אוי, דער עלטער, קראַנק געוואָרען... וואָס, מיינסטו, האָט אַ ווערדע אַ מענש צו דער עלטער? פֿונ־דעסטוועגען — ער איז דאָך מיין זון — אַ קינד... דיין ברודער — אונטער איין הארצען געטראָגען... פֿון איין ברוסט געזויגען.

**נחמה׳לע** (רעגט זיך). וואָס פֿאַר אַ ברודער איז ער מיר? איך וויל איהם גאָר ניט קענען! איך וויל איהם גאָר ניט אָנקו־קען. ער וועט קומען, וועל איך אַרויסגעהן פֿון שטוב.

**שפרינצע.** זאָלסט עס נישט טהאָן, נשמה מיינע, זאָלסט עס נישט טהאָן. אדרבה, זיי פֿריינדליך צו איהם, רעד מיט איהם. וואָס, טויזענד ברידער האָסטו? דו הערסט, נחמה׳לע?

**נחמה׳לע.** איידער אַזאַ ברודער איז שוין גלייכער גאָר ניט!

**שפרינצע.** וואָלסט זיך, אַזוי, ניט דערווייטערט פֿון איהם, וואָלט ער, אפשר, געקומען אַהער, וואָלט ער זיך, אפשר, נישט דערווייטערט אַזוי פֿון אונזער שטוב.

**נחמה׳לע.** אַז איך וויל איהם גאָר ניט קענען. אַ שטיק אידיאָט. אַ פרא אדם — אַ שינדער!

**שפרינצע** (לעגט זיך. קרעכצט. פויזע).

**נחמה׳לע.** ס׳איז שוין צייט, מאַמע, איינצונעמען די רפֿואות.

**שפרינצע.** איך בעט דיר, טאָכטערשו, נאָך אַמאָל, אַז מענדיל וועט קומען זאָלסטו זיך ניט דערוועגען...

**מענדיל.** (עפֿענט די טהיר. שטעקט אַריין דעם קאָפּ און קוקט תּמ׳וואַטע אין שטוב אַריין).

**שפרינצע** (רעגט זיך). קום אַריין! וואָס ביזטו געבליבען שטעהן אין טיהר? דו שעמסט זיך... (צו נחמה׳לען) הער מיין קינד, געדענק, וואָס איך כ׳האָב דיר אָנגעזאָגט.

מענדיל (קומט אַריין. געהט צו שטיל צום בעט. שטאַרק אויפֿגערעגט, ווי נאָך אַ מלחמה). ביזט קראַנק, מאַמע, וואָס מאַכסטו?

שפּרינצע איך בין קראַנק; דו זעהסט דאָך (קוקט איהם אָן).

נחמה׳לע (זעצט זיך מיט׳ן פּלייצע צום שטוב, בלעטערט עפּעס אַ בוך).

שפּרינצע. נעם אַ שטול און זעץ זיך — וואָס שטעהסטו?

מענדיל (קוקט זיך אַרום. קוקט צו נחמה׳לען). וואָס מאַכסטו?

שפּרינצע (צו נחמה׳לען). פֿאַר וואָס ענטפֿערסטו איהם ניט? ער פֿרעגט דאָך דיך, וואָס דו מאַכסט!

נחמה׳לע (ניט אָבקערענדיג זיך צו זיי). ער זעהט דאָך, אַז איך בין געזונד.

שפּרינצע. פֿאַר וואָס זעצטו זיך ניט? האָסט מורא פֿאַר אונז.

נחמה׳לע (דערלאַנגט אַ שטול פֿאַר מענדלען).

מענדיל (מיט אַ שוואַכער שטימע). כ׳האָב ניט מורא — וואָס זאָל איך מורא האָבען? (זעצט זיך). וואָס טהוט דיר וועה, מאַמע?

שפּרינצע (די טרערען שטיקען זי אין האַלז). וואָס פֿאַר אַ מלבושים טראָגסטו אויף זיך? וואָס ביזטו אַזוי אָבגעריסען! האָסטו גאָר ניט קיין אַנדערע מלבושים?

מענדיל (בעקוקט זיינע בגדים, פֿערשעמט). אַ? מיינע זאַכען?...

נחמה׳לע. געוויס האָט ער ניט קיין אַנדערע זאַכען.

מענדיל (ערוואַכענד). פֿון וואַנען ווייסטו, אַז כ׳האָב ניט קיין אַנדערע זאַכען? פּונקט ווי זי וואָלט געזעהן, וואָס ביי מיר אין „טשאַמאָדאַן" איז! כ׳האָב נאָך וואָס אָנצוטהאָן — כ׳האָב נאָך...

נחמה׳לע. אפשר האָסטו.

שפּרינצע. פֿערדינסטו חאָטש אויף דער הוצאה?

מענדיל. איך פֿערדין; אַודאי פֿערדין איך — ווי דען? (קליינע פּויזע).

שפּרינצע. וואָס ביזטו אַזוי צוקאָכט, אויפֿגערעגט?

מענדיל (שווייגט, דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזען).

שפּרינצע (קוקט איהם אָן מיט אַ מוטערליכען ווייכען בליק). פֿאַר וואָס, זאָג מיר, מיין קינד, האָסטו זיך אַזוי פֿון אונז דערווייטערט, פֿאַר וואָס ביזטו ווי אַ פֿרעמדער געוואָרען צו אונז? דו שוין מעהר ווי אַ האַלב יאָהר, אַז כ׳האָב דיך ניט געזעהען. דו האָסט אפילו ניט געוואוסט, אַז איך ליג קראַנק...

מענדיל. אַברוש, אַ מפּלה אויף איהם, ער אַליין...

**נחמה׳לע.** ש־ש־ש שריי נאָר ניט אַזוי דאָ; זיי נאָר דאָ ניט אין כעס —

**מענדיל** (פֿערשעמט. דאָס געזיכט ווערט בייז).

**שפּרינצע** (ס׳איז איהר שווער צו רעדען). שטענדיג ביזטו גע־לאָפֿען צו די פֿערד — וואָס איך האָב עס ניט געקענט פֿערטראָ־גען... וואָס איז געוועזען מיין גאַנצע האָפֿנונג, מיין פֿערלאַנג? אַז דו זאָלסט געהן אין גלייכען וועג, דו זאָלסט זיין אַ שטיקעל „מענש", (בעוויזט אויף נחמה׳לען) אָט זעה זי — פֿון איין טאַטע מאַמע געבאָ־רען געוואָרען... פֿון איין ברוסט געזויגען... זאָג, פֿאַר וואָס האָס־טו זיך אַזוי דערווייטערט פֿון אונז?

**מענדיל.** מאַמע זאָג, וואָס רעדסטו עס?

**שפּרינצע.** וואָס דען זאָל איך רעדען, אַז ניט דאָס? ווען איך וואָלט דיך אַמאָל זעהן. איך זעה דיך אין די אויגען ניט אָן (שווייגט אַ ווײַלע), וואָס הערט זיך עס פֿון דיר עפּעס אַמאָדנער ריח...? פֿאַר וואָס האָסטו ניט אָנגעטהאָן קיין אַנדערע זאַכען — ריינערע?

**מענדיל** (העכער) מאַמע! וואָס רעדסטו עס — זאָג מיר? שוויג בעסער!

**נחמה׳לע.** שריי ניט אַזוי. זעהסט דאָך, די מאַמע איז קראַנק.

**שפּרינצע** (נאָך אַ קורצען שווייגען). וואָס רעד איך דען! איך פֿרעג, וואָס דו ביזט אַזוי אָנגעטהון, ווי דער ערגסטער... דיין טאַטע דער פּיאַניצע — און דו זיצט דאָרט מיט איהם... ווער וויסט, וואָס פֿאַר אַ טייוועל ער האָט דאָרט גענומען... וואָס איז דאָרט פֿאַר אַמויד אין שטוב?...

**מענדיל** (קאָכט זיך). וואָלסטו וויסען ויאָס פֿאַר אַ „טייוועל" ער האָט גענומען! זי פֿערהרגט אַלעמען — די טאָכטער און איהם... (בלייבט פּלוצלונג שטיל).

**שפּרינצע.** וואָס דערציילט זי עפּעס, אַז זי האָט גע־עפֿענט די טיהר איז געוועזען אַ געשלעג צווישען דיר מיט׳ן טאַטען?

**מענדיל** (שווייגט).

**שפּרינצע** (קוקט אָן מענדלען, שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ).

**מענדיל.** וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן?...

**שפּרינצע.** איך בין דאָך דיינע אַ מאַמע. אויב דו האָסט זיך ניט אויפֿגעפֿיהרט ווי עס בעדאַרף צו זיין; אויב דו ביזט ניט געגאַנגען אין דעם וועג, ווי איך האָב פֿערלאַנגט — פֿונדעסט־וועגען קען איך זיך דאָך ניט אָבזאָגען פֿון דיר, — ביזט פֿאָרט

מיינס אַ קינד און איך—דיינע אַ מאַמע... וואָס טהוסטו, וואָס דו ביזט אַזוי פערשמירט, אַזוי פערפּאַטשקעט?...

**מענדיל** (וואַשט אין די קעשענעס).

**שפּרינצע.** וואָס זוכסטו?

**מענדיל.** געלד וויל איך דיר געבען; איך פערדין נאָך געגנוג געלט פערדין איך.

**שפּרינצע** (מאַכט מיט׳ן האַנד). דערווייל האָב איך נאָך גענוג, דערווייל דאַרף איך ניט. האַלט זיך דיין געלד, האַלט זיך—אפשר, אַז כ׳וועל שוין קיין אַנדער עצה ניט האָבען...

**מענדיל** (שטאַמעלט). אָבער כ׳האָב געלט...

**שפּרינצע.** פאַר די געלד בעסער וואָלסטו מאַכען זיך זאַכען אַנדערע—זעה ווי דו ביזט אָנגעטאָהן—ס׳איז דאָך אַ חרפה, אַ שאַנד!

**נחמה׳לע.** מסתמא געפעלט איהם אַזאַ „גאַנג".

**שפּרינצע.** וועה איז מיר, וועה איז מיר!

**מענדיל** (קלאָגט זיך). מאַמע! מאַמע! וואָס רעדסט עס מאַמע?! איך ווער אין כעס, זאָג איך דיר!

**נחמלה.** ש—שש!

**מענדיל** (וואַרפט נחמה׳לען אַ שאַרפען בליק). ווער ביזטו, זאָג? אויך מיר אַ „שוועסטער"! טפוי אויף דיר!

**נחמה׳לע.** האָסט קיין רעכט ניט דאָ אין שטוב סקאַנדאַלען צו מאַכען! דאָ אין שטוב... די מאַמע ליגט קראַנק!

**מענדיל.** איהר קענט זי, די „בריאה"? צווישען די פינגער, צווישען די פינגער וועל איך דיך צורייבען; אויף קאַשע וועל איך דיך באַלד צורייבען!

**שפּרינצע** (צו נחמה׳לען). טהו דאַרט דיין אַרבייט, טהו דאַרט, כ׳בעט דיך...

**מענדיל** (הויבט זיך אויף, שטאַרק אויפגערעגט).

**שפּרינצע** (רעדט ווייך). וואָס האָסטו זיך אויפגעהויבען? וואָס ביזטו אין כעס, מענדיל? וואָס רעד איך דען? איך בין דאָך דיין מאַמע—אַ מאַמע מעג דאָך זאָגען דעם אמת... ווער זאָל דיר רעדען, אויב ניט אַ מאַמע?... וואָס ביזטו אַזוי אויפגערעגט געוואָרען, אַז כ׳האָב דיר וואָס גערעדט?...

**מענדיל** (ערוואַכענד). מאַמע! מאַמע!... הער מאַמע! (בלייבט שטיל).

**שפּרינצע.** מענדיל. זעה דו ביסט געקומען צו אַ מאַמען, צו אַ קראַנקער מאַמען! אוי וועה... אַ קראַנקע מאַמע...

**מענדיל** (שרייט). איך געה אַוועק; מיר איז דאָ... מאַמע!

זאָג מיר מאַמע ... זאָג, פאַר וואָס?!... זאָג, פאַר וואָס מאַמע האָסטו מיר ניט געגעבען צו עסען? אַ? פאַר וואָס, אַ? (ווייזט מיט'ן פינגער). פאַר וואָס האָסטו מיר אַרויסגעטריבען פון שטוב?... איך בין געווען אַ קליין אינגעל, בין איך געווען ... אַברוש אַ בייזער יאָהר אויף איהם!... הער מאַמע... איך וועל איהם דערשטיקען... איך וועל איהם מאַכען דעם טוידט. אַברושען!... וועסט זעהן—נאָך היינט ביי נאַכט וועל איך איהם דערשטיקען... נאָך היינט ביי נאַכט!

שפרינצע (רייסט איהם איבער). מענדיל! ביזט משוגע געוואָרען?... וואָס איז מיט דיר? בערוהיג זיך... זאָג, וואָס רעדסטו, וואָס? וואָס ביזטו אין כעס?...

נחמה'לע. זאָל ער זיך געהן פון דאַנען, זאָל ער זיך געהן! כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז מען דאַרף איהם ניט רופען... זאָל ער זיך געהן!

מענדיל. אַ בייזער יאָהר אויף דיר — פאַסקודע! אַ שוועסטער—איהר קענט זי? פאַסקודע! אַ בייזער יאָהר אויף דיר! די קלאַסען געהט זי אויס—אַ יחסנ'טע, מיינט זי, איז זי שוין!... אין די קלאַסען... ביזט ביי מיר קיין „פריץ" נישט, צווישען די פינגער וועל איך דיך צורייבען!... אייך אַלעמען... כ'וועל באַלד מיט אייך אַלעמען פערקאַנטשען! הער מאַמע! זאָג איהר בעסער, אַז זי זאָל שווייגען... זאָג איהר! איך בין נאָך עלטער פון איהר, כ'האָב נאָך אַ פערשטאַנד... איך פערדין נאָך מעהר פון איהר, פערדין איך? ... מאַמע, זאָג איהר!... איך געה אַוועק פון דאַנען (געהט צום טהיר).

שפרינצע (מיט אַ וויינענדיג קול). מענדיל... מענדיל... נחמה'לע! כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, דו זאָלסט שווייגען! (פויזע).

מענדיל (שטעהט, דער קאָפּ אַראָבגעהאַנגען, קוקט אין איין פּונקט אַריין)

נחמה'לע. איך בין איהם נאָך געגאַנגען רופען, דעם טייערען תכשיט—אַ „צירונג"...

מענדיל (צו נחמה'לען). דו שווייגסט—צו ניין!... אַוועק פון מיר!—זאָג איך דיר... וועסט בעסער מאַכען, זאָג איך דיר... איך וועל אַברוש'ען דעם טויד מאַכען וועל איך... טפוי אויף אייך!... טפוי אויף אייך אַלעמען... (שווייגט אַ ווייל).

נחמה'לע. געה פון דאַנען, געה פון דאַנען...

מענדיל (שליידערט זיין היטעל אָן דרערד). געוואַלד! געוואַלד! וואָס האָט מען געמאַכט פון מיר?! וואָס ט'מען געמאַכט פון

מיר?! ... וואָס בין איך? מאַמע! זאָג, וואָס בין איך?!.. (וויינט פון כעס) מאַמע! זאָג—פאַר וואָס ביזטו מיין מאַמע?! ... אַ??!

**נחמה׳לע** (וויל איהם איינשטילען).

**שפרינצע** (וויינט). מענדיל ... מענדיל ... זאָג וואָס איז מיט דיר?—וואָס האָב איך דיר געזאָגט?... כ׳האָב דאָך דיר גאָר נישט געזאָגט ... כ׳האָב דיר מעהר ניט געפרעגט, וואָס עס שטינקט פון דיר... כ׳האָב ניט געטאָרט עס דיך פרעגען?...

**מענדיל** (שטאַמעלט). עס שטינקט פון מיר ... שטינקט פון מיר—„נבלה" שטינקט פון מיר!... איך בין אַ שינדער בין איך!.. מאַמע!... בראָך!... אַ בייזער יאָהר אויף דיר!... אַ מיתה משונה אויף דיר!... מאַמע!...

**נחמה׳לע** (שפרינגט אויף פון אָרט. שטופט איהם אַוועק). אַרויס פון דאַנען—אַרויס! „חם"! „פויער"!

**מענדיל** (צוקאָכט זיך אַלץ מעהר) אַ מפלה אויף אייך! אַ בייזער יאָהר אויף אייך!... פון מיר שטינקט... „נבלה" שטינקט פון מיר!... אַ?... וואָס זאָגסטו?... איך וועל... כ׳וועל... טפוי אויף דיר מיט רייזלען אין איינעם!... (שפייט) טפוי אויף דיר מיט רייזלען!

**נחמה׳לע** (שטויסט איהם). אַרויס „חם"!

**שפרינצע** (וויינט) קינדער ... האָט רחמנות, קינדער ...

**מענדיל** (גיט נחמה׳לען אַ שטאַרקען פאַטש. ער וועלט אַוועלע אַליין דערשראָקען פון זיין טהאָט) וואָס ... זאָג ... (קוקט איהר אָן צומישט).

**נחמה׳לע.** געוואַלד! געוואַלד! ראַטעוועט!

**שפרינצע** (דערשראָקען). נחמה׳לע!... מענדיל ... מען וועט זיך נאָך צונויפלייפען ... מענשען וועלען זיך צונויפלייפען ... מענדיל! ביזסטו משוגע, מענדיל!!?...

**מענדיל** (צו נחמה׳לען). איך וועל דיך דערשטיקען מיט רייזלען ...

**נחמה׳לע** (וואַרפט זיך נאָך אַמאָל צו מענדלען). חם! נבלה! פגר! עפוש!...

**מענדיל** (שטעהט ווי אַ צומישטער).

**שפרינצע** (בעט זיך). נחמה׳לע, מיין לעבען ... האָב רחמנות ... אויף מיר רחמנות ...

**נחמה׳לע.** די גאַל קערט דאָך פון איהם. די גאַנצע שטוב האָט ער דאָך פערשטונקען... נבלה!...

**מענדיל** (די אויגען פערגיסען זיך איהם מיט בלוט. שטאַמעלט). האַ ... אַ מפלה... אַ מפלה... כאָליערע! מגפה!... (וויינט) פאַר וואָס?... פאַר וואָס (צו שפרינצען) מאַמע! פאַר וואָס?!.. אַ בייזער...

אַברוש... רייזעל... אַברוש... (פֿאַנגט אָן רייסען די קליידער פֿון זיך. געמט אָן פֿאַר'ן לאַץ פֿון זיין רעקעל אױן מיט ווילדקייט רייסט ער אַראָב ביז אונטען. הויבט אויף זיין היטעל און צוררייסט איהם. ברומט) נבלה.. פגר... נבלה... (ברומט אונפֿערשטענדליכע ווערטער).

**נחמה'לע** (קוקט איהם אָן דערשראָקען מיט אויסגעגלאָצטע אויגען).

**שפרינצע** (הויבט זיך אויף פֿון געלעגער שטאַרק צושראָקען).

(פֿאָרהאַנג).

# פירטער אקט.

די דעקאָראַציע — ווי אין דעם ערשטען אַקט.

(אַ ווײלע שטיל אין קעלער. אויף דער סצענע זעהט זיך קײנער ניט, אַ יסער אַבּרוּש. ער ליגט אויפ'ן בּעט און כראָפּעט).

**אַבּרוּש** (ערוואַכט זיך. זינגט פאַר זיך אַליין). טי־טאַ־טאַ; טי־טאַ־טאַ, פויף! (קוקט זיך אַרום פון אַלע זייטען ניט אויפהויבּענדיג דעם קאָפּ) בּים־בּאַם־בּאַם; בּים־בּאַם־בּאַם! (זינגט מיט אַ הייזעריג אומעדיגען ניגון) מן ה־מ־צר; מן ה־מ־צר! מן־מן־מן! ק־רא־תי קר־ראתי—קרא—אא—ק—ר א א־תי יה— — — — — — — (רופט) אַבּרוּש! ... אַבּרוּש! (שלעפּט אַרויס פון הויזענקעשענע אַ פלעשעלע בּראַנפען און טרינקט. בּעהאַלט דאָס ליידיגע פלעשעל אונטער'ן קישען און לעגט זיך ווידער. פויזע).

**מענדיל** (לויפט אַריין אין שטוּב. פערשליסט די טיהר אויפ'ן שלאָס. אויפ'ן קאָפּ ניטאָ קיין היטעל. די האָר אין גרויס אונאָרדנונג. די זאַכען אויף איהם איז אויף פאַסען צוריסען, און ס'הענגט אַרום איהם שמאַטעס. לויפט אום הין און צוריק. בּלייבּט שטעהן פלוצלונג און פערטראַכט זיך שטאַרק. פאַנגט ווידער אָן אומלויפען).

**אַבּרוּש** (זינגט פון שלאָף הייזעריג). מן—ה־מ־צררר...צר...צצר...

**מענדיל** (וואַרפט זיך אַרויף ווי אַ ווילדע חיה אויף אַבּרוּש'ן און פאַנגט איהם אָן שטיקען מיט אַ ווילדען בּרומען. אַבּרוּש צאַפּעלט זיך מיט די הענד און מיט די פיס. מענדיל ציהט זיך אויף איהם אוים מיט זיין גאַנצען קערפּער און שטיקט איהם מיט אַלע כחות. בּיי אַ פּאָר מינוט ליגט ער אויף אַבּרוּשען בּרומענדיג אונפערשטענדליכע ווערטער. ער הויבּט זיך אויף. קוקט זיך אַרום ווי פערוואונדערט, פּרובּט אויפהויבּען אַבּרוּשעס האַנד, נאָכהער זיין פוס. אַבּרוּש ליגט אונבּעוועגליך. מענדיל קריכט אַראָבּ פון בּעט און טרייסעלט אַבּרוּשען, שרייט: „אַבּרוּש!... „אַבּרוּש"! אַבּרוּש—אַ? אַ—אַבּרוּש?! רייזעל! רייזעל! שטעהט אַ ווײלע אויף איין אָרט ווי אַ פּאַר שטיינערטער. פלוצלונג פאַנגט ער אָן שפּרינגען ווילד און זינגט:)

אויפ'ן לאָנקע, אויפ'ן לאָנקע, פייגלאַך פליהען!

אויפ'ן לאָנקע, אויפ'ן לאָנקע, פערדלאַך שפּרינגען!

אויפ'ן לאָנקע, אויפ'ן לאָנקע, גענזלאַך, גענזלאַך!

(שטעהט אַ ווײלע שטאַרק פערטראַכט, דער קאָפּ אַראָבּגעהאַנגען. ערוואַכט זיך, פאַנגט אָן זוכען און שרייען): רייזעל? רייזעל! רייזעל! (קוקט אונטער'ן בּעט, אונטער די טאַפּטשאַנעס, געהט צו צו אַבּרוּשען און זוכט אונטער איהם. רופט) רייזעל? ריי—זעל! רייזעל! געה אַרויס! געה

אַרויס, זאָג איך דיר. איך וועל ניט לאָזען די מאַמע זאָל דיר שלאָ־גען... (הערט זיך צו) געה אַרויס זאָג איך דיר. די מאַמע איז ניטאָ — גיעה אַרויס! (זינגט).

אויפ׳ן לאָנקע, אויפ׳ן לאָנקע—פֿערדלאַך שפּרינגען!
אויפ׳ן לאָנקע, אויפ׳ן לאָנקע—פֿייגלאַך פֿליה־ען!...

(שמעקט די קליידער זיינע און פֿערקרימט זיך שטאַרק). פּוט־פּוט־פּוט־אַברוש, אַברוש! האַ—האַ! האַ—האַ—רייזעל, קום אַהער, קום צו מיר גיכער, גיכער! זעה ס׳אַשיינער „חתן" איך בין! האַ־האַ, קום אַהער! (שלעפּט אַרויס פֿון אונטער׳ן בעט זיין טשעמאָדאַן, וויל איהם עפֿענען, נאָר ער איז פֿערשלאָסען. פֿערמעסט זיך צום טשעמאָדאַן מיט כעס: „נו, עפֿען זיך! עפֿען זיך! קלאַפּט איהם מיט זיינע פֿיס. געפֿינט ערגעץ אין אַ ווינקעל דעם האַק און פּרובּט מיט איהם עפֿענען דעם טשעמאָדאַן. געהט פּלוצלונג צו צו אַברושע,) טאַטע! טאַטע! אַ, טאַטע? (טרייסעלט איהם פֿאַר׳ן האַנד) טאַטע — שטעה אויף! שטעה אויף! שטעה אויף! חאַ—חאַ—חאַ— שטעה אויף טאַטע! (שפּרינגט נעבען בעט) שטעה אויף אַברוש... אַ סך פֿערד, פֿערד האָב איך געבּראַכט. — פֿערד!... (טרעט אָב אין אַ זייט, זינגט)

אויפ׳ן לאָנקע, אויפ׳ן לאָנקע, פֿערדלאַך, פֿערד־לאַך!

(פּרובּט נאָך אַמאָל עפֿענען דעם טשעמאָדאַן) ע־ע־ע! דאָרט איז רייזעל! האַ—האַ—האַ! (לעגט צו דעם אויער צום לעכעל פֿון שלאָס און הערט) זאָג, דו ביזט דאָרטען? אַ? דאָרטען? עפֿען! עפֿען! זעה, איך גיב דיר אַ סך געלד, אַ סך געלד! (נעמט אַרויס פֿון קעשענע זיין טייסטערעל, שיט אויס די גאַנצע געלד אויפ׳ן דעק פֿון טשעמאָדאַן און קלינגט מיט זיי) הער רייזעל! אַ סך געלד גיב איך דיר, געה אַרויס! עפֿען! עפֿען! (קלאַפּט מיט די פֿיס) עפֿען, מהום — וועסט חרטה האָבען (נעמט שנעל אַראָב דאָס געלד פֿון טשעמאָדאַן, בעהאַלט אין קעשענע, שפּרינגט מיט די פֿיס אויפ׳ן דעק) האַ! האַ! האַ—האַ! (קריכט אַראָב. צוהאַקט מיט׳ן האַק דעם דעק, רייסט אַראָב דאָס לייווענד, און דורך דער לאָך קוקט ער אַריין אינווייניג), נו. וועסט שוין אַרויסגעהן? (נעמט אַרויס איינציגווייז די זאַכען פֿון טשעמאָדאַן. בעקוקט יעדער זאַך בעזונדער מיט גרויס כונה און לעגט אין אַזייט... ביסלעכווייז לייִדיגט ער אויס דעם גאַנצען טשעמאָדאַן. זוכט צווישען די מלבושים. רופֿט:) רייזעל, וואו ביזטו? זאָג! (וויינט) וואו ביזטו? קום צו מיר! (ער קערט איבער דעם טשעמאָדאַן, טרייסעלט איהם און קוקט צו איז פֿון איהם גאָר ניט אַרויסגעפֿאַלען. שטעהט אַ ווײַלע אויף אַ ג׳אָרט און האָפֿנונגלאָז קוקט ער זיך אַרום. פֿאַנגט אָן אַרומלויפֿען איבער׳ן צימער אין דער לענג און אין דער ברייט. שטעלט זיך אָב ביי אַברוש׳עס בעט און קוקט איהם אָן אַ ווײַלע. געהט פּלוצלונג אַוועק פֿון איהם. שטעקט אַריין די הענד אין די צו־פּודעלטע האָר און שרייט:) „אין שול אַ—ריין"! (קוקט זיך צו צו זיינע זאַכען און בעמערקט, אַז זיי זענען צוריסען. מיט אַ וואונדערליכע שנעלקייט פֿאַנגט ער אָן צו רייסען פֿאַסען פֿון זיין אויבערשטען בגד, יעדער פֿאַס צורייסט ער

אויף גאָר קליינע שטיקלאַך, ווי ווייט נאָר ער קען עס בעגרייפען — שמעקט יעדער שטיקעל און מיט עקעל שליידערט ער אַוועק, נעמט זיינע שבת'דיגע זאַכען, פוצט זיי אַרום. שמעקט פון זיי עטליכע מאָל, פוצט אַרום די שיך. ציהט אַרויף די שבת'דיגע קליידער אויף די שמאַטעס וואָס עס הענגט אויף איהם. נעמט אַראָב פון וואַנד זיין שבת'דיגע היטעל און טהוט זי אָן. דאָס אַלץ ווערט געטאָהן מיט אַ ווילדע שנעלקייט, אין אַ משוגעהדיגען אינטערעס. די איבעריגע זאַכען לעגט ער צוריק אין טשעמאָדאַן, שטעלט איהם אונטער'ן בעט. ברענגט אַלץ אין אָרדנונג. אַ ווײלע שטעהט ער אויף אַנ'אָרט פערטראַכט. ווענדעט זיך פלוצלונג צום טיהר און לויפט אַרויס. פויזע).

**מענדיל** (לויפט ווידער אַריין. שמעקט זיינע הענד און פערקרימט זיך שטאַרק, געפינט אַ מעסער און פאַנגט אָן שאָבען די הויט פון זיינע הענד. שניידט מיט'ן מעסער אָב ביגטלאַך האָר פון זיין קאָפּ און פון באָרד, זוכט אַ ווײלע אין אַלע ווינקעלאַך גאָר ניט רעדענדיג. געפינט אויף אַ פענסטער אַ שטיקעל שפיגעל-גלאָז, קוקט זיך אין דעם אַיין. שליידערט דאָס שטיקעל שפיגעל-גלאָז און לויפט אַרויס. אַ פּאָר מינוט שטיל).

**רייזעל און בערעל חזיר** (קומען אַריין).

**בערעל חזיר.** די „נבלה" ימח שמו זאָל ער ווערען! ער איז ניטאָ. איך וועל איהם דעם שאַרבען אַראָבנעמען — אַ פייער אויף איהם! (קוקט זיך אַרום) אַברויש שלאָפט? (נעמט רייזלען פאַר'ן האַנד. פיהרט איהר דורך אַ פּאָר מאָל איבערן קעלער, ווי צום טאַנצען). שיבעלאַך אַביסעל! פופע! ביזט דאָך אַ פופע — קאַק יאַ זדראָוו! (דריקט איהר פעסט צו צו זיין ברוסט) וואָס האָט געזאָגט די „נבלה" אַ?...

**רייזעל.** ער האָט געזאָגט, אָבער אַבי איך גלויב איהם ניט, — ער האָט עס פון כעס געזאָגט, אַדאַי, פון כעס.

**בעריל.** אָבער זאָג, וואָס האָסטו מורא?

**רייזעל.** אויף מיינע נאמנות; מיר האַרט ניט וואָס ער האָט געזאָגט.

**בעריל** (לאָזט איהר אָב). רייזעלע, וועסט חרטה האָבען אויב דו וועסט מיר ניט זאָגען.

**רייזעל.** ביזט, בעריל, אַ גרויסער „עקישן".

**בעריל** (פערמעסט זיך מיט'ן פינגער). וועסט רייזעלע חרטה האָבען.

**רייזעל.** אַז איך וויל ניט דערצעהלען, מסתמא ווייס איך דאָך פאַר וואָס.

**בעריל.** מעהר רעד איך ניט. „בעריל" האָט פיינד גרויסע טענות מאַכען.

**רייזעל** (שטיל). ער האָט געזאָגט, אַז דו שינדסט אייך גע'פגר'טע פערד...

**בעריל** (צוטומעלט, פערשעמט). וואָס?! ווער האָט געזאָגט?!

די „נבלה“! וואו איז ער? איך וועל אין איהם קיין גאַנצען גליד ניט לאָזען! די „נבלה“ האָט געזאָגט? (שווייגט אַ ווײַלע) האַ—האַ, מענדיל נבלה; ער וועט מיר שוין געדענקען דעם גאַנצען לעבען זיינעם. (קוקט אָן רייזלען), און דו האָסט געגלויבט?

רייזעל. וואָס ביזטו אַזוי אין כעס? כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז איך גלויב איהם ניט, אדרבה. איך האָב איהם געזאָגט, אַז ער זאָגט אַ ליגען. פון דיר, האָב איך איהם געזאָגט, שמעקט ווי פון „אַריסטאָקראַט“...

בעריל (צופרידען). ס'מאַכט ניט אויס! כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, פופע, אַז בעריל קען אַלץ (טראַכט אַ ווײַלע), וועסט נאָך זעהן, רייזעל, אַ זייגער מיט אַ גאָלדענער קייט — מיט אַ גאָלדענער קייט וועל איך דיר קויפען.

רייזעל. די מאַמע — אַיי, אַיי, וועט זי טאַנצען — זי וועט מיר די קאָלטענעס מיינע אויסרייסען.

בעריל (מיט כעס). איך וועל קומען אַהער. ניין — איך וועל בעסער וואַרטען ביז זי וועט קומען, איך וועל צוגעהן צו איהר. איך וועל עס איהר אָננעמען פאַר'ן קאָלנער און איך וועל עס איהר זאָגען: „הער נאָר ברײַנע, ברײַנקע! אויב דו וועסט נאָר פרובען נאָך אַמאָל אויפהויבען אַ האַנד אויף רייזלען — איז דאָ פון דיר אַ „קאָניעץ“ אויף אַנ'אָרט! דו, רייזעל, זאָלסט נאָר שווייגען — קוקען און שווייגען (שאָקעלט איהר האַנד), ביזט מסכים?

רייזעל (שווייגט).

בעריל. ביזט מסכים? ניין? אַ, זאָג!

רייזעל (שוואַך). פונדעסטוועגען איז זי דאָך מיינע אַ מאַמע.

בעריל. און אַז זי איז אַ מאַמע — איז וואָס? אַזאַ מאַמע? שפּיי איהר אין צורה! „רייזעל איז מיינע“ — וועל איך איהר זאָגען; „בעריל“ קען אַלץ בעווייזען.

רייזעל (קוקט איהם אָן, שמייכעלט). איך בין דיינע

בעריל. וואָס זאָגסטו?

רייזעל. איך בין שוין דיינע?

בעריל קוקט אָן רייזלען. צוטומעלט).

רייזעל. וואָס קוקסטו מיר אַזוי אָן?

בעריל (קאַצט זיך). הער רייזעל; (רעדט לאַנגזאַם, פערמעסט זיך מיט'ן פינגער) דו האָסט גערעדט מיט דער „נבלה“? מיט'ן

„פגר״? ער האָט מיט דיר וואָס גערעדט... ער האָט — הער רייזעל: ראשית וועל איך נעמען דער „נבלה״ און כ׳וועל צורייסען ווי אַ הערינג, איך וועל איהם זיין שאַרבען אַראָבזועצען — הערסט וואָס איך זאָג דיר? און צווייטענס — רייזעל?! רייזעלע! דו ווייסט, אַז איך בין „בעריל חזיר״? מיט מיר זאָלסטו ניט מאַכען קיין „פונקעל-מונקעל״, איך בין „בעריל חזיר״ בין איך.

רייזעל (אונרוהיג). וואָס שרייסטו אַזוי אויף מיר? וואָס סטראַשעסטו זיך אַזוי?

בעריל (שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ). רייזעלע...

רייזעל. זאָגסט, אַז דו וועסט שלאָגען מיין מאַמען — איך וויל ניט, אַז דו זאָלסט שלאָגען מיין מאַמען.

בעריל. און דער „נבלה״?

רייזעל (בייזט אום דעם טאָן). בערעלע... (כאַפּט איהם פאַר׳ן האַנד) קום לאָמיר געהן אַ פּאָלקע; לאָמיר זיך לערנען טאַנצען ביז די מאַמע וועט קומען.

בעריל. אָבער ענטפער מיר אויף דעם, וואָס כ׳האָב דיר געפרעגט...

רייזעל. וואָס?

בעריל. ווילסט אַ זייגער מיט אַ גאָלדענער קייט?

רייזעל קאָקעטיש). ראשית נעם מיר אויף אַ קלייד שטאָף, אויב דו ווילסט זיין אַ „מאַלאַדיעץ״; זעהווי די קלייד איז צוריסען — ס׳פּאַסט גאָר ניט צו די נייע שיך.

בעריל קוקט איהר גלייך אין פנים). וואָס וועט זיין דאַנאָך?

רייזעל (שמייכעלט). דערנאָך וועל איך האָבען נייע שיך מיט אַ נייע קלייד...

בעריל (איך כעס). מיט מיר שפּיל זיך ניט, בעט איך דיר — ווער ס׳וויל זיך שפּילען מיט׳ן „בערלען״ וועט גוט ניט אָבשניידען! (קליינע פּויזע).

רייזעל. בעריל!

בעריל. וואָס?

רייזעל. איך בין אַ שיינע — אַ?

בעריל (שווייגט קוקט פערטראַכט אין איין פּונקט).

רייזעל (טרעט אָב אין אַ זייט און זינגט פריילעך:)

אויפ׳ן הויכען באַרג, אויפ׳ן גרינעם גראָז
זיצען פּאַנעם צוויי;
שיינע בחורים מיט די פראַקען —

קו—מען דאָרט צו זײַ...
קומען דאָרט צו זײַ!

בעריל (ערוואַכענד). זאָג, וואָס זינגסטו, אַ? רײַזעל, אַ?

רײַזעל (זינגט).

אונ די פאַ—נעם ליבען זײַ, און די פאַנעם...

בעריל (געהט צו צו איהר). זאָג מיר רײַזעל וואָס זינגסט אזוינס?

רײַזעל (צופרידען). דו הערסט דאָך, אַז דאָרט אויף אַ באַרג אין גראָז, לעבען וואַלד, מסתמא, זיצען שײנע פאַנעם און צו די פאַנעם קומען קאַוואַליערען און זײַ האָבען זײַ ליעב — און גאָר (גיט איהם אַ קלעפּעל איבער'ן פלייצע).

בעריל (נאָך אַ קורצען שווייגען מיט אַ רחמנות'דיגען קול). רײַזעל, רײַזעל! זאָג בעסער...

רײַזעל (האַקט איהם איבער). הער בעריל; דו ווײסט זאָגען מענדלען, אַז ער זאָל ניט סמייען מעהר רעדען צו מיר?

בעריל. וואָס האַרט דיר? מעגסט זיך שוין פערלאָזען אויף מיר; אַז איך וועל איהם זאָגען, וועט ער שוין האָבען צו געדענקען אויפ'ן גאַנצען לעבען!

רײַזעל (סעריאָזנע). כ'האָב איהם פיינד. כ'קען ניט קוקען אויף איהם—טפוי—איך שפּיי אויף איהם. אַ שטיק פגירה! איך לאַך ניט, בעריל, ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל מיט איהם חתונה האָבען—חאַ—חאַ—חאַ! זאָג איהם בעריל, ער זאָל זיך בעסער ניט שטעקען...

בעריל. פערלאָז זיך אויף מיר. איך וועל נאָך איהם פאַר אַלץ בעצאָהלען. איך וועל איהם נאָך בעווייזען ווער איז אַ „שינדער“ (שטאַמעלט) רײַזעל! הערסט, דאָס לעצטע וואָרט... הערסט— מיין לעצטען וואָרט... (רעגט זיך) דו דאַרפסט וויסען מיט וועמען דו מאַכסט „קונקעל מונקעל“.

רײַזעל (נעמט איהם אַרום). האָסט עס מיר אַזוי ליעב?

בעריל (שווייגט).

רײַזעל. בעריל, זאָג מיר דעם אמת...

בעריל. רײַזעל... רײַזעל... (די ווערטער ווערגען איהם אין האַלז) הערסט, איך שווער דיר... איך... אַז איך זאָג... פערשטעהסט —אַז בעריל זאָגט... גענוג! (ער קוקט איהר אָן ווי ער וואָלט וואַרטען אויף אַ תשובה. טרעט אָב פון איהר און פאַנגט אָן אומגעהן איבער'ן צימער.

ברײנע (קומט אַריין, טראָגט צוויי קערב פיש אויף די הענד. קרעכצט. וואַרפט אַ שאַרפען בליק צו רײַזלען. שטעלט אַוועק די קערב און

בלייבט זיצען דער קאָפּ אַראָבגעהאַנגען).

ריזעל (געהט צו צו ברײנען). וואָס איז דיר, מאַמע?

ברײנע (שווייגט).

ריזעל. וואָס איז דיר?

ברײנע (מיט אַ שאַרפֿע שטימע). אַוועק פֿון מיר, משומדת!

בעריל (בלייבט שטעהן אויף אַן׳אָרט. קוקט בײז צו ברײנען.

ריזעל. וואָס איז, אַז איך פֿרעג?

ברײנע. אַוועק פֿון מיר! איך צופלעט דיר באַלד דיין
קאָפּ מיט אַ שטיק האָלץ... איך וועל זיך מיט יסורים אַרום שלע=
פען אין די גאַסען און זי וועט הוליען אין שטוב... כ׳האָב קיין
כח ניט דיר צו קאָרמענען! (זי בעמערקט נייע שיך אויף ריזעלס פּנים),
וואָס איז עס?... שיך? נייע שיך?!... וואו האָסטו זיי גענומען?
אַ?... זאָלסט מיר זיי שוין אויסטאָהן! די מינוט — זאָלסטו זיי
אויסטאָהן! און אויב ניט — (נעמט אַ שטעקען) טהו אוים משומדת!

בעריל (געהט לאַנגזאַם צו ברײנען). ברײנע... (ציהט די ווערטער)
ברײנע! איך היים דיר אויפֿהערען, הערסט? איך „בעריל חזיר“
הייסט, און פרוב נאָר ניט פֿאָלגען!

ברײנע (מיט אַ ווילדען כעס). ווער ביזטו. ווער ביזטו עס,
זאָג מיר! דו וועסט מיר אַ דעה זאָגען וואָס צו טאָהן מיט מיין
טאָכטער, אַ?! חזיר! חזאַק! חזיר׳איסקאָ! (טופּעט מיט די פּים).

בעריל (מיט ישוב הדעת). איך זאָג דיר נאָך אַ מאָל, אַז דו
זאָלסט צו מאַכען דיין פּיסק. ברײנע! איך היים!... און אויב
ניט, וועל איך דיר איהם פֿערמאַכען!

ריזעל (שלעפּט בערלען אין אַ זייט). בעריל, בעריל הער אויף

בעריל (שטויסט איהר אָב). אַוועק פֿון טיהר. (צו ברײנען) ריי=
זעל איז מיינע... מיינע איז זי, דו פֿערשטעהסט? האָסט אויף
איהר קיין פראַוו ניט! מיינע איז זי (קוקט צו ריזלען).

ברײנע (נאָך אַ קורצען בעטראַכטונג). דיינע איז ריזעל??
דיינע?? חזיר! דיינע?! (גיט ריזלען אַ פּאַטש) מיינע איז ריזעל...
זי איז מיינע—מיין טאָכטער! מיין טאָכטער, (גיט איהר נאָך אַ פּאַטש)
איך בין איהר מאַמע!...

בעריל (שליידערט ברײנען צו אַברושען) אַוועק פֿון מיר! איך
זעץ דיר באַלד דעם שאַרבען דיינעם אַראָב!

ברײנע (מאַכט אַ געוואַלד) געוואַלד! ער וויל מיר הרג׳ענען!
(ווענדט זיך צו אַברוש׳ן) אַבאַ! אַבאַ! אַברוש גנב! שטעה אויף גי=
כער! געה רוף פּאָליציע גיכער, אַברוש גנב! (רייסט איהם פאַר זיי=
נע האָר) אַברוש! אַ מיתה משונה אויף דיר, שטעה אויף! געה

רוף פאָליציע (פלוצלונג דערשראָקען שפרינגט אָב אינטערזיך). וואָס איז עס?!... שמע ישראל!—אַברוש! אַבא! אַבא! ער איז טוידט!... ער האָט גע'חלשט... רופט מענשען, גיכער רופט מענשען! ראַטעוועט!...

ריזעל (שטעהט פון וויטען, ציטערט פון קעלט).

בעריל (געהט צום בעט, פרובט וועקען אַברושען). אַבא! ר' אבא! (שאָקעלט איהם פאַר'ן האַנד) ער האָט גע'חלשט! גיט וואַסער! גיט וואַסער! (ס'ווערט אַ געטומעל אין שטוב).

אַ שטימע (פון אינטער'ן טיהר).

אויפ'ן לאָנקע, אויפ'ן לאָנקע, פייגלאַך פליה—ען...

(אַ קליינע ווילע בלייבען זיי אַלע שטעהן און הערען זיך צו).

מענדיל (קומט אַריין. פון זיין פנים רינט בלוט און ער ציטערט פון קעלט. די זאַכען זענען אויף איהם צוריסען. מיט אַ שמייכעל קוקט ער אַלעמען אַרום. די הויז-לייט קוקען איהם אָן פערוואונדערט און צושראָקען. פון גאַס הערט זיך שרייען קינדערשע קולות „אין קעלער איז ער, אין קעלער איז ער!“ מענדיל מאַכט משונה'דיגע גרימאַסען. שמעקט אין לופט), פוט-פוט! פוט-פוט — (שמעקט די הענד זיינע, פאַנגט אָן מיט די נעגעל צו רייסען די הויט פון די פינגער. פון די פינגער טריפט בלוט).

ריזעל (אַ דערשראָקענע) ראַטעוועט! ראַטעוועט! ער איז משוגע!

מענדיל (געהט לאַנגזאַם צו אַברושעס בעט און זינגט:) מענ-דיל נב—לה... אַברוש... מענדיל—נבלה... אויפ'ן לאָנקע, אויפ'ן לאָנקע...

(פאָרהאַנג.)